STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06443

# TSUFIL IN EYN VOKH

Haim Goldenstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים גאָלדענשטיין

# צופיל אין איין וואָך

1420

MAR 29 '76

DECK IV

גראפיקער: א סאטמארי

חיים גאָלדענשטיין

# צופיל אין איין וואָך

דערציילונגען

פארלאג קריטעריאָן
בוקורעשטי 1974

***Jeannine,***
***que tu aies pleurè à vingt ans***
***sur la tombe de ton père c'ètait***
***tragique,***
***qu'à tes vingt et un ans nous pleu-***
***rions sur la tienne est inc oncevable***

**(tovjean)**

זשאַנין,
ווען א צוואַנציקיאָריקע טאָכטער וויינט אויפן
קבר פון איר טאטן איז טראגיש,
דאָס קלאָגן פון א מאמען אויפן קבר פון דער זעלבער
איינאונצוואַנציקיאָריקער טאָכטער פארגליווערט די געדאנקען.
(טובזשאן)

פאָר פאמעלעך, אפשר וועט דיר אויסקומען די
וועלט א באקאנטע.
(נח, קאפ. א 1)

סע לאט, אולי ידמה לך ידוע העולם הזה.
(נח, פרק א, 1)

***Drive slowly, so perhaps the world will look***
***well known to you.***

**(Noah, chap I, 1)**

---

* ניט זוכן אין תנ"ך, ס'איז אן אנדערער נח. ס'איז דער זיידע
וועלכער האָט זיך אין א ווינטערדיקער לבנה־נאכט טועה געווען, געמיינט
אז ס'איז טאָג און אָנגעהויבן שרייבן. דאָס זענען אלע זיינע ווערק, מער
איז אים ניט געלונגען אָנצושרייבן. כ'האָב זיך נאָר דערלויבט זיי מתרגם זיין
אין עברית און ענגליש.

# פאָרוואָרט

אמת, א מחבר שטעלט זיך אליין פאָר. די בעסטע ווזיטקארט זיינע איז דאָס ווערק גופא. דאָס דאָזיקע בוך איז אָבער א יוצא מן הכלל, ווייל הגם ס'איז אן ערשטלינג, איז עס אָבער אזא וואָגיק און רייף ווערק, אז דער לייענער ווערט מיט רעכט נייגעריק: ווער איז אָט דער מחבר, וועמענס נאָמען ער הערט צום ערשטן מאָל?

דערפאר זענען נייטיק עטלעכע ביאָגראפישע דאטן:

**א). וועגן מחבר.**

חיים גאָלדענשטיין (צי זשאן קאָלער, ווי ער איז באקאנט אלס פאָליטיש־געזעלשאפטלעכער עסקן), איז געבוירן אין יאָר 1912, אין מאָלדעווישן שטעטל סינעשט. נאָך דעם ווי ער האָט באקומען א טראדיציאָנעל־יידישע דערציאונג האָט ער זיך געלאָזט אויפן קאָמפליצירטן וועג פון א רעוואָלוציאָנער, איבער לענדער און קאָנטינענטן: ארץ־ישראל; א פרייוויליקער אין די אינטערנאציאָנאלע בריגאדעס אין שפאנישן בירגערקריג; דעפּאָרטירט אין אלזשער; פארטיזאן אין די רומענישע קארפאטישע בערג קעגן די נאצים — בקיצור, ער האָט דורכגעמאכט אלע שבעה מדורי גן־עדן...

אין דער דערציילונג „יאנקעלעס גילגולים" איז יאנקעלע, שימשעלע און טענעגראָ איינער און דער זעלבער פארשוין. קאָלער זשאן, קאָזשאן יאָן און חיים גאָלדענשטיין איז איין און דער זעלבער מחבר... אין די חדר יאָרן האָב איך זיך געוואונדערט פאר וואָס יתרו האָט געהאט אזש זיבן נעמען, אָבער אז איך בין אונטערגעוואקסן האָב איך פארשטאנען אז ווען יתרו איז געווען **ביי די מדינים** א גלח און געהאט אן איידעם משה, וואָס

איז געווען **ביי די יידן** א רבי — האָט ער טאַקע געדאַרפט האָבן זיבן נע־מען. איז דאָך אויף א בית־עלמין לעם פּאַריז פאַראַן א מצבה אויף וועל־כער ס'איז אויסגעקריצט דער נאָמען פון אן אנטיפאַשיסטישן קעמפער יאָן קרעטשון וואָס איז ניט קיין אַנדערער ווי דער רומענישער ייד קאַראָל גאָלדשטיין...

**ב). וועגן מחברס ליטעראַרישער טעטיקייט.**

ווייזט אויס אז דער זיג־זאַגישער לעבנסוועג האָט אינספּירירט דעם מחבר זיך צו נעמען באַשרייבן פון דעם איבערגעלעבטן, און פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1970, אין מלוכה־פאַרלאַג עמינעסקו, א באַנד דערציילונגען אין דער רומענישער שפּראַך, אונטערן טיטל „זומערדיקע נעכט"; צוויי ראַדיאָ־סצענאַרן: „נעגאַרול ענטפּערט ניט" און „די באַגעגעניש איז צען א זייגער", ווי אויך עטלעכע דראַמאַטישע באַאַרבעטונגען פאַרן ראַדיאָ. דאָס אַלעס אונטערן פּסעוודאָנים יאָן קאַזשאַו.

אין יידיש איז ביז היינט דערשינען בלויז איין דערציילונג, אין זאַמלבוך „אויפשטייג", וואָס איז דערשינען אין בוקאַרעשט אין יאָר 1972.

הייסט עס אז דאָס דאָזיקע בוך דערציילונגען איז כמעט אן ערשט־לינג אָבער ניט פון אן אָנהייבער, ווייל די אָפּרופן פון דער רומענישער קריטיק האָט אין אים דערקענט א טאַלאַנטירטן שרייבער, אָדער ניט נאָר סתם א דערציילער, נאָר נאָך מער פילאָזאָפירער.

חיים גאָלדענשטיין שפּינט ניט קיין זכרונות. זיינע דערציילונגען זענען ניט קיין זכרונות־ליטעראַטור, הגם זיי זענען שטרענג אויטאָביאָ־גראַפיש, נאָר דורינגט אריין אין תוך פון די עטלעכע דערציילטע געשעע־נישן און אַנאַליזירט זיי (מ'קאָן זאָגן אויך פּסיכאָאַנאַליטיש!) אויף א גאָר אָריגינעלן אופן און זוכט זיי צו פאַרשטיין, קודם־כל ער אליין און דער־נאָך צוזאַמען מיטן לייענער. דאָס דערציילטע, די דיאַלאָגן זענען ווי די שיחות־חולין פון תלמידי־חכמים. די חכמה איז ניט אזוי קיין איינשטודיר־טע ווי פּערזענלעך איבערגעלעבטע. א טיפזיניקע, איינגעקריצט אין די קניייטשן פונעם צעאַקערטן שטערן און פּנים... ס'איז ניט דער פאַל פון יענעם וואָס דערציילט וועגן זאַכן וואָס ער האָט געהערט, אָבער ער אַליין קאָן עס ניט גרינטלעך. נאָר אויך אפילו ניט פון יענעם וואָס ווייסט יאָ די גאַנצע מעשה, אָבער ער האַלט דעם לייענער פאַר אן אומוויסיקן וואָס ווערט ערשט איצט געוואָר וועגן דעם דערציילטן. ניין, דאָ איז עס ניט דער פאַל. חיים גאָלדענשטיין דערציילט פיל ווייניקער ווי ער ווייסט. תמיד

בלייבט עפּעס ווי ניט דערציילט, ניט דערזאָגט, ווייל דער מחבר האַלט אַז דער לייענער איז ניט אַזוי נאַאיוו, איז דאַרף מען אים ניט פּיקן די צונג. מ׳דאַרף אים נאָר אָנרעגן צו טראַכטן, צום דענקען, און זעלבסטפאַרשטענד־לעך — צום פאַרשטיין. דעם לייענער דאַרף מען געבן די סאַטיספאַקציע פון זיך אָנשטויסן אַליין. דער מחבר האַלט אַז דער לייענער איז ניט פיל ווינציקער חכם פונעם שרייבער — און דאָס באַפרידיקט דעם לייענער...

ער גייט אויפן וועג פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער ליטעראַטור, וואָס פלעג ענדיקן דעם געדאַנק מיט אַ קורצן ראָשי־תיבותדיקן „וד״ל" (ודי למבין, צי ודי לחכימא ברמיזא!), פאַר אַ חכם איז גענוג אַן אָנדייט, אַן אָנצוהערעניש. אָבער דער אָנדייט איז אַ פילדייטיקער, מ׳דאַרף אים נאָר באַנעמען און פאַרשטיין. טאַקע דערפאַר הויבט זיך אָן דאָס בוך מיט דער וואָרנונג „גיי לאַנגזאַם", לייען פּאַמעלעך, ניט געאײַלט — נאָר אַזוי וועט עס קלאָר זיין...

די טעמאַטיק איז אַ יידישע. די שפּראַך איז אַ יידישע, אָבער דער סטיל איז אַ מאָדערנער, אַן אײַגנאַרטיקער. דער אופן דענקען איז שטרענג יידישלעך אַ רמיזאַדיקער, סיי דורך דעם פראַגמענטאַרישן אופן דערציילן, אויף פאַרשידענע צייטאָפּשניטן און פאַרשידענע ערטער, און מיט די אײַגנ־אַרטיקע מעטאַפאָרן געלינגט עס דעם מחבר צו סוגערירן דעם לייענער אַז דאָס לעבן איז שיין אַזוי ווי עס איז, סיי באַרג־אַרויף סיי באַרג־אַראָפּ, אַז דער בליאַסק פון אַ טרער איז ניט עפּעס אַנדערש ווי אַ שימערירנדיקער דימענט פון פריידן און צומאָל פון ליידן איבערגעלעבטע, אַז טייל מאָל באַגעגענען זיך אומפאַרשטענדלעכע אימפּולסן צי סודותדיקע קמיעות — אָדער זיי פירן פשוט אין קעגנגעזעצטע ריכטונגען.

דאָס איז די חכמה און דער זין פונעם לעבן און איבערגעלעבטן, ניט קיין הבל־הבלימדיקע קוהלת־חכמה, נאָר מער אַ משלידיקע חכמה, אַן אָפּטימיסטישע.

בוקאַרעשט, מערץ 1974.

**וואָלף טאַמבור**

# צו פיל אין אין וואָך

דער לערער האָט געזאָגט אַז די שטאָט איז גרעסער פון דאָרף, דאָס דאָרף פון דערפל און להיפך. ארויסגערעדט „להיפך„ איז ער שטיין געבליבן אַן איבערראַשטער, געקוקט מיט קיילעכדיקע אויגן אין קלאַס. זיין בליק איז לאַנגזאַם געקראָכן פון דער קאַטעדרע ביז דעם אַנדערן עק קלאַס, איבער געשוירענע קיילעכדיקע קינדער־קעפּלעך, אַזוי פּאַוואָליע אַז אַלע שילער האָבן קוים געקערעוועט די קעפּ באַגלייטנדיק זיין בליק אַהין און צוריק. אַ ייִנגעלע האָט געפרעגט „וואָס הייסט „להיפך״? האָט דער לערער געענטפערט „פאַרקערט״. דער שילער האָט געפרעגט צי דאָס הייסט אַז אויך דאָס דערפל איז גרעסער פון דאָרף און דאָס דאָרף פון שטאָט, האָט דער לערער געענטפערט אָפּהענטיק, אים געהייסן גיין אין ווינקל און קניען אויף אַ בערגעלע קוקורוז־זערנעס. דער שילער האָט געזאָגט אַז אויב ער וועט קניען אויפן בערגעלע וועט עס זיך צעפאַלן, האָט אים דער לערער געהייסן אויסציען די הענטלעך און דערלאַנגט פינעף קלעפּ אויף דער רעכטער פינעף אויף דער לינקער, אים גענומען ביים אויער, אָפּגעפירט אין ווינקל, געצוואונגען קניען אויף די קוקורוז־זערנעס מיט אַ צווישטשעדיק קול: וויינסט ניט, וויינסט ניט, וויינסט ניט?!

מיר געפעלט דווקא וואָס אונדזער דערפל איז גרעסער פון דאָרף. אַנדערש וואָלט ניט געקאָנט זיין. עס ציט זיך פון באַרג ביז צום טייך און אויף יענער זייט טייך. די טייל וואָס איז אויף יענער זייט טייך זעט מען ניט. די גערטנער פאַרדעקן די הייזער, זעט עס אויס ווי אַ וואַלד. ווען די קינדער פון יענער זייט טייך קומען צו אונדז, זעען זיי אויס דערשראָקענע, שיינט עס מערקווירדיק, ווייל דער וואַלד איז דאָך אויף יענער זייט.

שוין איבער צוויי וואָכן אז איך גיי ניט אין שולע, אויך מיט א יאָר צוריק בין איך א לאנגע צייט ניט געגאנגען אין שולע. דער גלח האָט געזאָגט אז די יידן האָבן געקרייציקט איינעם ישו פון נצרת. נצרת איז ווייט, ערגעץ איבער א סך ימים. די קינדער אָבער האָבן געמיינט אז ס׳איז א שכנותדיק דאָרף אז דאָס גרויסע אומגליק איז דאָרט געשען און שולדיק זענען אויך די יידן פון אונדזער דאָרף, אזוי אז זיי האָבן באשטימט טון מיט מיר און מיט מיין ברודער דאָס וואָס מען האָט געטאָן מיט ישון. א נקמה אזא. אבער אונדז האָט עס ניט געפעלן, זענען מיר געגאנגען צום טייך זיך אויסגעבאָדן אין אייזקאלטן וואסער, נאָך דעם געווען א צייט קראנק, מ׳האָט געזאָגט לונגען־אנטצינדונג און אין שול ניט געגאנגען. אָבער דאָס איז געשען צוריק מיט א יאָר. דאָס מאָל גיי נאָר איך ניט אין שול ווייל די מאמע זאָגט אז ס׳איז בעסער אזוי. דעם גאנצן טאָג זיץ איך אין שטוב. פאר דער שטוב איז א ליידיקער פלאץ. ווען איך קוק אין פענצטער פארפלייצט א גרויסע מענגע מענטשן דאָס פלאץ, ווי דעמלט ווען ס׳איז געשען מיט אסתרקען. איך פארמאך די אויגן און קריך שנעל אראָפּ פון בענקל כדי א קוק טון צו די טויבן וואָס וואָרקען אונטער דעם בעט. די טויבן זענען אהין פארקראָכן און שטייען אין א ווינקעלע טרויריקע. ס׳וויל זיך מיר א קוק טון אין פענצטערל וואָס היינטערן אויוון, האָב איך מורא די שויב זאָל זיך ניט רויטלען ווי אין דער זעלבער וואָך ווען ס׳איז געשען מיט אסתרקען. כ׳ווארף א קוק קרימלעך, זייטיק און דערשרעק מיך פאר מיין אייגענעם מוט, פילנדיק בשעת מעשה א מין שטאָלצקייט וואָס מאכט מיין פחד נאָך גרעסער. גאווה באשטראָפט מען, גאווה געפעלט עמעצן ניט און יענער עמעצער האָט אן אומבאגרענעצטן כח. די מאמע זאָגט איך זאל אריין ווארפן א פּאָר אָפּגעשיילטע קוקורוז־קאָטשענעס אין פייער, דער אָקרעפּ זאָל שנעלער אויפקאָכן. זי ווייסט אז איך האָב ליב צו קוקן ווי די קאָטשענעס טליען, הערן זייער קנאלן ווי פלאָריטשעלס בייטש, ווען ער טרייבט די טשערעדע פאשען. אָבער איצט געפעלט עס מיר ניט מער. ס׳שרעקט מיך ווי אין יענער נאכט פון דער שיסערייי אָדער אין דער נאכט ווען דאָס שייבל וואָס הינטערן אויוון האָט זיך גערויטלט. איין טאָג פאר דעם וואָס ס׳איז געשען מיט אסתרקען. דער מאמען זאָג איך דאָס ניט. כ׳זוך מיר א טועכץ מיט די טויבן.

די מאמע האָט געבעטן דעם שכן ער זאָל מיר ברענגען א פּאָר טויבן. מען זאָגט, האָט זי געזאָגט, אז טויבן העלפן. געשענקטע טויבן פארטרייבן שווארצע מחשבות. „לאָז, איך וועל דיר פאר זיי באצאָלן“, האָט זי צוגעגעבן בסוד. ווייזט אויס אז דערפאר העלפן זיי ניט. די מאמע האָט ניט געוווסט אז

איך הער זיך צו. אזוי האָב איך זיך דערוווּסט וועגן מיינע „שוואַרצע מחשבות". איך האָב דאָס ניט געדאַרפט וויסן, ווייל נאָר אזוי איז די סגולה א סגולה. נאָך ערגער איז דאָס וואָס דער שכן האָט דערציילט דעם סוד די טויבן. ווען ער האָט זיי געכאַפּט האָט ער זיי דערציילט. ער האָט זיי זייער ליב געהאַט, אים איז שווער געווען זיך צו צעשיידן פון זיי, האָט ער זיי געמוזט זאָגן פאַרוואָס ער טוט דאָס. נו, האָט ער א תל געמאַכט די גאַנצע געשיכטע. זענען די טויבן גאָר ברוגזע, זיי ווילן ניט פאַרטרייבן קיין שוואַרצע מחשבות. זיי האַלטן אז דאָס איז ניט זייער דאגה, דערפאַר באַהאַלטן זיי זיך אונטערן בעט, וואַרקען טרויעריק. זייער אָנוועזנהייט פילט מען מער פון געווען וואָס זיי פאַרשפּרייטן פון צייט צו צייט. דעמלט קרעכצט די מאַמע. כ׳מיין אז מ׳וואָלט זיי געדאַרפט אָפּקוילען די טויבן, ווייל איך דאָס אָבער דער מאַמען ניט זאָגן, ווייל עס כאַפּט מיך אָן א שרעקלעך רחמנות און כ׳ווייס ניט אויף וועמען, אויף דער מאַמען, אויף די טויבן צי אויף ביידע.

אונדזער דאָרף איז זייער לאַנג, אויסגעצויגן אָן א שיעור. א סך הייזער, יעדעס אַרומגעצוימט מיט א פּלויט. נאָר אונדזער שטיבל שטייט נאַקעט און איינזאַם אויף א בערגל, גלייך ווי עמעצער וואָלט עס דאָרט געווען פאַרגעסן, אָן א הויף, אָן א פּלויט, אָן ביימער אַרום. צווישן הויז און שליאַך איז פאַראַן א ברונעם מיט א הויכן סלופּ, אָנגעשפּאַרט אין אים א צווייטער, א באַוועגלעכער ווי ביי אַלע דאָרפבּרונעמער. אפשר זענען זיי אַ־זעלכע אויף דער גאַנצער וועלט? מיין עלטערער ברודער קריכט אויפן סלופּ ווי א קאַץ. ער דראַפּעט זיך מיט הענט און פיס שנעל, קוים מ׳זעט אים איי־בערהויפּט ווען ער טוט עפּעס אָפּ א מעשה און ווייסט אז די מאַמע וועט זיך לאָזן נאָך אים מיט דער קאָטשערע. ווען ער איז אויפן שפּיץ סלופּ גרייכט זי צו אים ניט אפילו מיט דער קאָטשערע. איצט איז ער ניטאָ אין דאָרף. מ׳וויל פון אים מאַכן א שוחט, א דיין אפשר גאָר א רב. אין זיין אָפּוועזנהייט זענען דער סלופּ און דאָס פּלאַץ וואָס פאַר אונדזער שטוב פּוסט. דאָ איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס לעצטע מאָל אסתרקע, אין דער זעלבער וואָך אין וועלכער דאָס שייבל וואָס היטערן אויוון האָט זיך געדרויטלט אין א פינצטערער נאַכט. אסתרקע האָט א שוועסטער, צווילינג זענען זיי. ווער ס׳ווייסט ניט וועט קיינמאָל ניט גלויבן אז זיי זענען א צווילינג. אזא מעגלעכקייט קאָן אויפן געדאַנק ניט קומען, אזוי פאַרשידן זענען זיי. איר שוועסטער איז א קיילעכדיקע, מיט רויטלעכע בעקלעך, מיט א שטענדיק צופרידן געלעכטערל. אסתרקע איז א בלייכע, אָן ערנסטע, א קרענקלעך

ערנסטע, זאָגט מען. איך מיין אז אזוי איז שענער, מיר געפעלט זי מער ווי איר שוועסטער.

ווען איך קוק דורכן פענצטער זע איך דאָס פלאַץ וואָס נידערט אראָפּ לייכט, משופּעדיק ביז צום שליאַך. רעכטס און לינקס זעט מען נאָר קליינע טיילן פון דעם וועג וואָס ציט זיך צווישן די דאָרפסשטיבער. א רואי־קער וועג. צומאָל יאָגט אויף אים א הונט. די קיען שפּאַנען צוויי מאָל אין טאָג לאַנגזאַם, אינדערפרי אין פעלד אריין שווייגן זיי און פארנאכט, אהיימצו מעריקען זיי און הויבן אויף א געדיכטן שטויב. אויך די וועגענער פאָרן לאַנגזאַם, מייסטנס געשלעפטע פון שוואַר־טרעטנדיקע אָקסן.

כ׳קאָן פארכאַפּן מיטן קוק נאָר א קליינעם טייל פון וועג ווייל אונ־דזער הויז איז א זייטיקס, אביסעל אָפּגעריקט פון שליאַך. פארוואס ווייס איך ניט. צומאָל דאכט זיך מיר ס׳איז א פארשאָלטנס און צומאָל א באַ־זונדערס, אַן אויסדערוויילטס. דער וואָס האָט עס געבויט האָט ניט געוואָלט שטיין אין איין ריי מיט אַלע איבעריקע. דאָס זענען אזוי געדאַנקען וועלכע איך דערצייל קיינעם ניט. ס׳קומט מיר אויס אז אזעלכע געדאנקען זענען זייער נארישע. און ביי אונדז אין דער משפחה, זאָגט מען, זענען אַלע קלוגע. אפשר דערפאַר האָבן אַלע מיינע ברידער און שוועסטער קיילעכדי־קע נעמען, פארענדיקטע. נעמען וועלכע זענען גענוג זיך אליין, אזוי ווי זיי זענען. פארציעניש דארפן זיי נישט, ס׳וואָלט געמינערט זייער ווערט.

אסתרקען האָב איך געזען קומען אויף יענער זייט שליאַך און האָב פארשטאַנען אז דאָס מאָל וועט זי אויסמיידן אונדזער שטוב, מייסטנס ווען זי גייט פארביי בלייבט זי א רגע שטיין גלייך זי וואָלט זיך ראנגלען מיטן גע־דאנק: „יאָ, צי ניין״, נאָך דעם קומט זי אריין. אָפט שפּילן מיר זיך אין בליג־דזעניש. די שפּיל געפעלט מיר זייער. ס׳געפעלט מיר דאָס זוכן איינער דעם צווייטן. ווען זי פארבלאָנדזשעט זיך צווישן מיינע צעשפּרייטע אָרעמס גיט מיין הארץ א צאַפּל, א משונהדיקן צאַפּל און איך נעם זי ארום מיטביידע הענט אבער איך דרוק זי ניט צו שטארק, [ווייל אסתרקע איז א צארטע, כמעט א צערברעכלעכע. צומאָל נאָך דעם וואָס זי גייט אוועק קרעכצט די מאמע און זאָגט פאר זיך: „נעבעך״.

— פארוואָס נעבעך, מאמע?

— זי זעט אויס ווי אַן אלטיטשקע.

— ט׳האָסטו דיר א מעשה.

פאר אזא ענטפער לאָזט מיר די מאמע אראָפּ א פעטשל. איך וויין און די אנדערע לאכן. זיי ווייסן אז איך וויין ניט פאר ווייטיק ווייל דער

מאַמעס פּאַטש טוט ניט וויי, זי האָט קיין כּוח ניט. פֿאַר דעם וואָס זי טרעט מיין „האָנער“ וויין איך. די איבעריקע זאָגן: „דעם כּבוד פֿון יענעמס אייניקל“. ס'איז אַ גראָבער ליגן, איך האָב „יענעמס“ אַפֿילו ניט געקענט און ווייס ניט אין וואָס זיין כּבוד איז באַשטאַנען. כ'האָב אַמאָל אונטערגעהערט אַ שמועס צווישן מיינע שוועסטער און ברידער. טאַקע וועגן האָנער, וועגן מענטשלעכן כּבוד, האָבן זיי גערעדט. דער וואָס איז ערגעץ אין שטאָט ווו ער לערנט זיך צו זיין אַ שוחט, צי אַ רבֿ האָט געזאָגט אַז ביי מיינע יאָרן קאָן וועגן מענטשלעכן כּבוד קיין רייד ניט זיין. זייט דעמלט וויין איך נאָך שטאַרקער: ס'וויל זיך מיר וויסן ווען הייבט ער אָן, דער כּבוד?

לויט אַסתּרקעס גאַנג האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז דאָס מאָל וועט זי זיך ביי אונדז ניט אָפּשטעלן. דער קוק אירער, די האַלטונג אירע, די טריט, אַלץ האָט אויסגעזען אָנגעדראָדלט, קאָנצענטרירט ערגעץ אין דער ווייט, גלייך ס'וואָלט זי געצויגן דער וועג וואָס פֿירט אין צווייטן דאָרף, פֿון דאָרט אין אַן אַנדערן און אין נאָך דערפֿער ביז ער פֿאַרלירט זיך אין שטאָט, העט ווייט ווו איך בין קיינמאָל ניט געווען. איז זי אָבער פּלוצעם שטיין געבליבן, לאַנגזאַם געקערעוועט איר שוואַרץ קעפּל, כ'האָב געוואַרט זי זאָל מיר מאַכן אַ צייכן מיט דער האַנט ווי איינער רעדט „כ'האָב דיך אָפּגענאַרט, כ'קום“, אַזוי פֿלעג זי זיך צומאָל נאָכקרומען טשערניאַקס טעכטערל, יענע וואָס פֿאַרבט זיך די ליפּן, שנורעוועט דאָס פּיסקל און מיט אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט זיך לאָזן אין אַ טאַנץ, וואַרפֿט זי משונהדיקע ווערטער: „מאָנדיו, גאָט מיינער“, דעמלט פֿלעגן מירביידע לאַכן ווי דערוואַקסענע. דאָס מאָל איז ניט אַזוי געשען. זי האָט זיך געלאָזט איבערן וועג מיט אַ שטאַרן בליק, כ'האָב געפֿילט אירע טריט אין מיינע אויפֿן פֿענצטער אָנגעשפּאַרטע עלנבויגנס ווי אַן עלעקטרישן שטראָם, זיי האָבן זי געפֿירט אין אַ האַלבקרייז וועלכער האָט געמוזט אָנרירן דעם ברונעם און איך האָב מיך אַזוי דערשראָקן אַז ס'האָט זיך אַזש ביי מיר אַרויסגעריסן אַ געשריי: אַסתּרקע! די מאַמע האָט אַ שפּרינג געטון צום פֿענצטער, געעפֿנט דאָס מויל, דאָס פֿאַרדעקט מיט דריי פֿינגער, אַסתּרקע איז אָבער פֿאַרביי־געגאַנגען נעבן ברונעם, פֿאָרגעזעצט דעם וועג אויף דעם אין האַלוצינאַציע געצייכנטן האַלבקרייז, אָנגעקומען צום שליאַך און אַנידערגעפֿאַלן ווי דערשלאָגן פֿון אַ דינער. ס'האָט זי אָנגעכאַפּט אַ ציטער פֿון קאָפּ ביז פֿיס. מענטשן זענען זיך צענויפֿגעלאָפֿן, כ'ווייס ניט וויאַזוי זיי האָבן זיך אַזוי גיך דערוווּסט, געשטאַנען אַרום איר און ווען עמעצער האָט זי געוואָלט אָנרירן האָבן זיך געהערט

קולות: „ריר זיך ניט צו, מ׳טאָר ניט״. א ווייסער שוים האָט זיך באוויזן אין ווינקל פון מויל. ס׳דאכט זיך מיר אז כ׳האָב געפילט טרערן אין די אויגן. געוויינט האָב איך ניט. צוויי מענער האָבן זי אויפגעהויבן און ווייל אונדזער הויז איז געווען דאָס נאָענטסטע, האָט מען זי אריינגעטראָגן און געלייגט אויף דעם טאָפטשאַן וואָס די מאמע האָט אויף גיך אויסגעבעט מיט פינקעל־ווייסע קישן. געלייגט האָט מען זי מיטן קאָפּ צו דעם פענצטערל וואָס הינטער דעם אויוון. די מאמע האָט מיר געזאָגט אז אסתרקע האָט די „קינדערקראנק־הייט״ און מיך האָט געוווּנדערט וואָס זי זאָגט עס מיט אזא טרויער און אזוי סודותפול גלייך ווי אסתרקע וואָלט געווען א גרויסע און וואָלט געמוזט האָבן נאָר א דערוואקסענע קרענק.

ס׳האָט מיך געפרייט וואָס זי איז ביי אונדז. אירע עלטערן זענען געקומען און כ׳האָב נישט פארשטאַנען פארוואָס זיי זענען אזעלכע שע־מעוודיקע. וועגן איר פאָטער, א רייכער ייד, פלעג מען זאָגן: „מענדל ווייסט ניט פון קיין בושה״ און פלוצעם שעמט ער זיך גאָר. איך מיין אז ס׳איז גוט וואָס מען האָט זי געלייגט מיטן קאָפּ צום פענצטערל, אָבער איך שווייג ווייל ווען מען זאָגט פאר דערוואקסענע אז זיי האָבן עפּעס געטאָן גוט, לאכן זיי פון דיר: „קוק אים אָן!״ מאכן זיי, גלייך ווי זיי וואָלטן דיך באמערקט צום ערשטן מאָל. אזוי איז בעסער. אין דער נאכט דרינגט דורך דעם שייבל א געדיכטע פינצטערניש, ס׳וואָלט געקאָנט געשען ס׳זאָל זיך ווידער רויטלען ווי פריער מיט א נאכט, א רויטקייט וואָס איז מיר געבליבן אין הארצן ווי א דראָונג.

אויפגעוועקט האָבן אונדז טריט הינטער די פענצטער. מיר דאכט אז דער ערשטער האָט זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף דער טאטע. כ׳האָב גע־הערט ווי ער האָט געזאָגט דער מאמען: „שטילער, מיר זאָלן ניט אויפ־וועקן די קינדער״. כ׳האָב לאנגזאם געעפנט די אויגן און געזען דאָס רויטע שייבל און אין צימער שאָטנס.

— צינדט אָן דעם לאָמפּ, האָט געזאָגט די מאמע מיט א צי־טערדיק קול.

— אין אלע שטיבער איז פינצטער. וועט זיין ליכט קאָן מען נאָך ווארפן א שטיין, האָט געענטפערט דער טאטע.

— וווּהין לויפט דער עולם ? האָט געפרעגט מיין שוועסטער.

— שווייג, האָט געצישט דער טאטע.

— ס׳ברענט דער פריצישער הויף, דער וואָס אויפן בארג, האָט גע־זאָגט די מאמע און געשעפּטשעט א תפילה.

כ׳האָב געמיינט אז אסתרקע איז קראנק פון דער נעכטיקער שרפה. צוויי טעג איז זי געלעגן ביי אונדז. ביינאכט פלעג עמעצער זיצן נעבן איר. אויפן טיש האָט געברענט א קאנעצל. מ׳האָט געזאָגט אז מ׳האָט זיך גע־איילט מיטן אויפהויבן זי און מיטן אוועקטראָגן פון פלאץ ווו זי איז גע־פאלן און אז זי נאָך אמאָל איבערפירן וואָלט זי געקאָנט קאָסטן דאָס לעבן. ווען אירע עלטערן האָבן זי ארויסגעטראָגן פון אונדז האָט זיך מיר געדאכט אז זי שלאָפט, אָבער זי איז שוין מער קיינמאָל ניט געקומען.

אין דער נאכט נאָך איר אוועקגיין פון אונדזער הויז בין איך כמעט ניט געשלאָפן. כ׳האָב געטראכט וועגן אסתרקען און וועגן פייער וואָס האָט געדויטלט דאָס שייבל און האָט אויסגעזען ווי א דראָונג. און ס׳איז געווען בעסער אזוי ווייל די שיסעריי האָט מיך געפונען א וואכעדיקן. אין שטוב איז געווען פינצטער. נאָך אסתרקעס אוועקגיין האָט דאָס קאנעצל מער ניט געברענט. דער טאטע איז געשטאנען אין ווייסן וועש נעבן שווארצן פענצטער וואָס צו דער גאס. געקוקט אין דער נאכט.

— דאכט מיר זיי זענען פארבייגעגאנגען, האָט געזאָגט דער טאטע און איך האָב געהערט טריט וואָס דערווייטערן זיך. ס׳איז אָבער ניט געווען אזוי. די שיסעריי האָט זיך געהערט פון דער אנדערער זייט דאָרף. „זיי האָבן אָפּגעשאָסן א סאלווע כדי אָפּצושרעקן דעם עולם״, האָט מען שפּעטער קאָמענטירט. דער טאטע איז זיי נאָכגעגאנגען מיטן געהער לויט דעם קלאפּן אין די טירן, לויט די געשרייען.

— איצט זענען זיי ביי די טשערניאקס... איצט ביי מענדלען...ביי בראָטון. דער טאטע האָט גערעדט שטיל, זייער שטיל, אָבער די שטימע זיינע האָט געקלונגען קלאָר, צו קלאָר. ווייזט אויס אז די פינצטערניש האָט געטראָגן דאָס קול איבערן פוסטן צימער, ווייל דאָס צימער איז געווען פוסט כאָטש מיר זענען דאָרט געווען אלע.

צו אונדז זענען זיי ניט געקומען. זיי זענען געגאנגען נאָר אין יענע הייזער אין וועלכע ס׳האָבן געוווינט די טאבאק־פלאנצערס. ס׳איז געווען דאָס ערשטע יאָר נאָך דער מלחמה אין וועלכן מ׳האָט ארויסגעגעבן א דרויף וועגן טוטון. נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה. אזוי איז געווען אין אונזער דאָרף וואָס נעבן פּרוט, אין אנדערע דערפער ווייס איך ניט. דאָס דריטע הויז פון אונדז איז א קרעטשמע. דאָרט האָבן זיי געקלאַפּט שטארקער אין די טירן, מער ווי אין אנדערע. דער קרעטשמער, אן איינגעשפּארטער האָט ניט געוואָלט עפענען, ער האָט געזאָגט אז ס׳איז שפּעט. האָבן זיי אליין געעפנט מיט א לאָם. דער שענקער איז געבליבן אונטער דער טיר האָבן זיי אים

צעטרעטן אויף טויט. די אלטע קרעשטממערקע האָט געשריגן: „העלפט״. כ׳האָב ניט געוווּסט אַז זי איז די וואָס שרייט, ווייל ביז דעמלט האָב איך זי קיינמאָל ניט געהערט שרייען. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט אַז דאָס געשריי איז נעבן מיר, האָט עס מיך אַ דראַזשע געטאָן. זיי האָבן איר געהייסן שווייגן און האָבן זי אויך דערהרגעט. נאָך דעם האָט מען געזאָגט אַז מע וועט זיי כאַפּן, ווייל טויטע העלפן כאַפּן רוצחים. געזאָגט האָבן דאָס די זעלבע וועלכע האָבן געגעבן צו פאַרשטיין דעם איבריקן עולם אַז דער זין פון דער סאַלווע איז געווען צו שרעקן דאָס דאָרף.

— מאמע, וויאַזוי וועלן די טויטע העלפן כאַפּן די רוצחים? האָב איך געפרעגט.

— כ׳ווייס ניט, אַזוי זאָגט מען, האָט זי מיר געענטפערט אויף פּטור צו ווערן. ווייזט אויס אַז ס׳האָט איר באַנג געטאָן וואָס זי האָט מיר אַזוי געענטפערט, ווייל נאָך דעם האָט זי מיר דערקלערט אַז זיי האָבן זיך פאַר־פלעקט די הענט מיט מענטשלעך בלוט, און בלוט איז ניט מוחל.

מ׳האָט זיי באמת געכאַפּט. איינער פון זיי איז געווען דעם גלחס זון. דער וואָס האָט געוווינט בשכנות מיט אונדז אין אַ גרויסן הויף, כמעט אַ פּריציש. אַלע אין דאָרף האָבן דערציילט אַז אין דעם טאָג וואָס פאַר דער שיסעריי, האָט מען אים געזען אַוועקרייטן אויף אַ גרויי פערד, אומקערן זיך האָט אים קיינער ניט געזען. אָבער איך גלויב ניט אַז ער איז שולדיק. ס׳קען ניט זיין. מיט אַ פּאָר טעג פריער האָט ער זיך געשפּילט מיט מיר, מיך גענומען אויף די קני, אויפגעזעצט אויפן פערד און ווען ער האָט באַמערקט ווי איך ציטער פאַר שרעק האָט ער געלאַכט און געזאָגט: „דאַרפסט לערנען רייטן. ס׳וועט קומען אַ צייט ווען אַלע מענטשן וועלן האָבן פערד און וועלן רייטן״. זיינע אויגן האָבן געלאַכט. ס׳האָט געשפּאַרט פון זיי אַזאַ וואַרעמקייט אַז ס׳איז מיר אַריינגעדרינגען אין אַלע אברים כ׳קאָן ניט גלויבן ער זאָל געווען לאָזן הרגענען צוויי אַלטע לייט, ער זאָלן געווען שיסן אין יענער נאַכט אויף איבערצושרעקן דאָס גאַנצע דאָרף.

די טויבן זענען פאַרקראָכן טיף אונטער דעם בעט און וואָרקע טרויריק. כ׳קאָן צו זיי ניט גרייכן. ס׳קאָן זיין זיי זאָלן דאָרט אויסגיין פאַר הונגער, ווייל עסן ווילן זיי ניט. דאַכט זיך מיר אַז עס וואָלט געווען צו פיל אין איין וואָך.

# דער לעצטער מופת

שוין איבער א יאָר אז מיר וווינען ניט מער אין דאָרף. באַ־זעצט האָבן מיר זיך אין אַ שטעטל וואָס איז צוויי מאָל באַרימט: ערשטנס מיט דעם רבין און צווייטנס מיט דער פאַבריק. מיט דער צייט האָבן זיך די טערמינען פון דער גלייכונג געביטן. די אַנטוויקלונג וואָלט מען אַלגעבריש געקאָנט אויסדריקן בערך אַזוי: ערשטער עטאַפּ: רבי > פאַבריק; צווייטער עטאַפּ: רבי = פאַבריק מיט א פּלוס פאַרן רבין; דריטער עטאַפּ: פאַבריק = רבי מיט א פּלוס פאַר דער פאַ־בריק; פערטער עטאַפּ: רבי > פאַבריק און לעצטער עטאַפּ: פאַבריק מיט קוים באַמערקבאַרע שפּורן פון רבנישע שאָטנס און פאַרעלטער־טע מוחות. די אויבערהאַנט איז געבליבן אין רשות פון דער פאַבריק אויף אַלע אייביקייטן. וווּיניקסטנס אין אונדזער שטעטל. אָבער דאָס איז געשען שפּעטער.

געקומען אין שטעטל זענען מיר אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר מיין טאַטן סענדער שוחט, וועגן וועלכן מען זאָגט אז ער איז א ייד א למדן נאָר פאַרשטיין וויאַזוי צו לעבן, פאַרשטייט ער א קדחת. אַוועק איז ער אליין מעשה מרגל, וואָס ער האָט אַזוינס אויסגעפּאָרשט ווייסן מיר עד היום ניט, נאָר עס זענען ניט פאַרגאַנגען אפילו קיין צוויי וואָכן האָט ער שוין באַפוילן דער מאַמען: גאָלדע, נעם די קינדער און קום. זיך מטריח זיין קומען העלפן פּאַקעווען און איבערפירן, איז אים ניט איינ־געפאַלן. ערשטנס ווייל גאָלדע קאָן זיך אליין אן עצה געבן, צווייטנס איז ניטאָ אַזויפיל צו פּאַקעווען, און דריטנס קלעקט ניט אויף הוצאות.

אָנגעקומען, זענען מיר געבליבן א צייט שטיין מיט אַלע בעבעכעס אָנגעלאָדענע אויפן וואָגן אין מיטן גאַס. קיינער האָט ניט געוווּסט ווו

סענדער שוחט וווינט. וויסן האָט מען טאַקע ניט געקאָנט ווייל זיין וווינאָרט איז געווען אויף א באַנק אין בית המדרש. דער געדאַנק איז ביי סענדערן געווען א פשוטער: אויב אליין וואָס טויג א שטוב, איבערנעכטיקן קאָן מען אויך אויף א באַנק.

אָן אָנגעלאָדענער, האָט דער וואָגן מיט וועלכן מיר זענען געקומען אויסגעזען ווי א דרייגאָרנדיקע שטייג, וואָס האַלט זיך קוים אויף די פיס און דאָס נאָכדעם וואָס דאָס איינציקע ווערטפולע שטיק מעבל — א שאַפע, א מתנה פון דער מאַמעס פעטער, יידל, וועלכער האָט זי געירשנט פון זיין זיידן, א שראַנק אַן אַנטיק — איז זיך צעפאַלן אויף שטיק שטיקלעך נאָך אויפן וועג. זעענדיק אז ס׳קומט ניט צו קיין ענדע איז דעם באַלעגאָלע איינגעפאַלן אז דאָס בעסטע וואָלט געווען אָפּלאָדן אין שולהויף. פאַרוואָס אין שולהויף? ווייל דאָרט, האָט ער געזאָגט, קאָן מען אויסשפאַנען די פערד, זיי לאָזן א פאַשע טון — די שול איז די שניידערישע, געפינט זיך ניט ווייט פון טייך, האָט א גרויסן הויף מיט הויכגעוואַקסן גראָז ווייל דאַווענען דאַוונט מען דאָרט איין מאָל אין דער וואָך נאָך שבת, אזוי אז דאָס גראָז איז ניט צעטרעטן — און איינצייטיק זיך אויסרוען. צווייטנס, אויב ער וויל ניט בלייבן ערגעץ אויפן וועג איבער נאַכט, מוז ער זיך צואיילן ווייל דער וועג איז א לאַנגער און די זון האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף דער מערבדיקער העלפט הימל. קיין סך ניט געטראַכט און ניט אויסהערנדיק דער מאַמעס טענות האָט ער פאַרקערעוועט, אַראָפּגעפאָרן צו דער שול, אויסגעלאָדן און אוועק.

— וואָס וואַלגערן זיך די זאַכן אויפן הויף? האָט זיך דער טאַטע געוווּנדערט ווען ער איז געקומען צו גיין.

— וווּהין זאָלן מיר זיי אַהינטון? האָט געפרעגט די מאַמע אָן אויפגערעגטע.

— וואָסזשע, אין פּאַליש איז קיין פּלאַץ ניטאָ?

אזוי אז מיר זענען געבליבן אין פּאַליש ביז די מאַמע האָט געפונען א צוויי צימערדיקע וווינונג, א שטוב מיט א גאַנעק און צוויי פענצטער וואָס קוקן צו דער גאַס. און די געראַומיגע צימערן האָט מען געקאָנט אויסשטעלן די נויטיקע צאָל בעטן פאַר דער גאַנצער משפחה. וויאזוי עס איז פּינקטלעך געשען, דערמאָן איך זיך ניט, נאָר ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט און אונדזער שטוב איז געוואָרן א מין אכסניה. מיר דאַכט זיך אז דער הויפּטשולדיקער איז געווען יאָסל באַלעגאָלע.

אין יענער צייט, אָנהויב צוואַנציקער יאָרן, איז גרויס געווען דער שטראָם פון יונגוואַרג, וואָס פלעג קומען פון בעסאַראַבער, בוקאָ־ווינער און מאַרמאַרעשער קליינע שטעטלעך זיך „פּראָלעטאַריזירן" אין דער מאָלדאַווישער טעקסטיל־פאַבריק. אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל מיט א רענצעלע, מיט דעם עלטערן ברודערס זעלנעריש הילצערן קעסטל אָדער פּשוט מיט א בינטל אונטערן אָרעם, פלעגן זיי בעטן מ'זאָל זיי אָפּפירן צו דער פאַבריק. די מערהייט פלעגט זיך ווענדן צו יאָסל באַלעגאָלע, אפשר דערפאַר ווייל ער האָט קרומע הענט צי מחמת דעם וואָס זיין פאַיעטאָן איז שטענדיק באַשטעקט מיט פעדערן. א פאַקט איז אז די מערהייט פון די אָנגעקומענע פלעגן זיך ווענדן צו אים. יאָסל, א חכם, האָט פאַרשטאַנען אז ביי דעם פאַבריקס טויער קאָן ער זיי ניט לאָזן האָט ער באַשטימט אז דאָס בעסטע איז זיי צו פירן צו סענדער שוחט. „ארויסוואַרפן פון שטוב א פרעמדן מענטשן וועט ער דאָך ניט, און שווער אין דער פרעמד איז דאָך נאָר די ערשטע נאַכט", האָט ווייזט אויס געטראַכט יאָסל, צי אפשר איז אויך געווען דערביי א חשבון: אויב אפילו ער זאָל זיך צעקריגן מיטן שוחט, וועט ער דערביי קיין סך ניט פאַרלירן. אָפּט צום וואָקזאַל פאָרט ער ניט.

אזוי איז אונדזער שטוב געוואָרן אן אכסניה.

פון אלע געסט האָט אויף מיר געמאַכט דעם גרעסטן איינדרוק ציליע. א קליינעקע, א פולע, רעדט זי, קלאַפּט זי דעם טאַקט מיט דער לינקער האַנט, שטרייכט אונטער אויף אזא אופן איר איינציקן אמת וואָס שיט זיך פון איר מויל ווי געשריבענע פּאַסאַליעס פון א געלעכערטן זאַק. פיר טעכטער זענען זיי געווען, דער טאַטע זייערער האָט זיך אָפּ־געגעבן מיט ש"ס און פּוסקים געוווסט אז געוויינטלעך וואָלטן געדאַרפט קומען שדכנים צו זיינע טעכטער, נאָר זיך כאַפּנדיק אז אויף דער וועלט האָט זיך עפּעס געביטן, האָט ער זיך געמאַכט ניטוויסנדיק ווען די טעכ־טער זענען זיך איינציקווייז צעפלויגן. אזוי איז געשען אז אויך ציליע איז געקומען זיך „פּראָלעטאַריזירן", נאָר אויף איר אופן. דאָס הייסט אַרבעטן, ווייזן דער וועלט אז אויך פרויען... אָבער מיט איין תנאי, ניט שבת.

און אזוי ווי זי איז ניט געווען פון די וואָס לאָזן זיך לייכט איבער־צייגן, איז זי געלאָפן צום רב און צום רבין, געריסן וועלטן און הימלען, אויסגענוצט וויפל אַרגומענטן עס זענען נאָר פאַראַן אז מען דאַרף זיך שלאָגן מיט אלע כוחות ווייל ס'איז א מעשה פון קידוש השם, און גע־

בליבן שבת אין דער היים, די ערשטע צייט א טראַציקע ביז זי איז צוזאמענגעבראָכן און פארבראכט דעם הייליקן טאָג אין א ווינקל וויי־נענדיק. מיין טאטע האָט זיך פארהאלטן צו דער גאנצער געשיכטע אויסער צדדים. אין איינעם א שבת, דעם פינפטן אָדער אפשר דעם זעקסטן, האָט ער באשלאָסן אז ס׳איז דאָך כדאי ער זאָל זאָגן זיין מיינונג.

— ווייגען, האָט ער געפרוווט באַרירן די פראגע פון ווייטנס, איז אויך חילול שבת.

— איר חוזקט פון מיר? האָט זי זיך געבייזערט.

— פארוואָס חוזק? כ׳גלויב ניט אז אברהמל באַרשטס טאָכטער זאָל ניט וויסן אז וויינען שבת איז גאָר און גאָר ניט כדאי.

— איך רעד פון ארבעטן שבת, האָט ציליע אויסגעשריגן מיט פאנאטישן ברען און זיך הארצרייסנדיק צעוויינט, און דאָס אויך דערפאר ווייל איך וויל ניט גורם זיין מיט מיינע אייגענע הענט אפילו וויפל שווארץ אונטערן נאָגל, אז מיין הייליקער טאטע זאָל האָבן א מכשול ביים אריין אין גן עדן.

דאָס האָט סענדער ניט געוואָלט. שטערן א יידן ווי אברהמלען, דעם וועג אין גן עדן איז אים ניט איינגעפאלן, איבערהויפט צו יענער צייט ווען ער האָט נאָך אליין ניט געהאט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג וואָס שייך דעם גן עדן. אזוי אז ער איז ווידער געבליבן מן הצד, געווארט וואָס ס׳וועט טון די צייט. און די צייט האָט געטאָן אירס. ס׳האָט לאנג ניט געדויערט און ציליע האָט מיט דעם זעלבן פייער פארטיידיקט דעם היפך. און ווען מ׳האָט אברהמל באַרשט געפירט א דערשאָקענעם צו דער שחיטה האָט זי געוווסט אז ניט איר חילול שבת איז שולדיק דערין, אָבער ווער ס׳איז געווען שולדיק ווייסט זי נעבעך ניט ביז היינטיקן טאָג, כאָטש ווען זי רעדט קלאָפּט זי נאָך אלץ דעם טאקט מיט דער לינקער האנט אונטערשטרייכנדיק אויף אזא אופן איר איינציקן אמת. נעבעך ציליע...

זי איז געווען די לעצטע וועלכע האָט געפונען א מקלט ביי סענדער שוחט. מיט דער צייט האָט זיך די צאָל קליינשטעטלדיקע ארבעטער פאר־מערט, זיך באזעצט אין דער פאבריקס־קאָלאָניע און פון צייט צו צייט אָפּגעשטעקט א וויזיט דער טראנזיט־אכסניה.

וואָס מער ס׳איז געוואקסן די צאָל יידישע קליינשטעטלדיקע ארבעטער אין דער טעקסטיל פאבריק איז די חסידישע עדה געוואָרן שיטערער. זומער פאָרט נאָך דער „הויף״ אין די בעדער אין א דריי פערד נאשפּיץ איינגעשפּאנטן לאַנדאָוער, די רביס, רוזשינער און טאָלנער איינקלעך, באזעצן זיך אין פארמאכטן ראָדוואָן, ווארפן קעסאָקעס בליקן דורך די פענצטער, באווייזן זעלטן די געזיכטער, די שכינה זאָל חס וחלילה ניט פארשאטן. עס באגלייטן זיי נאָך און עס זענען זיי נאָך מקבל פנים עטלעכע רייטער מיט פאקלען, אָבער ס׳איז ניט מער דער גלאנץ פון אמאָל. אלטע טראדיציע האלט נאָך אָן אָבער אן אָבגעבליאקעוועטע. עס קומען נאָך עטלעכע חסידים פארברענגען פסח און ימים נוראים אונטער די כנפי השכינה אָבער זייער ווייניק. דאָס בית המדרש, די וואָכעדיקע שול, באפעלקערן זיי מער מיט זייער התלהבותדיקן באוועגן זיך ווי מיט זייער צאָל. אין „הויף״ און אין דער גרויסער שבתדיקער שול שטרייכן זיי מער אונטער די ליידיקייט. ניט אזוי זעט דאָס אויס ווען זיי קומען צו אונדז. די שטוב ווערט ענג, דער טיש צו קליין. און ווייל אונדזער שטוב איז ווייזט אויס די איינציקע אין וועלכער עס אָטעמט זיך מיט אמאָליקער לופט, קומען זיי. דערפאר זענען ביי אונדז ניסן און תשרי פון אָנהוב ביז סוף יומטובדיקע חדשים. יעדן נאָכמיטאָג שפּרייט די מאמע א פינקל־ווייס טישטוך, שטעלט אויס אויפן טיש גלעזער (חסידים טרינקען ניט קיין טיי פון טשאשקעס), טעלערלעך, צוקער, אין דער מיט דעם מעשענעם סאמאָוואר, זינגען זיי אלע כל דיכפין, קומען יידן מיט שווארצע, ווייסע, גרויע, רויטע אָדער אומפּארביקע בערד, זעצן זיך צום טיש, גיסן אָן טיי און טרינקען שווייגנדיק, ווישנדיק מיט גרויסע פאטשיילעס דעם שווייס פון פּנים און פון אונטערן קאָלנער. די מאמע נעמט דעם סאמאָוואר טראָגט אים ארויס אויפן גאנעק, דערגיסט וואסער, שיט קוילן אין קוימען, בלאָזט אונטער דאָס פייער פאָכנדיק מיטן בעזעם און ווען ער צעזינגט זיך ווידער ברענגט זי אים אריין און דערלאנגט אים דעם טאטן ער זאָל שטעלן צום טיש, אליין ציט זי זיך צוריק אין א ווינקל, דאָס פּנים פארפלאמט פון פאָרען זיך ארום סאמאָוואר אָדער גאָר פאר פארגעניגן, וואָס ביי איר טיש זיצן דער שטענדיק אין אטלעסענעם קאפּטן פארגארטלטער משהלע אנטשעקראקער מיט א בלאס פּנים, שמאָלער יידישער נאָז און שניי־ווייסער באָרד; עליע קיליער — דער צונאָמען איז פון יענער צייט ווען ער איז געווען דער טאָנגעבער אין כרך קיליע, איצט איז ער ניט מער קיין קיליער און ניט מער קיין טאָנגעבער — א לאנגער אויסגעדארטער ייד אויף וועלכן עס הענגט אן אלטע

קאפּאָטע מיט צוויי קנעפּלעך אביסל העכער פון דער הינטערקעשענע פון וווּ ער שלעפּט די פּאטשיילע, א ייד מיט אַן אָנפּארביקער באָרד, א גוואַל־דיק גרויסער מאַזאָליעדיקער נאָז וועלכע ער שפּארט אונטער פון צייט צו צייט מיט דער רויטער פּאטשיילע. שווער ווייזט אויס ביי די יאָרן צו טראָגן אַזא געוואַלטיקע נאָז, שפּארט ער זי אונטער, צוויי טיפע אויסגעלאָשענע אויגנלעכער. מען גיט אים אָפּ דעם זעלבן כבוד ווי אַמאָל, ווייל ניטאָ א חסיד וועלכער זאָל זיך דערמאָנען א יום טוב ביים רבין אָן עליע קיליער, יוזעף דער טולגעשער, מיט א פארפּלאָנטערט גרויער כמעט פויערישער ווילדער באָרד, ער קומט צו פוס איבער די בערג, שכר־הליכה וויל ער, און ווייל ער גייט לענגאויס דער „וואלעא זשידאנולוי" הויבט ער אָן זיין אָנוועזנהייט אין הויף מיט תעניתים. עס דאכט זיך אים — אפשר איז עס טאקע אַזוי — אַז בשעת דעם גאנג איבער דעם שמאָלן טאָל האָט ער זיך געגליכן צו דעם בעל־שם־טוב, נאָר איין רגע, אָדער אפילו ניט קיין גאנצע רגע, ביים דריטן מאָל אונטערטינקען זיך אין אייז־קאַלטן קוואַל אין וועלכן עס פלעגט זיך, ווי מען זאָגט, טובלען דער צדיק, פאסט ער. אַלטערל — א געוועזענער „פּוימאלע", — א ניקאָלאַעווסקער סאָלדאט האָט געזינדיקט בעל כרחו, געראטעוועט האָט אים, ווי זיין שכל הישר האָט אים אונטערגעזאָגט, די גרעסטע מענטשלעכע זינד, די ערשטע וועלט־מלחמה, אים פארוואָרפן אין שטעטל, דערזען דאָס הויף האָט ער אוועקגעוואָרפן די ביקס, גענומען א תהילימל, פארלאָזט א באָרד, אָנגעטאָן א קאפּאָטע און געוואָרן א בעל תשובה — אט דער רבי אַלטערל זאָגט אַז ווען מען קוקט זיך טיפער איין אין יוזעפס אויגן זעט מען אַז פון יענער זייט הליכה און תעניתים באהאלט זיך פאָרט אביסעלע גאווה, זאָגט זיך אָפּ זיינס פארדרייט ער די לאַנגע שיטערע פּאָר פעדעם אין א קניפּ כדי זיי זאָלן אויסזען ווי א באָרד און צעפּלאָשעט זיך איבערן בית־המדרש. צומאָל זיצט ביים טיש אויך רבי מאיר, א חסיד צווישן יאָ און ניין, אבער דאָך דעם ריזשינערס אייניקלס מלמד, שטענדיק רבי אריה מיט א קארטאָפל נאָז, תמיד א פארדרויטלטע, יידן יושבים, אָדער וועלכע לאָזן איבער ווייב און קינדער אויף א גאנצן חודש און קומען פארברענגען ימים־טובים אין הויף פון ריזשענער און טאָלנער אייניקלעך. ביים טיש זיצט אויך, פארשטייט זיך, דער טאטע מיט א גוטמוטיקן אביסעלע חוזק־שמייכל: מהיכא תיתי, יידן קומען זיך צונויף מען ארום א טיש מיט א סאמאָוואר פילן זיי זיך היימישער, פארגעסן אַז זיי זענען ווייט פון דער היים. דער חוזק מיינט דער מאמעס ראשן ארום זיי. ער ווייסט אַז איר, דער מאמען, דאכט זיך אַז זי זעט אויס ווי

די באבע ציפע, דעמלט ווען ארום דעם זיידנס טיש פלעגן זיצן די קארפן־קעפּ פון חסידישן שטיבל. זי פארגעסט אָדער באמערקט ניט, אז דאָס איז גע־ווען אמאָל ווען די קארפן זענען נאָך געווען קארפן, דער זיידע א זיידע און דאָס שטיבל א שטיבל. אָבער איצט... וויל ער דער מאמען ניט פארשטערן די שמחה, איז כאָטש א מידער, שמייכלט ער. ווערטלען זיך איבער אירע פאָר־שטעלונגען וועט מען קאָנען שפּעטער, נאָך ימים טובים, אין די ווינטער נעכט ווען עפּעס אנדערש צו טון איז ניטאָ.

אויף א בענקעלע נעבן טיש זיץ איך און ווארט אפשר וועט עמעצער איבעררייסן דאָס שווייגן, אויסגיסן די אויסגעקילטע טיי אויף דער ליימענער פּאָדלאָגע, אָנגיסן הייסן אָקרעפּ, א זאָג טאָן: „באלעבאָסטע, זייט מוחל א שטיקעלע לימענע", פארדעקן דאָס גלאָז מיטביידע הענט, די טיי זאָל זיך ניט אָפּקילן ביז די מאמע וועט ברענגען, א נאָך מער פארפלאָמטע, די לעצטע לימענע און נאָך דעם וואָס ער וועט אָפּשניידן און ארייַנוואַרפן אין גלאָז א דין רעפּטעלע וועט זיך אָנצינדן א פייערל אין די אלטע אויגן און ער וועט אָנהויבן דערציילן א מופת.

צוריק מיט עטלעכע טעג האָט זיך משהלע אנטשעקראקער דערמאָנט וויאזוי ער איז זיך געגאנגען אָפּגעזעגענען אין א נאָך פּסח פון רבין. עס האָט נאָך געלעבט דער אלטער רבי, ישראליקל (די רביס פלעגט מען רופן מיט נעמען פארצויגענע, צוליב זייער גרויסקייט אזוי ווי מען רופט קינדער צוליב זייער קליינקייט אָדער אפשר ביידע צוליב זייער הייליקייט) דער רבי, דערציילט משהלע, קוקט אויפן קוויטל און אויפן אָרט פון א ווונטש פרעגט ער: „משהלע, וואָס איילסטו זיך? בלייב נאָך א פּאָר טעג". פארשטייט ער ניט דעם מיין. וויאזוי זאָל ער אים פארשטיין? באשטייט ער אויף זיינעם. „רבי, זאָגט ער, פרנסה, משפחה, דאָס, יענץ". קוקט דער רבי אויף אים א ווילע און זאָגט: „אויב אזוי פּאָר־זשע געזונטערהייט און קום אָן אהיים, מיט גאָטס הילף, געזונטערהייט". הויבט זיך אויף פון שטול גייט ארויס פון יענער זייט טיש, גיט משהלען די האנט, נאָר ציט ניט צו זיך באהבה אזוי ווי ער טוט שטענדיק. ניין, ער שטויסט אים עפּעס אָפּ און ראפּטום גיט ער א ברום: „כי מן השאול משותיך", קערט אָפּ דאָס פּנים פון אים כמעט א ברוגזער.

פרעגן קאָן מען ניט. גייט משהלע זיין וועג, דעם רבינס צער און צאָרן האָט ער דעמלט, זאָגט משהלע, ניט פארשטאנען, ערשט שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעגעבן א חשבון.

ער שלעפט די פאטשיילע פון הינטערקעשענע און ווישט פאמעלעך דעם שווייס פון פארשוויצטן פנים.

גיבן זיך נייגעריקע קעפ א בויג צו משהלע אנטשעקראקער און שטאמלען קוים ארויס: „נו, נו!‟.

— וואָס איילט איר זיך? מאכט משהלע. לאָזט אייך דינען. רוקט אָפּ פון זיך דאָס גלאָז טיי, טוט א וויש מיט א שנייוווייסער, עטוואָס פוכיקער האַנט די באָרד, פארמאכט די אויגן, זעט דאָס בלאסע פנים אויס ווי פון א מת, ווערן יידן דערשיטערט. אויך איך דערשרעק זיך. עס דאכט זיך מיר אז משהלע איז געשטאָרבן און א געשטאָרבענער געבליבן זיצן ביים טיש, דעם סוף פון דער געשיכטע וועט מען שוין קיינמאל ניט וויסן.

דערציילט אָבער משהלע ווייטער: געקויפט א באַן־בילעט און זיך געלאָזט אין וועג אריין. איין סטאנציע, די צווייטע, די דריטע, אלץ בשלום, נאָר די געוויינטלעכע בענקשאפט נאָך דעם רבינס טיש. פארוואָס טאקע ניט געבליבן נאָך א פאָר טעג? פרעג איך זיך. ווער איז דער ייד וועמען עס טוט ניט באנג נאָך דעם וואָס ער פארלאָזט דעם רבינס הויף? אין דמיון איז נאָך פריש אלץ וואָס געזען און געהערט ביי קידוש, ביי הבדלה, ביים טיש, א וואָרט, א תנועה. מע קומט אהיים וועלן חסידים פרעגן וועגן יעדער תנועה, יעדעס וואָרט וועט מען דארפן איבערדערציילן, ניט אלע קאָנען זיך דערלויבן עולה־רגל זיין. און אזוי ווי איך זיץ פארטיפט אין געדאנקען הויבן פלוצעם אָן פאלן פון די פּאָליצעס פעקלעך, זעק און טשעמאדאנעס, עס ווערט א בהלה, מענטשן שרייען, שפרינגען דורך די פענצטער, ווארפן זיך צו די טירן, מען טרעט איינער אויף דעם צווייטן, עק וועלט.

משהלע פארמאכט ווידער די אויגן, דאָס מאָל זעט ער באמת אויס ווי א מת און מיר אויף מיין בענקעלע, דאכט זיך אז דאָס מאָל איז ער טאקע געשטאָרבן. דויערט די רגע אן אייביקייט.

— פארשטענדלעך, דערציילט ער ווייטער, אז איך בין אויך ארויס־געשפרונגען פון וואגאָן און גענומען לויפן. וווהין לויפט מען? ווער האָט געקאָנט וויסן אין אזא סאמעטאָכע וווהין מען לויפט? א פעלד פול מיט דערנער, טשעפען זיי און רייסן שטיקער פון דער קאפאָטע, פון די הויזן, נאָר ווער קוקט דערויף? אין מיטן געלויף פיל איך אז ס'האָט זיך געעפנט די ערד, איך פאל אין אן אָפּגרונט, איך זינק אין שאול תחתיה. רבונו של עולם, קומט מיר אויפן רעיון, בין איך טאקע אזא זינדיקער, פארוואָס האָסטו מיך פארשאָלטן, פארוואָס קומט מיר אזא סוף? איך זע שוין, ניט פאר קיין שום יידן געדאכט, די קאָכעדיקע קעסלען, כ'פיל דעם ריח פון

סמאָלע, כ'העד דאָס לאַכן פון דער סטרא־אחרא וויל איך שרייען שמע יש־ראל, דערפיל איך פּלוצעם אונטער זיך א קלעפּעדיקן באָדן. ארום איז א שרעקלעכע פינצטערניש, נאָר ערגעץ ווייט ווייט פינקלען ליכט. איך קוק מיך איין, שטערן. אריינגעפאלן, הייסט עס, אין א טיפן גרוב. איך פּרוווּ ארויסקריכן, זיך אין עפּעס אָנכאַפּן, ניט מעגלעך. גלייכע, גליטשיקע ווענט. שריי איך: העלפּט, העלפּט! שריי חי וקים אז קיינער הערט ניט, קיינער באווייזט זיך ניט. נו, טראַכט איך, דאָ איז דער סוף און הויב אָן לייענען קריאת שמע. וויפל ס'האָט געדויערט קאָן איך אייך ניט זאָגן, אפשר בין איך גאָר א צייט געלעגן אין חלשות, נאָר ווייזט אויס אז מיין קריאת שמע איז געווען אזא פלאַמיקע אז עמעצער האָט זי דערזען פון דער ווייטנס, כ'האָב ניט געהערט ווען ער האָט זיך באַוויזן אויפן ברעג פון גרוב. כ'האָב צום ערשטן דערפילט א לייכטן קלאַפּ, ווייזט אויס א שטיינדל, דערנאָך דערהערט ניט קיין קול, נאָר גיכער א ווידערקול, וואָס פרעגט: ווער איז דאָרט? ענטפער איך קוים: „א מענטש, ראַטעוועט!“ האָט ער מיר אראָפּגעוואָרפן א גראָבן שטריק מיט וועלכן כ'האָב ארומגענומען די לענדן און ער האָט מיך מיט גרויס מי ארויסגעצויגן. ווען כ'בין געקומען צו זיך האָט מיך געוואונדערט זיין סאַפּען. ער האָט אויסגעזען א גבר, א ריז און כאָטש אזוי געאָטעמט שווער גלייך ער וואָלט זיך געווען געראַנ־געלט מיט ווער ווייסט וואָס פאַר א משא, אדער מיט ווער ווייסט וועלכע ניט געזעענע כוחות.

— געבענטשט זאָל זיין די מאַמע וואָס האָט דיך געבוירן, האָב איך קוים ארויסגערעדט, איין גליק וואָס האָסט אזא כוח.

— ניט מיינער איז דער כוח. פאַר צוריק, האָט ער געזאָגט און איז פארשוווּנדן, גלייך ווי ער וואָלט דאָרט קיין מאָל ניט געווען.

דבקהן זיך חסידים: אי, אי אי...

דעם צווייטן טאָג האָב איך געוואָלט אריינגיין צום רבין האָט ער מיר געשיקט דורך דעם גבאי אן ענטפער: „זאָג אים ער זאָל וואַרטן“. אויפ־געבנומען האָט ער מיך ערשט דעם דריטן טאָג מיט אן אויסדרוק גלייך ווי ער וואָלט גאָר ניט וויסן אז איך בין דאָ.

— גוט איז, האָט ער געזאָגט, אויסהערן אן עצה. און נאָך בעסער פאָלגן. ניט שטענדיק קאָן מען פארשטיין.

— ווי איר זעט, ענדיקט משהלע זיין געשיכטע, האָט ער געוווּסט.

גאַפן יידן און נאָך דעם וואָס זיי גאַפן אָפּ, פרעגן זיי:

— פאַרוואָס האָט ער ניט געזאָגט?

— טיפשים! וואָס הייסט זאָגן, מען מעג דען?

— אמת, כאַפּן זיך חסידים און גאַפּן ווידער. יאָ, וואָס־זשע איז געוועזן דער צער, דער רוגז?

— משמע, גיט משהלע צו פאַרשטיין, אַז דער צער איז געוועזן ווייל עס האָט זיך אים, זכר צדיק לברכה, ניט געוואָלט אוסנוצן זיין השׂ־תדלות ווען מען קאָן דאָס אויסמיידן און וואָס שייך דעם רוגז איז ער כמובן געוועזן אויף מיין עקשנות. נאָר גיי וויים!

גאַפּן יידן ווידער, אָבער ניט לאַנג.

געזעסן אויפן בענקעלע נעבן טיש בין איך אינגאַנצן א יאָר צוויי, די צייט אין וועלכע די בערד זענען אײנציקווייז פאַרשוואונדן און קיין נייע האָבן זיך ניט באַוויזן. דער מופת איז אפשר ניט אי, אי, און דער ויכוח ניט אויף א געבוג הויכער מדרגה, איז אָבער אונדזער שטעטל ניט אין פוילן, אפילו ניט אין געוועזענעם תחום, עס איז ניט מער ווי א שטעטל אין דער פולבלוטיקער מאָלדאָווע, אָנהויב צוואַנציקער יאָרן ווען פאָעטן האָבן גע־זונגען אין קרעטשמעס, דאָס רבישע שטעטל האָט אָנגעהויבן איינשלאָפן און דערצו נאָך מיט א פאַבריק אין דער ריפּ.

# אומגעריכטע סאָלידאַרישקייט

ניין, איז מער ווי א ציפער און דערפאר וויל זיך פון איר פטור ווערן. לייענען מוז מען מיט כוונה. איבערקומען, אפנארן העלפט ניט. דרייט מען איבער דאָס בלעטל שאפט זיך א ליידיקייט אין קאָפּ וואָס צווינגט זיך אומ־קערן. די ווערטער בלייבן אָפּגעריסענע, אומזיניקע, אָן געשטאלט. צווישן די שורות קוקט ארויס טרויעריק מארק, גלייך ווי ער וואָלט פרעגן: „וואָס מוטשעט דיך מיין דורכפאל? ס׳זענען דאָ ערנסטערע״.

★

...נאָך דעם וואָס ער האָט געבושעוועט אויף אלע גאסן פון פאבריק אין שטאָט איבער דעם ציגיינער־קווארטאל און אויף דעם זעלבן וועג צו־ריק מיט דרייפאכן אימפעט, האָט זיך איליטשס נאָמען צוריקגעצויגן אין הייזער, קודם א סך דערנאָך ווייניקער, הייזער אין וועלכע מען האָט אים ארויסגערעדט מיט דרך ארץ, אויפן אויער פאר מורא, איבערהויפּט נאָך דעם וואָס די פענצטער און טירן פון „פּאָלקסהויז״ — אויפגעבויט אין די ערשטע צוואנציקער יאָרן — זענען פארקלאפּט געוואָרן מיט ברעטער און אויפן טראָטואר האָט שפּאצירט הין און צוריק א פּאָליציימאן, געשומרט די רויטע וואקסשטעמפּלען וואָס פון יענער זייט ברעטער.

אויף יענער זייט ברעטער און שטעמפּלען שטעלן זיך די עלטערע פּאָר איליעסקון מיט יאנקעלען אזוי ווי מען האָט זיי געזען דאָס לעצטע מאָל, מיט לאנגע בערד וואָס כוואליען זיך ביי יעדן וואָרט. אין איין יאָר תּפיסה זענען די בערד אויסגעוואקסן, איצט וואקסן זיי ווידער ווייל זיי זע־נען שוין נאָך אמאָל אין תּפיסה. ביי דער יוגנט האָבן זיך זייערע אפּאָסטאָל שטריכן פארווישט, דער זכרון הערט נאָר א שטימע וואָס שיינט א קינדעריי־

שע, אָדער גאָר א ווייבערישע און, ווייל מיט א באָרד א קאָמישע, און א צווייטע, א דונערנדיקע און מיט א באָרד א נביאהשע.

די גאַסן, ביינאַכט פוסטע, באַפעלקערן זיך א ביסל פאַר און נאָך דעם וואָס די פאַבריק וואַרפט אין דער פינצטערניש א ווילדן רעווע, וואָס רופט דעם צווייטן און שיקט אהיים דעם ערשטן שיכט. גייט מען און מען קומט, באַפעלקערט מען א מאָמענט די געסלעך מיט טריט און די לופט מיט גע־טומל, נאָך דעם ווערט ווידער שטיל, א פוסטע שטילקייט. איז אָבער לעצטנס געקומען א צירק...

*

אורי וואַרט אַז דער טאַטע זיינער זאָל ענדיקן די הבדלה, צום צווייט מאָל אין איין מעת לעת מאַכן א ברכה איבער ווײַן, לויבן דעם בורא מאורי האש, ווייל פייער איז ליכט, ער זאָל איבערדרייען דריי מאָל די דלאָניעס, זיי באַטראַכטן ביים שיין פון שוואַכן ליכט, מאַכן א צייכן דעם עלטערן ברודער, צי דער מאַמען זיי זאָלן ברענגען דאָס אין דרייען געפלאָכטענע ליכטל נענטער, א הויב טאָן די ברעמען, באַטראַכטן פאַרוואונדערט א נאָגל, ניט פאַרשטיין פון וואַנען ס'האָט זיך גענומען א פלעק, אים א וויש טאָן אין לאָץ פון קאַפּאָטע. אויסגיסן איבער דעם פייערל דאָס אין בעכער איבער־געבליבענע ביסל ווײַן, וואַרטן עס זאָל זיך אויסלעשן און אויסרופן איבער דער גאַנצער וועלט דעם אָנהויב פון א נייער וואָך און ווינטשן זי זאָל זיין א גוטע. וואָס הייסט א גוטע איז שווער צו וויסן ווייל א גוטע קאָן הייסן ווייניקער מחלוקת מיט דעם בייגעקומענעם שוחט וועלכער באַדראָאַט די פּרנסה, אָדער ווייניקער צרות מיט די קינדער וואָס זוכן נייע וועגן וועלכע זעען אויס פאַר אים אי זינלאָזע, אי שפּאַנענדיקע, אי פרעמדע. קוקט ער אויף זיי פון דער האַלבטונקלקייט, וויל טרעפן זייערע געדאַנקען. אָט דעם מאָמענט נוצט אויס אורי כדי צו פאַרשווונדן דורך דער הינטער טיר.

אורי וואַרט אויף דעם מאָמענט זייט עלף א זייגער אינדערפרי.

בערך צו יענער צייט האָט זיך באַוויזן אויף דער גאַס א טרומייטער, א גרין רעקל און רויטע הויזן, רייטנדיק אויף אַן אייזעלע וועלכעס האָט געשלעפט נאָך זיך א קעמל, א בעל גאווה מיט צוויי הויקערס און צווישן די הויקערס אַן אויפרוף אויף וועלכן ס'האָבן זיך געגילדט און געזילבערט ווערטער, איין גרייז נאָך דעם צווייטן, צוזאָגנדיק א פּרייז פון טויזנט לעי דעם וואָס וועט מנצח זיין די שוואַרצע מאַסקע. אויך נעכטן און אייערנעכטן האָט זיך דער טרומייטער געשלעפּט איבער די גאַסן, אָבער ערשט היינט

איז אויסגעוואקסן אויף דעם אפיש אן אַנגעהוירער איקס, וועלכער האָט גע־דארפט באטייטן דעם נאָמען פונעם קאָנקורענט וואָס וועט זיך ראנגלען מיט דער שווארצער מאסקע.

זיך ארײַנכאפּן אין צירק איז אורין געלונגען נאָך דעם וואָס ס׳האָט אים איין מאָל געכאפּט דער צירק־שומר, געפּרוווט אויסציען די אויערן און אים איבערגעגעבן דעם פּאָליציסט, און דאָס צווייטע מאָל טאקע דער זעלבער פּאָליציסט וועלכער האָט אים [אָ צי געטאָן נאָר דעם לינקן אויער. מיט מער רחמנות און מיט א פוס אין הינטן אים געהאָלפן ארײַנקריכן אין פינצ־טערניש פון געצעלט.

— קריך ארײַן שלימזל איינער, האָט ער געוואָרטשעט, אויב האָסט ניט געקאָנט אויסבעטלען ביי דײַן טאטן צוויי לעי פאר א בילעט און ארײַן גיין ווי א מענטש דורך דער פאָדערטיר, טאָ קריך־זשע שנעלער צו אלדע רוחות!

א פּאָליציי־קאָפּ האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן אז אורי האָט איינ־דערהיים אפילו קיין פּיפּס ניט געטאָן וועגן צירק. דער טאטע וואָלט געוועזן געפרעגט: „וואָס טויג דיר צירק? ניטאָ עפּעס בעסערס צו טון?״ און גיי ענטפער אויף אזא שאלה.

ארויסגעקראָכן פון אונטער די טריבונעס (ווי שוויצבאָד־בענק) איז אורי געבליבן שטיין א פאַרגאַפטער: „א מין הויכקייט! עס זעט אויס ווי א הימל !!״ וועזן פון הימל האָט זיך אראָפּגעלאָזט א טראפּעז און א בחור מיט א מיידל האָבן אָנגעהויבן פליען ווי מלאכים איז אורי געבליבן אָן לשון און אָן אָטעם, ער האָט ניט באמערקט אז ער באוועגט זיך אהין און אהער צוזאמען מיט זיי, גלייך ווי זיי וואָלטן אים געצויגן נאָך זיך, ביז עמעצער האָט אָנגעכאפּט זײַן אויער (ווידער דעם לינקן, א פאַרפלאָמטער איז ער ווייזט אויס אפּעטיטלעכער) און אים באפוילן בלײַבן רואיק אויף זײַן פּלאָץ אויב ער וויל זיך ניט באקענען מיט דער טיר. ער האָט אפּנים אויף אים אָנגעשריגן, ווייל איבער דעם צירק האָט זיך דערהערט א ששש, גלייך ווי אויפן צעלט וואָלט געוועזן אָנגעהויבן פאלן א דריבנער רעגן.

די קלעזמער האָבן אויפגעהערט שפּילן, אין צירק האָט געהערשט א שרעקלעכע שטילקייט, נאָר דער „פּעטראָמאקס״ — דער לופטדרוקלאָמפּ — האָט געזשומזשעט איבערצייגט פון דעם אז זײַן נומער איז די אמתע סענ־זאציע פון אָוונט. אורי האָט ביז דעמלט אזא ווייס ליכט ניט געזען. פון צווישן די פאָרהאנגפאלדן, הינטער וועלכע עס זענען פארשוונדן די פליערס איז ארויסגעשפּרונגען א שווארצער זאַק אָנגעפּולט מיט רירעוודיקע מוס־

קלען־בערגלעך און איבער זיי א קוגל־קאָפּ מיט נערוועזע באַוועגונגען. ארויסגעזען האָבן זיך נאָר צוויי גרינע אויגן.

— די שוואַרצע מאַסקע! דרייפאַכער טשעמפּיאָן! האָט אויסגעשריגן איינער אין א בלויער ליווּרע, רויטע קורצע הויזן, ווייסע הויכע זאָקן און שוואַרצע לאַק־שיך. אין דער צייט האָט דער לעבעדיקער זאָק באַגרוסט די צושויער און געענטפערט מיט עלעגאַנטע קניקסן אויף זייער קלאַטשן. זיין קעגנער, האָט ווייטער רעקלאַמירט דער אָנזאָגער מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט צום פאַרהאַנג, איז א בחור פון אייער שטאָט, (אויף איין אַמאָל איז דאָס שטעטל געוואָרן א שטאָט) וועמענס נאָמען מיר וועלן מפורסם מאַכן נאָר אין פאַל ווען דער באָקס־פאַרמעסט וועט זיך ענדיקן מיט זיין נצחון. די לעצטע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן מיט איינגעהאַלטענער איראָניע.

— באָקס, האָט איבערגעחזרט אורי און געפילט א שוואַכקייט אונטערן לעפעלע.

פון הינטער דעם פאָרהאַנג האָט זיך ארויסגעיאָוועט א לאַנגער ביי־נערדיקער יונג מיט א ווייסער מייקע, שוואַרצע סאַטינענע הייזלעך, אויס־געדרייטע שיך, אויפן פנים א העלבלויע פרויען־מאַסקע.

„מאַדאַם ראָזאַס מאַסקע!" האָט שיר ניט אויסגעשריגן אורי. ער האָט זיך דערמאָנט ווי זי האָט אויסגעזען אויף איר געזיכט ביים לעצטן באַל דעמלט ווען זי האָט פאַרכאַפּט זיין ייִנגלישן אָטעם און ער האָט ניט פאַר־שטאַנען פאַרוואָס.

דער עולם האָט אויפגענומען דעם קאָנקורענט מיט ברויזנדיקע אַפּלאָ־דיסמענטן און מיט א נאָך ברויזנדיקן געלעכטער, ניט ווייל ער האָט אים געזען א באַזיגטן נאָר פשוט ווייל מ'האָט אים דערקענט. דער ייִנג איז נאָך עטלעכע טריט שטיין געבליבן אין דער מיט פון דער אַרענע א פאַרבלענ־דעטער פון ליכט און איבערראַשטער פון אויפנעם. „זיי קענען מיך און דאָך אַזאַ רעש?" — ניט פאַרשטייענדיק דעם מיין האָט ער זיך דערפילט איינ־זאַם, א פרעמדער אין אייגענעם שטעטל.

„אפשר בין איך באמת ניט אינדערהיים?" איז אויפגעשווימען א ניט געשטויגענע פראַגע.

דער צירק איז געוואַקסן אין דער הויך און אין דער ברייט, די מענטשן פון די טריבונעס האָבן אויסגעזען ריזן וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן פון א אַנדערער ניט באַקאַנטער וועלט. ניין, דאָס זענען ניט די מענטשן וועלכע ער באַגעגנט יעדן טאָג אויף דער גאַס. ער האָט געפּרוּווט זיך איבערצייגן, געזוכט צווישן דער מאַסע קעפּ דעם שוואָגער זיינעם, יאָסל

דעם באַלעגאַלע מיט זיינע צעקרומטע הענט, די מוטער, איר הינטיש טרייען בליק, איר פאַרשמאַלצעוועט פאַרטוך, ניט באַגעגענענדיק קיין נאָענטן בליק האָט זיך אים געוואָלט אַנטלויפן אָדער זיך אוועקלייגן אויף דעם אין דער אַרענע אויסגעשפּרייטן זעגעכץ.

— באָקס! האָט זיך דערהערט פון ערגעצוו און די שוואַרצע מאַסקע האָט אים אַ גלעט געטאָן איבער דער ברוסט און ער, מאַרק — דער אויס־געצויגענער בחור איז ניט געווען קיין אַנדערער ווי מאַרק — האָט זיך אַ בויג געטאָן פאָראויס, ניט פאַר ווייטיק, פּשוט אַזוי אינסטינקטיוו ווי איינער וועלכער באַקומט אומדערוואַרט אַ קלאַפּ, זאָל זיין אַפילו אַ לייכטן, אָבער די שוואַרצע מאַסקע האָט אים דערלאַנגט מיט דער באַהענטשטער האַנט אונטערן קינבאַק און תיכף אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט מיט עלעגאַנץ, מיט געקאַטשעטע טריט ווי אַ דרעסירט פערד, אָנגענומען אַ ריטערלעכן שטעל. געלאָזט מאַרקן קומען צו זיך ווייל מאַרק האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און זיך אויסגעצויגן מיט זיין גאַנצער לענג אין דער אַרענע. ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן האָט די מאַסקע — די זעלבע וועלכע מאַדאַם ראָזע האָט גע־טראָגן אויפן באַל און נאָך דעם פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַ מיסט־קאַסטן — געהאָנגען אַ העלבלויע אויף זיין האַלדז און אַנטפּלעקט זיין פּנים. דערזעענ־דיק אַז דאָס איז מאַרק דער לאַהטשקעס (דאָס פאַרציעניש שטאַמט פון יענע צייטן ווען איר נעזל ווי אַ קנעפּל, מיט שטענדיק רויטלעכע פליגעלעך, האָט זיך נאָך געפונען צווישן צוויי פרישע בעקלעך; אפשר איז דאָס פאַרציעניש אַ שפּעטערדיקס פון דעמלט ווען די פליישן האָבן זיך צעגאָסן און אויף די בריסטן זענען אויסגעוואַקסן פאַרביקע לאַטעס), דער זון פון דער אייביקער אַלמנה, האָבן די צושויער אויסגעשאָסן אין אַ ווילד געלעכטער.

געבליבן מיט פינעף קינדער אַ טאַכטער און פיר יינגלעך, האָט לאַהטשקע זיך געאיילט אוועקגעבן די טאָכטער מיט פערד און וואָגן יאָס־לען, טייבעלע זאָל חס וחלילה ניט פאַרזיצן, דערצו אַ מאַן אין שטוב, די יינגלעך וועלן זיך ווי ניט ווי אַרויסדרייען, אויסוואַקסן, דרייען זיי זיך און וואַקסן, וואַקסן נאָר אין יאָרן, אַזוי בלייבן זיי קליינענקע, יאַדישלעוואַטע, חוץ מאַרקן וועלכער ציט זיך אין דער הויך ווי אַן אויסרופצייכן, ווי אַ פּראָוואָקאַציע, און זי מוז אים בויגן אין דרייען כדי צו גרייכן מיטן ברעג פאַרטעך צום נעזל, דאָס אויסקוועטשן, ווייל די יינגלעכס נעזלעך זענען לע־בעדיקע קוואַלן: אַז זיי רינען ניט, נעצן זיי...

איצט שטייט ער דאָ אַ צעחושטער, דער עולם לאַכט און פייפט און ער קען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס זיי לאַכן אַזוי און פאַרוואָס שרייט מען

אים אין די אויערן: „באָקס, באָקס, באָקס!" און וואָס וויל פון אים דער זאָק, וואָס טאַנצט ער אזוי אנטקעגן אים, וואָס שפּרינגט ער גלייך ווי ער וואָלט מחדש געווען די לבנה?...

געוואָלט האָט ער די טויזנט לעי, טראָגן דער מאמען זיינער א מתנה איר פארשאפן א פרייד. א טויזנטער, האָט ער געטראַכט, איז אן אפּותיקה, ס'איז א געוואלד מיט געלט, וועט זי זיך זיכער פרייען. און זיי לאכן גאָר, פייפן, שרייען ווי ווילדע חיות.

— „וואָס שרייען זיי אזוינס?"

אויפן אָרט פון אן ענטפער האָט ער דערפילט א נייעם קלאַפּ אונטער דעם קינבאק. ס'האָט אים אָנגעכאפּט א רויטע רוגזה און ער האָט פארגעסן אלץ וואָס מען האָט מיט אים איינגעקנעלט אין די לעצטע צוויי טעג וועגן רעגלען און גאַרדע, וועגן דעם וואָס מען מעג און וועגן דעם וואָס מען טאָר ניט, און אז אייגנטלעך דארף אלץ זיין ניט מער ווי א טאנץ אין וועלכן מען באַוועגט די קני, ווייל דאָס געפעלט די צושויער און אז דער צירק וועט זיין פול וועט מען אים סיי ווי סיי געבן דאָס געלט. פּלוצעם האָט ער פארשטאנען אז אלץ איז געווען ניט מער ווי אָפּנארעריי, א מיאוסע געשיכטע און האָט זיך א וואָרף געטאָן מיט אלע כוחות אויף דעם קעגנער. מיט די שווער באהענטשטע פויסטן זענען די קלעפּ געווען קלאַנגלאָזע, שטומע קלעפּ וואָס האָבן א רגע צעחושט די שווארצע מאסקע, אָבער נאָר א רגע ביז דער עולם האָט אָנגעהויבן דונערן פון געלעכטער.

די הענט באַוועגן זיך לייכט, ער פאלט אין אן אומענדלעכן אָפּגרונט פון ווייט דערטראָגן זיך געשרייען: „וואַרף אים אריין דעם יידן", באגלייט פון א מאָדנע ציילן: איינס, צוויי, דריי...

דריי דערמאָנט אים עפּעס. עמעצער האָט אים געזאָגט אז ביי דריי דארף מען מאכן דעם אָנשטעל פון א געחלשטן, ביי דריי דארף מען זאמ־לען כוחות. וואָס פארא כוחות, צוליב וואָס כוחות? פיר... פינף... ביי פינף מוז מען אָנהויבן קומען צו זיך, ביי פינף מוז מען טראכטן וואָס מע וועט טון ווייטער. נאָך פינף בלייבט ניט מער קיין צייט פאר חלשות. אויף דעם רינג זענען פינף ניט קיין חמשה חומשי תורה, וועגן וועלכע ער האָט גע־הערט אָבער קיין סך ניט געוווסט. פון די בענק שרייט מען: „לאָז אָפּ די נבלה, ער איז שוין סיי ווי א טויטער", און כאָטש מען זאָגט א טויטער לאכט מען ווייטער מיט שווידערלעך געקרומטע צורות, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, וואָס טאנצן ארום אים ווי שדים. זעקס... זיבן... צוזאמען מיט טיי־בעלעס קינדער זענען זיי זיבן און די מאמע קאָן בשום אופן ניט פארטיילן

אויף זיבן דאָס שטיק קאָפּ־פלייש (א מתנה פון סענדער שוחט). יאָסלען קומט מער ווייל ער איז דער פּרנסה—געבער, יאנקעלען, דעם מעזינעק, ווייל ער איז ראכיטיש, א ווייך ביינערדיקער... אין די אויערן זשומעט, די העלבלויע מאסקע פליט ווי א זומערפויגעלע און ער וואָלט זיך געדארפט אויפהויבן פון דיל, ער וואָלט געדארפט בלינד מאכן די גרינע אויגן, באַ־וועגן זיך אָבער די הענט אין דער לופט און ער פאלט ווייטער, טיפער און טיפער אין אומענדלעכן אָפּגרונט. אכט... ניין... מארק שפרינגט אויף ווי געשטויסן פון א פּרוזשינע, דערפילט א שרעקלעכן ווייטיק אין קינבאק, אין די געהירן...

ווען ער עפנט די אויגן און קוקט זיך ארום קען ער ניט פארשטיין ווו ער געפינט זיך, פון וואנען קומט ער אהין. גרויע ברעזענטענע ווענט, שוואך ליכט, אנטקעגן אויף א קעסטל זיצט א שאָטן. ער קוקט זיך איין, עפעס א שווארצינקער מיט א קינדעריש פנים, מיט א טרויעריקן בליק.

— דיינע קליידער זענען אויפן קעסטל וואָס נעבן דיר, זאָגט דער שווארצענקער. ערשט איצט דערקענט ער אים, ס׳איז די שווארצע מאסקע.

— און דאָס געלט? פרעגט מארק מיט א שוואך קול, ער פארשטייט אז אלץ איז געווען א שפיצל, אז אין אים האָט מען געפונען דעם נאר, ער וויל דאָס אָבער הערן פון דעם אנדערנס מויל, ער וויל אז יענער זאָל אים איבערצייגן מיט קלאָרע ווערטער. די שווארצע מאסקע טוט נאָר א צי מיט די אקסל, הויבט זיך אויף פון קעסטל, קוקט מיט דעם זעלבן טרויריקן בליק.

— ווארט, איך קום באלד צוריק, און פארשווינדט אין לאבירינט פון ברעזענטענע ווענטלעך.

אויפן וועג אהיים — כאָטש ס׳איז געוואָרן שפעט און דער טאטע האָט געקאָנט זיצן איבער א גמרא — האָט אים אורי אָפּגעווארט, נאָכ־געשפּאנט פון דער ווייטנס, געפילט מארקס ווייטיק אין יעדן שפאן, געזען ווי זיינע טריט פלאָנטערן זיך. אנגעקומען פאר דער שטוב האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעגלייכט דעם רוקן, געשאָלטן די נאכט, געווישט די שיך כאָטש די ערד איז געווען א טרוקענע, ארויפגעגאנגען די טרעפּ איינציקווייז, גלייך ער וואָלט זיי געוועט ציילן אויף זיך איבערצוצייגן אז ער איז אָנגע־קומען אהיים, געעפנט פאמעלעך די טיר, א בלייכער שטראל האָט א קער געטאָן די גאס און זיך פארלאָשן צוזאמען מיט מארקס פארשווינדן אויף יענער זייט.

אורי האָט באמערקט אז די שכנותדיקע הייזער, כאָטש אָן גאנעקעס און אָן טרעפּ, זענען העכער פון דער לאהטשקעס הייזל מיט זיבן טרעפּ

און זיך געלאָזט אהיים מיט א געזאַנג. געזונגען האָט ער ווייל די גאס איז געבליבן א פוסטע און די נאכט־שטילקייט האָט זיך געדאכט א גרויזאמע.

— היינט באַצאָל איך אייך דעם חוב, האָט אויף מאָרגן געזאָגט די לאהטשקע צו דער שכנה. מיין מארק האָט פארדינט א פאָר לעי, האָט זי צוגעגעבן מיט גדלות. פון וואנען עס קומט צו מארקן דאָס געלט האָט זי ניט געוווּסט. ער איז נאָך געשלאָפן און אויפוועקן אים האָט זיך איר ניט געוואָלט. דאָס געלט האָט זי געפונען אין דער הויזן־קעשענע און אויב ער האָט שוין יאָ געבראכט א פאָר לעי, טאָ זאָל ער זיך אויסרוען. זי האָט זיך ניט אָנגעשטויסן אז א וואכעדיקער וואָלט מארק אויך ניט געווען גע־ווּסט פון וואנען דאָס געלט קומט צו אים.

דער, מיט דער שווארצער מאסקע, האָט געפילט אז ווען ער זאָל ניט געווען זיין אָנגעטון פון קאָפּ ביז פיס אין שווארצן זאַק וואָלטן זיי געוועזן געשריגן: „העי, ציגיינער, ווארף אריין דעם יידן" און געלאכט [מיט נאָך מער פארגעניגן, האָט אים אָנגעכאַפּט אן עקל. נוקם געווען האָט ער זיך אריינשמוגלענדיק א פאָר לעי אין מארקס הויזנקעשענע אין דער צייט וואָס ער איז געלעגן א פארחלשטער.

אזוי האָט זיך אומגעריכט באוויזן אונטערן ברעזענטענעם הימל א געפיל פון קעגנזייטיקער התחייבות און אויף מאָרגן ביי לאהטשקען אויפן טיש א ראָסעלע מיט זיבן שטיקלעך פלייש.

מארק האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין חלק:

— גיב דאָס, מאמע, יאנקעלען, ער דארף נאָך וואקסן.

# א געבויגענע פּלייצע

מאָנטיק, אין וואָכעדיקסטן פון אלע וואָכעדיקע טעג, שלאָגט סענדער פּאָר אורין א שפּאציר. ס'איז דער דריטער טאָג נאָך אוריס אומקערן זיך אהיים. אויס גאסט. לויט אוריס חשבון איז דאָס ערשט דער צווייטער טאָג, ווייל דעם ערשטן האָבן זיי פארבראכט ווי פרעמדע. זיך אומגעקערט נאָך פופצן יאָר, האָט אים דער אייגענער טאטע ניט דערקענט. אָנגעקומען שפּעט אין דער נאכט פון פרייטיק אויף שבת, האָט אים סענדער, אן אויפגעוועקטער פון שווערן אומרואיקן שלאָף, אויפגענומען ווי א פרעמדן. ס'האָבן ניט געהאָלפן קיין סימנים, קיין דעראינערונגען, קיין אויסרעכענען די לעבעדיקע און פאַר־שטאָרבענע משפחה, שרפות און פארפלייצונגען. סענדער האָט יעדעס מאָל איבערגעחזרט דעם זעלבן „ווייזט אויס, געווען מיט אים צוזאמען א לאנגע צייט אז ער האָט דיר געקאָנט אָנדערציילן אזוי פיל איינצלהייטן. אורי איז טויט".

— זעסט דאָך אז כ'בין דאָ.

— אוודאי זע איך, נאָר וועמען?

— וואָס הייסט וועמען?

— אָט דאָס פרעג איך דאָך. אורי איז טויט. וו ווייס איך ניט. איי־ניקע האָבן מיר געזאָגט אז נאָך אין שפּאניע, אנדערע אז אלס רויטארמיי־ער, אנדערע ווידער אז טאקע ניט ווייט פון אונדזער געגנט, אלס פּארטי־זאן. דערקענט און דערשאָסן. צו פיל תחיית המתים'ס אז ער זאָל געווען בלייבן לעבן. אזוי אז...

ערשט שבת־צו־נאכט, נאָך הבדלה, ווען אורי האָט א טראכט געטאָן אז אפשר איז בעסער לאָזן דעם [אלטן זיך אויסשלאָפן א נאכט און זיך אוועקגעזעצט אויפן טאפּטשאן, אויף דעם זעלבן פּלאץ אויף וועלכן ער

פלעגט זיך אוועקזעצן אמאָל, מיט פופצן יאָר צוריק, כדי אראָפּצוציען די שיך און זאָקן, האָט סענדער א זאָג געטאָן „דו ביזט עס!״

— וואָס פלוצלינג, טאַטע?

— שייך וואָס פלוצעם? אז כ׳זאָג, ווייס איך וואָס איך זאָג.

איז מען אָפּגעזעסן כמעט די גאנצע נאכט, נאָך דעם א טאָג און ווי־דער א האלבע נאכט. ניט לייכט אויסצופולן פופצן יאָר...

איצט האָט סענדער פאָרגעשלאָגן א שפּאציר און אורי וויל באַווייזן אז ער האָט פארשטאנען דעם מיין, לאָזט ער זיך אויף לינקס, צו די ציגיי־נער־געסלעך.

— וווהין? פרעגט סענדער. קום!

דער „קום״ קלינגט מאָדנע. ס׳איז ניט דעם טאטנס באפעלערישער טאָן פון אמאָל. אורין וויל זיך זען דעם אויסדריק פון זיין פנים, דעם גלאנץ פון זיינע אויגן. איז שוין אָבער סענדער אוועק א גוטע פאָר שפּאַן פאָרויס, זיין געאיילטער גאנג דערמאָנט אין יענע צייטן ווען מ׳פלעג זאָגן „סענדער גייט ניט, ער פליט״. דאָס דאָרף אין וועלכן זיי האָבן געוווינט איז געווען צו קליין אויף צו קאָנען אויסהאלטן א שוחט, פלעגט סענדער „באַ־דינען״ עטלעכע ארומיקע דערפער. דער וועג צו איינעם פון אָט די דער־פער האָט זיך געשניטן דורך א געדיכטן וואלד, דורך די „קאָדרעס״. שוין דער נאָמען אליין איז געווען גענוג אויף אָנצוואַרפן א מורא, אָפּגערעדט פון די וואלדהעקערס, כאָטש פויערים באקאנטע. אפשר דערפאר פלעג זיי וווּנדערן זיין איילעניש. טאקע זיי האָבן פארשפּרייט אין דאָרף און געגנט אָט דעם „ער גייט ניט, ער פליט״. ווייזט אויס אז פון וואלד האָט געשטאַמט אויך סענדערס קנאה צו רייטער, צו זייער שנעל באוועגן זיך. אין איינעם א דאָנערשטיק האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און געפּרוּווט א רייט טאָן איבער די דערפער. געדינגען אָדער אויסגעבאָרגט א פערד, זיך געלאָזט אויפזעצן רייטנדיק (לייכט איז עס ניט אָנגעקומען,ביידע גרעסערע זין האָבן אים קוים ארויפגעטאָשטשעט) און אוועק.

צי ער האָט געריטן פון איין דאָרף אין צווייטן איז שווער צו זאָגן. ער האָט וועגן דעם קיינמאָל ניט דערציילט. קלאָר איז אז אין א טייל פון די דערפער האָט ניט געוווינט מער ווי איין יידישע משפחה און אויב דער מאַן איז צופעליק ניט געווען אינדערהיים, איז זיך שווער פאָרצושטעלן ווער ס׳האָט אים געקאָנט העלפן אראָפּקריכן און ווידער ארויפקריכן אויף דעם פערד. ער זאָל געווען שעכטן דאָס עוף לכבוד שבת רייטנדיק איז אויך שווער צו דערלאָזן, אָבער אז אהיים איז ער געקומען רייטנדיק איז זיכער.

דאָס האָט מען זיך דערוווסט פון זיינע אייגענע געוואלדן, פון זיין רופן נאָך הילף, ווייל דערגענטערנדיק זיך צום דאַרף האָט די קליאטשע ניט געוואָלט מער פאָלגן סענדערס אָנווייזונגען אויף רעכטס און לינקס, זיך א קליינעם צימעס געמאכט פון זיין ציען די לייצעס און איז אוועק גלייך צו דער שטאַל. דער דאך איז געווען א נידריקער און סענדער איז געבליבן הענגען זיך האלטנדיק מיט איין האנט... אין דער צווייטער האָט ער גע־האלטן דאָס קלימעקל אין וועלכן ס׳האָבן זיך געפינען א חוץ טלית און תפי־לין, די חלפים. אורין וויל זיך לאכן ווי דעמלט, זעט ער דעם טאטנס פליי־צע א געבויגענע, צווייפלט צי סענדער קאָן נאָך אזוי לאכן, איילט ער זיך אים אָניאָגן.

אויפן אָרט פון אמאָליקן סטעזשקעלע קייקלען זיך בארג אראָפּ צווי־רייעס ברייטע פון בעטאָן געגאָסענע טרעפּ, באזוימטע מיט אקאציע בוימער. דער בארג איז ניט מער פארפלייצט מיט דערנער און ווילדע גראָזן, מ׳האָט געפלאנצט א וואלד, גרינט ער זיך.

— אין די מלחמה יאָרן, זאָגט סענדער, האָט מען דאָ געפלאנצט און געבויט. ער זאָגט ניט ווער ס׳האָט געפלאנצט און וויאזוי ס׳איז געבויט גע־וואָרן. דערציילט ער אָבער מיט א ניסוח פון עבדים היינו ווערן די טרעפּ ניט באטרעטבארע, דאָס וועלדל — קברים־בוימער, און דער מיין פון שפּאַ־ציר א שרעקלעך טרויריקער. זוכט אורי און אָנשפּאר...

אין דער שפּיציקער ווילע פון פאבריקס־הויף שלייכט זיך ניט מער פון איין צימער אין צווייטן דורך קרישטאָלענע טירן דעם דירעקטאָרס רוח־גיותדיקע פרוי. די ווילע איז איצט א קינדערגאָרטן, איילנדיקע מאמעס — דעם פאבריק־פייף ניט צו פארשפּעטיקן, ער דאַרף זיי געפינען נעבן וועבשטול — ברענגען כליפּענדיקע קינדער. ס׳האָט זיך זיי נאָך געוואָלט שלאָפן. וואקסט דער טאָג שפּילן זיי זיך אין געל־ווייסע אָנצוגלעך אָדער שפּאצירן פאָרלעכווייס, האלטנדיק זיך ביי די הענטלעך באגלייטע פון לערערנס אין בלוי־ווייסע כאלאטלעך. יונגע לערערנס, צו מאָל שיינע, דערמאָנען אין „קום יאַניוניא זעץ זיך נעבן״. א לעבעדיקע, א רעשיקע איז געוואָרן די געוועזענע דירעקטאָר־ווילע.

— פאר דער צייט האָט זיך אלץ געביטן, זאָגט אורי.

— אוודאי האָט זיך געביטן, באשטעטיקט סענדער און זיין בליק זוכט עמעצן אויף די טרעפּ און צווישן די בוימער...

אויך דער „הויף" האָט זיך פאַרוואַנדלט, געבליבן ניט מער ווי א חורבה. ביים טויער באַגעגענען זיי גיצען, דעם אַלטן בריוועטרעגער. ער איז א ניינציקער, די וואָנצעס רויטלען זיך נאָך ביי די שפּיצן, איבער דער אויבער־שטער ליפּ געלבלט זיי דער ציגייער רויך.

— ניט געבליבן קיינער פון דער דינאַסטיע, זאָגט גיצע, מיינט ריזשע־נער און טאַלנער כאָטש ער האָט פון זיי ניט געהערט. אַלע זענען אַוועק.

— פרעמדע זענען געוואָרן תושבים און איינגעבוירענע פרעמדע, זאָגט סענדער.

אמת איז עס נאָר בייטאָג, ווען סיי זון, סיי רעגן, סיי ווינט שטרייכן אונטער די פּוסטקייט וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דעם „הויף" און איבער דעם שטעטל. ניט אמת איז עס פון בין־השמשות ביז קאַיאָר. צוזאַמען מיט דער נאַכט וואָס שפּראָצט פון דער ערד, נידערט פון הימל אַראָפּ א נעפּל און דאָרט ווו זיי באַגעגענען זיך שוועבן שאָטנס און סודען זיך. עס פליט פאַרביי פּאָטאַלע און נאָך אים ווי א קאָמעטנשוואַנץ, ווי א גאָלד און זילבער־שטויב דער דעמלטיקער עולם. די צייט האָט צוזאַמענגעשמאָלצן פרייד און טרויער, טרערן און געלעכטער, שנאה און פריינטשאַפט זעט עס אויס ווי פּאַווע־פאַרבן וואָס גיסן זיך איינע אין דער אַנדערער.

...פּאָטאַלע איז געווען דער איינציקער „זשורנאַליסט" פון דער, אויך געוועזענער, לאָקאַלער וואָכן אָדער חודש־צייטונג. א צוויי מאָל האַלב פאַר־קערעוועטער איז געווען פּאָטאַלע. דער אויבערשטער טייל קערפּער, ביז דאָרט וו ס׳וואָלט געדאַרפט זיין דער גאַרטל, איז פאַרקערעוועט ווי א פערד און וואָגן וואָס האַלט ביים אַריינפאָרן פון איין גאַס אין דער אַנדערער אויף רעכטס, דאָס זעלבע דער אונטערטייל נאָר אויף לינקס. פליט שטענדיק א טייל פּאָטאַלע פאָרויס. פון געבוירן אָן אַזעלכער, די נאַטור האָט, ווייזט אויס, פאָרויסגעזען אַז ס׳טויג צו דער פּראָפעסיע, ווייל אַזוי זעט ער אויס אָן איבעראַליקער. די צייטונג, גרויס ווי א תלמוד־בבלי־דף, איז א צווייזייטיקע. די העלפט פון דער ערשטער זייט פאַרנעמט דער טיטל, א געקינצל־טער, און אונטער אים מיט גראָבער שריפט „אַלגעמיינע, אומאָפּהענגיקע, אָביעקטיוו אינפאָרמירנדיקע צייטונג". אינפאָרמירט זי וועגן חתונות און באַגרעבענישן, בריתן און פרויענקאָמיטעט־באַגעגענישן אויף וועלכע מ׳־באַשטימט אָפּשטעקן וויזיטן אין די שולן און שפּיטעלער (כאָטש אין שטעטל איז קיין שפּיטאָל ניטאָ) און נאָך אַזעלכע וויכטיקע אינפאָרמאַציעס אין

װעלכע די נעמען פֿון די דאמען זענען געשריבן קורסיװ און לױט א שטרענגן פּראָטאָקאָל, צוערשט מאדאם ק. נאָכדעם פרוי ל. חלילה ניט פארקערט, װײַל... װער װיל אן ערד־איבערקערעניש צי אפילו נאָר אן ערדציטערניש?

אין יענעם טאָג, דערמאָנט זיך אורי, האָט מען די צײַטונג ממש געריסן פֿון די הענט. ניט מחמת די נײַעסן װאָס מען האָט זיך געװאָלט דערװיסן. פארקערט, װײַל מ׳האָט געװוסט. נאָך מיט א טאָג פריער איז באקאנט געװאָרן װי עס װעט אױסזען פּאָטאלעס שילדערונג װעגן לעצטן ספּעקטאקל, דער „קלו״ פֿון צײַטונגסנומער. און ניט אזױ די פּאָרשטעלונג אין אלגעמײן װי דאָס לעצטע בילד. רעדן רעדט מען שױן דעריבער זײַט דרײַ טעג, אָבער אײנס איז גערעדט און עפּעס אנדערש געשריבן שװארץ אויף װײַס, מיט בפירושע נעמען.

דאָס שטעטל רעשט, נאָר דאָס הױז מיט דער גלאָזװעראנדע באטײליקט זיך ניט, אָדער באטײליקט זיך אויף א פארקערטן אופן. געװײנטלעך איז עס אײנס פֿון די באפּעלקערטסטע פּלעצער. אין די נאָכמיטאָגן און פארנאכטן זיצט בײַ אן אָפענעם פענצטער אין אײן עק װעראנדע בעלא און אין אנדערן עק איר מוטער. גײט מען דורך, גריסט מען און מ׳פארהאלט זיך א װײַלע. מיט עלטערע רעדט די מאמע, האָבן אָבער עלטערע קײן צײַט ניט — מענטשן פארנומענע, גײען ניט אין גאס סתם אזױ, נאָר מיט א ציל — אײַלן זיך, בלײַבט זי צװישן אײן דורכגײער און צװײטן אלײן, קוקט צום יונגן עולם, שאצט װער עס װאָלט געפּאסט פאר א חתן, װײַל בעלא איז שױן איבער אכצן. מיט דער יוגנט שמועסט בעלא, רעדן רעדט איר געזיכט בײַטנדיק די פארבן, אָט בלאס, אָט רױטלעך, אָט אן אָנהױב פֿון צעפלאמען זיך, אן עכט בתולה־לשון. הײַנט איז די גלאָזװעראנדע פארריגלט, איבער אלע פענצטער זענען פארצױגן פירהענגלעך, קײנער באװײַזט זיך ניט. און דאָס אלעס, סײַ דער רעש סײַ דאָס שטילקײט ארום דער װעראנדע נאָר דערפאר װײַל בעלא האָט גערעדט, און גערעדט האָט זי בײַ דעם לעצטן ספּעקטאקל בעת דעם לעצטן בילד.

אײגנטלעך האָט זי גאָר ניט גערעדט, בעלא האלט קײן רעדעס ניט, זי האָט נאָר אױסגעדריקט איר פארװוּנדערונג מיט אן אומשולדיקער פראגע׳ דער שכן, װײַזט אױס א מענטש מיט הינטערגעדאנקן, האָט זיך צעלאכט. װאָלט דאָך געװען גענוג, פּולט ער אָן דאָס שטעטל. װערטלט מען זיך, א װינק, אן אָנצוהערעניש און בעלא רױטלט זיך. אָבער אין דער צײַטונג? דאָס קאָן נאָר א האלבפארקערװעטער זשורנאליסט.

דאָס לעצטע בילד פֿון דער פּאָרשטעלונג — אן ארט װאריעטע־ספּעקטאקל — איז געװען א פּיראמידע. „עס געהערט צום פּראָגראם״, האָט

באשטימט דער רעזשיסער, דער זעלבער ביים לינקן ווי אויך ביים רעכטן דראמאטישן קרייז — ווייל אין שטעטל זענען פאראן צוויי אזעלכע קרייז־לעך — דער עברית לערער וועלכער איז ביי זיך אין שטוב, אין זיין דלת־אמות־אינטימקייט, א יידישיסט, „איבערגעגאַרנטע צען פאַרשוין, האָט ער גע־זאָגט, דריקן אויס קראפט און קאָמפּלעקסע אייניקייט״. אויב קראפט און דערצו נאָך אייניקייט, האָט זיך דער אנסאמבל, א פּאָליטיש פאַרשטייט זיך באוווסטזיניקער, אונטערגעוואָרפן דעם באשלוס, כאָטש טענות זענען גע־ווען א סך. די אונטערשטע פיר — די וועלכע האָבן געדאַרפט שאפן די באזע פון דער פּיראמידע אויף וועלכע ס׳זאָלן שטיין אנדערע דריי, אויף זיי — צוויי און דערנאָך איבער זיי, העט אויפן שפּיץ, דער לעצטער, דער פּירא־מידן שפּיץ — האָט אָט דער לעצטער געשראָקן. „א שווערן, האָבן זיי געטענהט, וועלן מיר ניט קאָנען אויסהאלטן, א שווערער פארלירט דאָס גלייכגעוויכט און קאָן איבערקערן די גאנצע פּיראמידע. אזא אומגליק טאָר מען ניט צולאָזן.

א שפּיץ וועגן דער פּיראמידע האָט געפונען דער רעזשיסער ביים בייגלבעקער, ביים קינדער־הויפן, ווי סענדער פלעגט זיי רופן. גענייגט האָבן דעם בייגלבעקערס קינדער „לינקס״, דער קלענסטער פון די ברידער האָט מסכים געווען צו שטיין מיט דעם קאָפּ אראָפּ אויף די איבערגעשטאָקטע גימנאסטיקער כאָטש זיי זענען געווען „רעכטע״, ווייל דעם ספּעקטאקל האָבן געגעבן די „רעכטע״. געזאָגט האָט מען, אז זיין הסכמה איז ניט גע־ווען קיין אומזיסטיקע. ער האָט געלייקנט, ער האָט געזאָגט אז ס׳האָט אים א שמייכל געטאָן דער געדאנק צוצוקוועטשן די גבירישע זינדלעך — ביי אים זענען כמעט אלע געווען גבירישע זינדלעך. אין אָוונט פון ספּעקטאַ־קל זענען ארויס אויף דער סצענע צען חברה, ניין געזונטע בחורים אָנגע־טון אין שווארצע הויזן און ווייסע מייקעס, און דעם בייגלבעקערס ייִנגעלע אין יומטובדיקע עטוואָס אָפּגעריבענע הייזלעך, א ווייס העמדעלע כדי צו באהאלטן זיין ביינערדיקייט. עס דערשיינען פיר בריקבויגנס אויף וועלכע עס שפּרינגען מיט אימפּעט ווי פון שטאָל געגאָסענע דריי אטלעטן, איבער זיי קלעטערן] אנדערע צוויי, פון האנט צו האנט ווארפט מען דאָס ייִנגעלע און אָט שטייט דאָס אַן איבערגעדרייטס מיטן קאָפּ אראָפּ אויף דער שפּיץ פּי־ראמידע, די פּיסלעך שטעכן די לופט ווי צוויי הירשן הערנער, זענען אָבער די הענט וואָס האלטן דאָס ביי די הייזלעך צו פעסטע, שפּרינגען אָפּ די קנעפּלעך פון קרעקל... און עס ברעכט אויס אַן אלגעמיין געלעכטער.

דעמלט האָט בעלא אויסגעדריקט איר פאַרוווּנדערונג.

— כ׳פארשטיי ניט, האָט זי געזאָזט, וואָס מ׳לאכט אזוי הילכיק איבער אזא קלײנעקײט.

און דער האלבפארקערעוועטער עקדיש, דאָס קרומע זשורנאליסטן פּרצוף האָט עפּעס אנדערש ניט געפונען ווי נאָר צוצוזאָגן דעם פריילען בעלא — און דאָס אין דער שטאָט־צײטונג — אז מ׳וועט אנטקעגן קומען איר פארלאנג ניט צו לאכן פון קלײנעקײטן און אויף דעם שפּיץ פון דער „נעכסטער פּיראמידע״ אוועקשטעלן דעם בייגלבעקערס עלטערן זון...

לייענט מען און כאַטש מ׳פארשעלט אים די יאָרן, קאַטשעט מען זיך פאר געלעכטער. וואָס הייסט מ׳לאכט...

שוין ווידער הירזשעט איר ווי די פערד? פרעגט סענדער פון שלאָף און דרייט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט. גאָלדע שלאָפט ניט. זי שטריקט האלבדרימלענדיק א זאָק, ווארט אלע זאָלן קומען אהיים. איבער־הויפט צילקע. „א מיידל, דערצו א ווילדע״. קלאפּט דאָס הארץ, איין מאָל מיט ווארעמקייט, איין מאָל מיט גליווער. אויך אויף מרימען ווארט זי, נאָר די זאָרגן זענען אנדערע. מרים איז ניט קיין ווילדע, א צו געזעצטע איז זי. „די יאָרן שטייען ניט און צו קיין תכלית טראכט זי ניט, הייבט אירע טועכצן, מ׳וועט זי נאָך חס וחלילה איינזעצן. ווער ווייסט ווי זי קאָן איצט זיין?״ קלאפּט דאָס הארץ איין מאָל מיט שרעק, איין מאָל מיט האָפ־נונג. א טרייסט דער זון. ער האָט חתונה געהאַט.

— א חתונה, ווי׳ איז מיר, רעדט צו זיך אליין גאָלדע, אויף א קול.

— וואָס האָסטו געזאָגט, פרעגט סענדער.

— גאָרניט.

— ס׳האָט זיך מיר געדאכט.

— ווייזט אויס.

— פארוואָס גייסטו ניט שלאָפן.

— דער זאָק.

— לאָז דעם זאָק, זאָגט ער, זיך אויסדרייענדיק מיטן פּנים צו דער וואנט. אוי, ברעכן מיר די ביינער.

גאָלדע ציט אראָפּ דאָס פלעמל, ס׳זאָל אים ניט שטערן שלאָפן, שטריקן קאָן זי אין דער טונקל. צו דער חתונה איז מען אויך געפאָרן אין דער טונקל. געפאָרן איז מען ווייל דאָס שטעטל האָט זיך דערוווסט אז סענדערס זון „לעבט״ מיט איינער אָן חופּה וקידושין, האָט מען געטראכט אז מ׳וואָלט געדארפט ווי ניט איז א חופּה שטעלן. „ביי לייט איז א חתונה א חתונה, ביי אונדז א מין אָפּקומעניש״, טראכט גאָלדע.

נאָך דעם פלעג דער זון אָפלאכן פון זיין חתונה.

— ניט איך האָב זי מקדש געווען טאטע. מיר דאכט זיך אז דו.

— שייך, ביי דער חופה ביזטו דאָס געווען?

— געווען.

— נו?

— ווען ס'איז געקומען צום טבעת־קידושין האָבן מיר זיך געכאפט אז מ'האָט דאָס פארגעסן אינדערהיים. געלאָפן נאָך דעם פינגערל בין איך, אָבער ביז כ'בין צוריקגעקומען איז שוין געווען נאָך דער חופה.

— באמת? פרעגט סענדער מיט א שטיפערישן בליק.

— אוודאי.

— אויב אזוי קומט אויס נאָכאמאָל שטעלן א חופה.

דערוווסט מען זיך, לאכט מען, וואָס הייסט מ'לאכט! לאכנדיק דער־מאָנט מען זיך אז גלייך נאָך סענדערס און גאָלדעס אוועקפאָרן האָט זיך פארגליסט זיי אָנטון א פרייד, ווען זיי וועלן צוריק קומען פון דער חתונה זאָלן זיי געפינען די שטוב א פרישע. האָט מען געקאלעכט די ווענט און זיך געגרייט שמירן דעם דיל מיט ליים. געקנעטן דאָס ליים האָט מיט באָר־וועסע פיסלעך אורי, דעם ריטעם האָט געגעבן זלמן. איז עס געפעלן. איז מען געזעסן אויף די בעטלעך און זיך צוגעקוקט צום שפיל. זלמן פאר־שנעלערט דעם טעמפּאָ און פון אורין גיסט זיך דער שוויים. אזוי ביז אורי כאפט זיך און עס פאלט אים איין זיך נוקם צו זיין, אָפרעכענען זיך מיט זלמנען. בויגט ער זיך איין, נעמט א שטיק ליים, מאכט דערפון א קנויל, צילט זלמנען און טרעפט אין דער פריש געקאלעכטער וואנט. דערזעענדיק דעם געלן פלעק בלייבט דער עולם א געפלעפטער, אָבער נאָר א רגע, ביז צילקע ברעכט אויס מיט איר קרייענדיק געלעכטער, וויל איר מרים פאר־שטאָפן דאָס מויל, באצאָלן פאר איר באנעמען זיך מיט א טאָג פריער, ווען אין ברען פון קאלעכן האָט זי אלץ איבערגעלאָזט און אוועק שפאצירן הינטער דער שטאָט, זי געלאָזט אליין מיט דער גאנצער ארבעט. פארמאכן דאָס מויל וויל זי איר דווקא מיט א שטיק ליים. געשעט דאָס זעלבע ווי ביי אורין. ווערט דאָס געלעכטער אן אלגעמיינס, די קריוודע אָנגעמערס פארטיילן זיך אין צוויי מחנות און די ווענט פינטלען זיך ווי יעקוב־אבי־נוס לעמעלעך. געכאפט האָט מען זיך צו שפעט, נאָכאמאָל קאלעכן איז קיין צייט ניטאָ.

— ווייסט איר גאָר וואָס, מאַכט צילקע, מיט רעגלמעסיק אויסגע־שטעלטע פלעקן וועט דאָס צימער זײַן נאָך שענער און טרעט גלײַך צו פארענדיקן די ניטווילנדיק אָנגעהויבענע ארבעט.

ווען גאָלדע איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל א דערשיטערטע, האָט מען נאָך אַלץ געלאכט פון אויפטו.

„אויך ער האָט געלאכט" דערמאָנט זיך גאָלדע, לייגט א ווײַלע דעם זאָק אין שויס און הערט זיך איין צו סענדערס כראָפּען. „אויך א ווילדער, ווי די טאָכטער זײַנע" טראכט זי און אויפן פּנים בליט א מידער שמייכל.

קומען צילקע און זלמן שמייכלענדיקע און מרים א ברוגזע.

— וואָס איז דער רוגז, פרעגט גאָלדע. שיסט צילקע אויס מיט איר קרײַענדיק געלעכטער און זלמן מיט א דיקן ווי א לײַדיק פּאַס.

— שוין ווידער? פרעגט סענדער. וואָס איז דאָס הירזשען?

— דײַן חכם איז א גראָבער נפש, א כוליגאַן מיט פּרעטענזיעס.

צו שווערע ווערטער, וויל זיך סענדערן וויסן וואָס ס'איז געשען ער וויל אליין שאַצן. דעם שלאָף האָבן זיי שוין סיי ווי סיי איבערגעשלאָגן.

שיינע איז פון א בעסעראַבער שטעטל, געענדיקט די גימנאַזיע און אַוועק זיך פּראָלעטאַריזירן (געפּרוּווט מאַכן פון נויט א כבוד). שפּאַצירן האָט זי ליב מיט זלמנען. ווען ער זינגט אָדער דעקלאַמירט שוועלט ביי אים אויפן שטערן אַן אָדער. מ'זאָגט אז דאָס מאַכט אים מענלעך. ווייזט אויס אז דערפאַר געפעלט איר מיט אים צו שפּאַצירן. זי איז א הויכע, מיט קליינע, הארטע, חוצפּהדיקע בריסטן. ווען זי רעדט וואַרפט זי אריין רוסי־שע ווערטער, מ'זאָל וויסן אז זי איז אַן אינטעליגענטקע, א פּראָלעטאַרי־זירטע אינטעליגענטקע. מעגלעך אז דערפאַר געפעלט איר זלמן, א שוחטי־שער פּראָלעטאַריער איז עפּעס אנדערש. ווען זי שפּאַצירט מיט זלמנען וואַרפט זי אויך אריין א רוסיש וואָרט.

— ווען אַן אנדערע וואָלסטו דאָס ניט געוועז געטאָן, זאָגט מרים מיט פאָרוואורף. ס'איז א ווינק אויף זלמנס שוואכקייט צו פּולברוסטיקע.

— מיט שיינען געפינסטו דיר צו מאַכן אזעלכע חכמות. ברוגזט זיך לאַכנדיק צילקע. אָפּלאַכן פון א בעל־מום טאָר מען ניט, זאָגט זי, כאָטש שיינע איז קיין בעל־מום ניט. מ'דאַרף זיך גוט אײַנקוקן אויף צו באַמערקן אז די אויבערשטע פעדערשטע ציין — אײַנגאַנצן צוויי — קריכן אביסעלע ארויס פון הינטער דער ליפּ.

— וואָס האָב איך אזוינס געטאָן, פרעגט זלמן מיט אַן אומשולדי־קער תנועה און קאָן זיך ניט אײַנהאַלטן ניט איבערצוחזרן די געשיכטע.

ניט מער ווי געפּרוווט איר דערוויזן אַז זי קאָן ניט קיין רוסיש. האָב איך איר פאָרגעשלאָגן מיט געוואַלטיקן ערנסט: „פּיאָרנוטי ראַז טשטאָבי ראַז־ וועסעליטי וואַס?" און זי האָט געענטפערט: „פּאַזשאַלואיסטאַ". אַז זי האָט מיך אַזוי שיין געבעטן האָב איך איר ניט געקאָנט אָפּזאָגן.

— ביסט אַ גראָבער נפש!

— איידל קאָן מען דערצו ניט זאָגן, טראָגט סענדער אַרויס זיין פּסק דין און די רעכטע וואָנצע ציטערט.

... „געווען אַ צייט פון לאַכן, טראַכט אורי, געלאַכט מיט צעקלאַפּטע קעפּ מיט אויסגעזעצטע ציין, מיט אונטערגעשלאָגענע זייטן. פון אַלץ און פון אַלעמען האָט מען געלאַכט". ער וואַרפט אַ זייטיקן קוק אויף סענדערן זעט ער אַז דאָס לאַכן איז געבליבן אָן אַמאַליקס. מיט געלעכטער אַליין בויט מען ניט איבער קיין וועלט. אפשר אַמווייניקסטן מיט געלעכטער.

— קום, זאָגט ווידער סענדער. דאָס מאָל רופט ער אים אַהיים, ס'איז צייט מיטאָג עסן. גייט מען פּאַמעלעך. פּסיעות קטנות, שבתדיק. וואָס גע־ ווען צו זען האָט מען געזען.

— דערמאָנסט זיך, פרעגט פּלוצלינג סענדער, דערמאָנסט זיך נאָך ווי מ'האָט געלאַכט?

— יאָ, טאַטע, אוודאי דערמאָן איך זיך.

— ווייזט אויס אָפּגעלאַכט.

אורי בלייבט אַ פּאָר טריט אַרונטער און קאָן דעם בליק ניט אַראָפּ־ נעמען פון טאַטנס געבויגענער פּלייצע.

# יאנקעלעס גילגולים

טענעגראָס קבר איז ערגעץ נעבן טויער פון א לאגער וועלכן ס׳האָבן לאנגע יאָרן געבויט אינטערנירטע, אויף איינעם פון די ווערסאנטן פון די אטלאס בערג, צווישן דזשעבעל סאכארי און אולעד נאאיל, דאָרט וווּ עס הויבט אָן א נאקעט פלאכלאנד אָן בוימער, אָן שאָטנס אָן איינפארביקע ווייטקייט פון וועלכער עס שפּראָצן ווי מיילן—שטיינער פלעקן שווארצער גראניט, פארגעלטע אלפא גראָזן.

— לעצטנס צו פיל חלומות, האָט געזאָגט יאנקעלע, אָדער שימשעלע, צי גאָר טענעגראָ אין א טריבן פרימאָרגן. קאָשמארן. אייגנטלעך האָב איך ליב חלומות. ניט חלומות וואָס זענען אלץ אויף דער האנט. צומאָל אפילו דערווידער. קאָשמארן דאָס איז עפּעס אנדערש. ס׳איז א סודותפולע וועלט וואָס וויל זיך אנטפלעקן. געזען און ניט פארשטאנען, אָדער געזען און תופס געווען דאָס וואָס וואכעדיק וואָלט ניט געקענט געשען. ס׳איז עפּעס פון דעם וואָס מען זאָגט אז נאָר חולה־נופלדיקע פילן, אָדער א געשעעניש מיט א מיין... אָט צום ביישפּיל גיי איך מיט בילון אויף א ברייטער גאס אין דעם אזוי־גערופענעם גבירישן קווארטאל. דער נאָמען פון דער גאס איז שוין פאר זיך א קוריאָז: ספּירט פאבריק. איז ווי מיר גייען קומט אונדז אנטקעגן, ווער מיינסטו? ווער ניט טרעפן. ס׳איז אוממעגלעך צו טרעפן. בילו באגלייט פון איינעם א קליינוווּקסיקן, א דיקן מיט א שרעקלעך פארשוויצט פּנים. גלאנצט ווי אן אָדערקע פון א געשטאָפּטער גאנדז אין א הייסן זומערטאָג. לויט דעם ווי זיי ריידן מיט די הענט זעט מען אז זיי זענען פארטיפט אין א שמועס וועגן העכערע זאכן. זיי נאָר דערזען, דערמאָן איך זיך אז שוין לאנג ניט

אָפּגעשטעקט קיין ווייזיט בילון. ס'איז מיר ניט אָנגעגעם וואָס שוין אַזוי לאַנג ניט געווען ביי אים. זאָג איך בילון: לאָמיר גיין לאַנגזאַמער, ס'איז מיר אַ בושה באַגעגענען זיך אַזוי אין מיטן דרינען. אפשר וועלן זיי פֿאַרקערעווען אין איינעם פֿון די געסלעך. זאָגט ער, ביסט געדערכט און מיר גייען לאַנג־זאַמער. אויפֿן ווינקל מיט אַ זייטיק געסל שטייט אַ געוואַלטיקער מיסטקאַס־טן. זענען זיי פֿאַרשווינדן הינטער אים. שוין גוט, טראַכט איך, אַזוי וועלן זיי אונדז ניט באַמערקן און הייב אָן שפּאַנען מיט בילון נאָרמאַל ווי צוויי מענטשן וואָס גייען שפּאַצירן. מיינסטו ניט אַז אַזוי ווי מיר קומען אָן צום מיסטקאַסטן זענען זיי נאָך ביידע דאָרט און ווי נאָר ער דערזעט מיך ווייזט מיר בילו מיט אַ פֿינגער די רעכטע באַק, ווי איינער רעדט: שעמסט זיך ניט? דער דיקער, דער גלאַנציקער איז פֿאַרשווינדן גלייך ער וואָלט קיינמאָל דאָרט ניט געווען. איך וויל זיך אַנטשולדיקן פֿיל איך בעשיימפּערלעך ווי עס רויטלען זיך מיר די באַקן. דער וואָס גנבֿן מיר שווייגט, פּרוווט אַפֿילו ניט אַרויסהעלפֿן. עפֿנט בילו אַ קיילעכדיק צילינדער־שאַכטל פֿון ווייסער בעריאָזע קאָרע, אין וועלכן עס שטעקט ווי אַ גראָבער קאָלבאַס פּיסטיק־גע־פּרוירנס און אַ קופּע מילכקרעם־לאָקשן. „נעם", זאָגט ער. „אַ דאַנק", ענטפֿער איך. איז ווי איך רעד נאָר אַרויס די ווערטער ברענגט הילדאַ — די פּאָר צוויי יאָר פֿאַרשטאָרבענע דינסט זיינע — אַ קיגל פֿון ראָזשענקעס, עכטער קישמיש מיט מאַראַנצן־שאָלעכץ און נאָך אַזעלכע שמעקעוודיקע זאַכן און איך בלייב זיצן אַליין מיטן טעלער און שעם זיך פֿאַרזוכן.

— דאָס איז אַ חלום. וועקט אויף געדאַנקען, זאָגט ער טרויעריק. פּלו־צעם הויבט ער אָן לאַכן מיט זיין זעלטזאַם געלעכטערל. אָט די נאַכט חלומט זיך מיר: איך לויף אויף עקיקע סטעזשקעס איבער דעם אייביקן חלום־פֿעלד. לויף אָן אַ ציל. פּשוט אַזוי למען באַוועגן די פֿיס. פֿון דער ווייטנס אַ שטוב. די אייביקע שטוב, באַדעקט מיט רויטן טשערעפּ, מיט אַ געשניצטן גאַנעק. איך מאַך צו זיי מיט דער האַנט. כ'דערקען זיי ווייל זיי זענען נאָענט. זיי אָבער דערקענען מיך ניט, אפשר באַמערקן זיי מיך אַפֿילו נים, זיי זענען ווייט. „עס שיינט מיר אַז דאָס איז ער", זאָגט דער טאַטע נאָר דערפֿאַר ווייל עס וויל זיך אים עפּעס זאָגן. מיין ברודער זעט ווי איך מאַך מיט דער האַנט, שענקט מיר אָבער קיין שום אויפֿמערקזאַמקייט ניט, לאָזט בכוונה בלאָנדזשען דעם בליק אין דער ווייט. קער איך זיך אום און לויף ווייטער אויף די עקיקע אַקער־גרענעצן וואָס צווישן פּירעקיק איינגע־טיילטע פֿעלדער, אייניקע פֿריש געאַקערטע מיט אַ גלאַנץ פֿון אַלטע זיל־בערלעפֿל, אַנדערע באַדעקטע מיט טונקל־געלע שטעכלענקעס פֿון ניט לאַנג

געשניטענעם ווייץ. דערנענטער איך זיך צום גאנעק און בעט קאלט וואסער, ווייל עס טרוקנט שרעקלעך אין האלדז. אפשר איז מיר געווען אזוי טרוקן אין האלדז אז איך האָב די ווערטער ניט געקאָנט ארויסריידן, ווייל קיינער גיט מיר קיין וואסער ניט, קיינער רירט זיך ניט נעמען א גלאָז צי אן ערדן טעפל און מיר געבן אביסל וואסער. „ער האָט דערפילט עס שמעקט א קיסעליצע איז ער געקומען צו לויפן", זאָגט דער טאטע, און פון טעפל וואָס אויף דער פליטע הער איך א מין גול־גול וואָס דערמאָנט באמת אין מיין טאטנס מאכלים. פארשטיי איך אז ער קאָכט, ווייס איך אז ער האָט אָנגעוואָרפן אין טעפל כל־ערליי ניט געוואשענע קרייטעכצער און פרוכטן און כאָטש אזוי וויל איך פון דעם פארזוכן ווייל א זויערלעכער טעם קיצלט אונטער דער צונג. אָבער ביז עס וועט פארטיק ווערן בעט איך נאָך א מאָל א גלאָז וואסער, ס'דאכט זיך מיר אז כ'ווער דערשטיקט, אז כ'וועל אומקומען נאָך איידער כ'וועל פארזיכן פון טאטנס געקעכץ. גיט מיר אָבער קיינער קיין וואסער ניט. דער טאטע ווייל ער איז פארנומען, ער מישט דאָס געקעכץ מיט א הילצערנעם לעפל ס'זאָל ניט צוברענען, דער ברודער און מיין שוועסטער, ווייל זיי האָבן מורא דער חלום זאָל ניט נעמען א סוף. ווייזט אויס זייווילן געווינען צייט, מיך אויפהאלטן מיט דער האָפענונג אז אָט, אָט, באקום איך א קאפעלע וואסער. הויבן זיי אָן דרייען דאָס ראָד פון ברונעם גלייך זיי ווילן ארויסציען דעם עמער און דער ברונעם איז געוואלטיק טיף, און דער הילצערנער עמער פול מיט לויטער קאלט וואסער זייער נאָענט צום דנאָ, רירט זיך קוים. דאכט זיך מיר אז דאָס דרייען זיי דאָס ראָד אזוי לאנגזאם ווייל זיי ווילן מיין טויט, זיי ווילן איך זאָל ווערן א שאָטן. האָט מיך אָנגעכאפט אזא טרויער, אז אלץ איז מיר געוואָרן גלייכגילטיק און זיך אויפגעכאפט פון שלאָף מיט א פארדארטער צונג און א טרוקענעם האלדז ווי שטרוי אין חודש תמוז. זייט דעמלט האלט איך אין איין לויפן. דאָס א חלום, זאָגט ער מיר, און אין זיינע אויגן באווייזט זיך א וונדערבארער גלאנץ.

— וווהין לויפסטו? פרעג איך.

— ווילסט הערן? א חלום, אן אוצר. צו יענער צייט האָט מען מיך נאָך גערופן שימשעלע. אזוי אז אָנהויבן ווען מיר מיט אים.

...ס'איז ניט צום גלויבן אז א צוועלפיעריק יינגל זאָל לויפן א גאנצע שעה אויף דער טאָלעקע וואָס הינטער דער שול און ניט הערן דאָס גלעקל. און דאָך איז עס אזוי געשען. שימשעלע איז מיט זיין שפילן מחיה מתים

אן אלטע, אים אינגאנצן ניט באקאנטע, לעגענדע וועגן צענטאורן. מיט א צו דער ברוסט געבויגענעם קאָפ לויפט ער ווי א באזעסענער, ס׳דאכט זיך אים אז ניט צוויי נאָר פיר פיס מיט ברייטע ניט געקאָוועטע קאָפּעטעס טראָגן אים איבער דעם מיט כל־ערליי מיסטן פארוואָרפענעם פלאץ. ער פילט גלייך ווי ער וואָלט זיין וולאסוס פעדר. ס׳איז דאָס איינציקע פערד פון א „קאלאַראש קו סקימב״ א רעשט פון יענע צייטן ווען פארפונדעוועטע פויערים פלעגן גיין צום מיליטער און אין מלחמה מיט אייגענע פערד. היינט איז עס א פריווילעגיע און א כבוד. דערפאר זאָגט מען האָט וולאסוס פאָטער אָפּגעקלאפּט אלע וויפל נאָר מעגלעכע טירן ביז ער האָט געפּועלט אז מ׳זאָל זיין זון אויפנעמען אין אזא איינהייט. און ווען ער האָט זיך דערשלאָגן האָט ער געקויפט דאָס פערד, די אוניפאָרם און די שווערט מיט וועלכע זיין זון קומט צומאָל אהיים און רייט יעדן טאָג וויניקסטנס א שעה אינדערפרי און אײנע נאָכמיטאָג. שטאָט־מענטשן זאָגן הדיוט שעלה לגדולה, אן אויפגעקומענער פראָסטאק וועלכער טוט אלעס אז מען זאָל אים פילן. א מענטש ווי וולאסו דארף ניט ארויסוואַרפן פופצן טויזנט לעי אויף א פערד וואָס וועט ניט בלייבן זיינס און ווער ווייסט וויפל אויף אן אוניפאָרם מיט א שווערט וועלכע בלייבן נאָך דריי יאָר ביים מיליטער. ווען שימשעלע הערט אזעלכע מיינונגען קיילעכדיקן זיך אים די אויגן פון פארוואונדערונג און שמאָלן זיך פון פאראכטונג צו מענטשן וועלכע ס׳קען קומען אויפן געדאנק אזעלכע נארישקייטן. לויט זיין מיינונג זענען פופצן טויזנט לעי א שפיי און קאראָן — אזוי הייסט וולאסוס פערד — איז דאָס איינציקע עכטע פערד. א חוץ דעם איז וולאסו ניט דער איינציקער וואָס האָט זיך אזוי פיל באַמיט אז זיין זון זאָל זיין „קאלאראש קו סקימב״. אין שטעטל זענען פאראן צוויי אזעלכע פאלן. דער ערשטער איז געווען יאקאָבי דער מיטן גרעסטן מאנופאקטור געשעפט, געשאצט כמעט א „מיליאָנטשיק״. קיינער האָט זיין אפּותיקא ניט געציילט אָבער שאצן שאצט מען. דאָס האָט ער דער ערשטער געקויפט זיין זינדל א קאשטאן און אים ארייגעדרייט אין אזא מיליטעראיינהייט. דריי מעטער סחורה דעם פלוטאָניער, אן ענגלישן קאָסטיום דעם קאָלאָנעל און א זילבערפוקס דער מאדאם קאָלאָנעל. צי ס׳איז אזוי צי ניט ווייסט מען ניט, אָבער מ׳זאָגט, און יאָסל דער זון זיינער האָט זיך פלוצעם באוויזן רייטנדיק אויף א קאשטאן מיט א שווערט אויף די לענדן. פארשטענדלעך אז משה מאָסקו האָט געפלאצט פאר קנאה. אן אויפגעקומענער שניידער מיט א ווערקשטאט אין וועלכן עס ארבעטן פיר בעלי—מלאכות און זעקס לערנייגלעך האָט ער דוקא געוואָלט אז זיין זינדל זאָל אויך רייטן

איבער די גאסן. האָט ער געשיקט דאָס זינדל זיינס זיך שטעלן פרייוויליק און אויב פרייוויליק קאָן ער אויסקלויבן די אָפּטיילונג. אזוי אז מיט א יאָר שפּעטער איז מענדעלע לאָקש — געהייסן האָט ער מרדכי נאָר רופן פלעגט מען אים מענדעלע לאָקש נאָך זיין זיידן א כלאָוניק — אויסגעוואקסן רייטנדיק אויף א ווייס פערד און א דערשראָקענער פון זיין אייגענעם מוט אויסגעזעען ווי א בלייכער משיח. כ׳געדענק אָבער ניט אז מ׳זאָל געוועןרעדן פון ארויסגעוואָרפן געלט. פארקערט. מען האָט דאָס באטראכט ווי א פון גאָט געשיקטע הצלחה. אז די עלטערן קאָנען, פארוואָס זאָלן זיי ניט ראטעווען די קינדער פון דריי־יעריקן סטאזש אין ווער ווייסט וואָס פאר א באדינגונגען. דערצו קאָן זיך נאָך טרעפן אַן עלטסטער א שונא ישראל. וועגן וולאסון אָבער האָט געזשומעט דאָס שטעטל ווי א בינשטאָק: „וואָס א באלעגאָלע דערלויבט זיך!“

קאראָן איז ניט קיין שיין פערד. א קאָמפּאקטער קערפּער מיט א געוואלטיקער ברוסט, א וויינשל־פארביקע ווייס־געפּינטלטע פעל, דיקע אָדערן לענגאויס דעם קיילעכדיקן בויך, זעט ער גיכער אויס ווי א ניטגעלונגענע סקולפּטור. ביז וולאסו גיט א שפּרינג אין זאָטל, ווי נאָר ס׳פילט דעם רייטער אויפן רוקן בויגט עס איין דעם קאָפּ צו דער ברוסט און מיט אָט דער באוועגונג ווערט עס מיטאמאָל דאָס איינציקע פערד אין דער וועלט וואָס איז ווערט דעם נאָמען פערד. אָט דעם קאראָן פּרוווט זייט א שעה נאָכמאכן שימשעלע אויפן מיסטפּלאַץ און הערט ניט ווי דאָס גלעקל קלינגט און רופט די שילער אין קלאס און אויך ניט דאָס צווייטע מאָל ווען עס שיקט שילער און לערער זיך אָפּרוען. ער איז אזוי פארכאַפּט פון שפּיל אז ס׳דאכט זיך אים אז ער האָט באקומען פליגל, אז אונטערשפּרינגענדיק קאָן ער א ווײַלע שוועבן אין דער לופט. די חברים זיינע — אלע עטוואָס צו דערוואקסענע פארן דריטן יאָרגאנג, שולדיק איז די מלחמה, די ערשטע וועלט מלחמה — געפינען אים א פארשוויצטן מיט פייער רויטע באקן, גייט ער מיט זיי אין שולהויף ווו זיי קאָנפיסקירן א טייל פון די מיידלעכס עסן. האלט אז אזוי דארף זיין ווייל צוועלפיעריקע יינגלעך וועלן דאָך מיט זיך קיין פאָוועדלע מיט ברויט ניט מיטנעמען. ס׳איז א בושה.

— ווו ביסטו פארפאלן געוואָרן א גאנצע שעה סאמסאָן? דער לערער וויל א קלאָרן ענטפער און שימשעלען קומט אויס אז צווישן אָט די ווענט קאָן דער ענטפער ניט זיין קיין גלויבווירדיקער, אומזיסט וועט ער פּרווון ענטפערן א מענטשן וואָס האָט נישט קיין פארשטאנד פאר קאראָנען.

שימשעלע האָט זיך אָפּגענאַרט. צו יענער צייט איז ער נאָך ניט געווען אומשטאַנד תופס צו זיין דעם אונטערשייד צווישן פאַרשידנאַרטיקע קלעפּ און דעם לערערס מי אַז דאָס שמאָלע שטעקעלע זאָל ווי מעגלעך לייכטער באַרירן די אויסגעצויגענע הענטלעך האָט שימשעלע אין זיין פאַר־ביסנקייט ניט באַמערקט. עס זענען פאַרביי ניט מער ווי צוויי יאָר זייט שימשעלע האָט פאַרענדיקט די שול. דאָס פּלאַץ פון הינטער דער שול, די געשרייען און שפּילערייען אין שולהויף זענען געבליבן ערגעץ ווייט ווי אַן עכאָ צוזאַמען מיט דעם נאָמען שימשעלע. איצט איז סאַמסאָן שוואַרצ־בערג א האַלבער אַרבעטער אין דער טעקסטיל־פאַבריק.

אין איינעם א טאָג האָט אים דער זעלבער לערער איינגעלאַדן גיין זונטיק אין וואַלד קלויבן שוועמלעך. סאַמסאָנעל, זאָגט ער און לאַכט פון זיין אויפטו, פון זיין המצאה, נעם א קיישל און קום מיט מיר אין וואַלד זונטיק ניין א זייגער. ס'איז די צייט פון געלע שוועמלעך.

— זיכער, זיכער וועל איך קומען, האָט געענטפערט שוואַרצבערג מיט צופיל רעספּעקט באַהאַלטנדיק אויף אַזא אופן דעם אמתן ענטפער: „גיי צו אַלדע רוחות. איך וועל מיין פרייען טאָג מיט דיר ניט פאַרלירן".

זונטיק אינדערפרי האָט ער אָפּגעוואַרט דעם לערער. וואָס מער זיי האָבן זיך דערנענטערט צום וואַלד איז אים אַלץ אומקלאָרער געוואָרן. וואָס זוכט ער זונטיק אין וואַלד? וואָס שפּאַנט ער א שווייגנדיקער אין מיטן דער שרעקלעכער פראַכט? איבערגעחזרטע איין מאָל און נאָך א מאָל האָבן די פראַגעס פאַרלוירן זייער זין, א לייכטע בושה־רויטלעכקייט האָט באַדעקט זיין געזיכט אַזש ביז איבער די אויערן, איז ער אָבער געווען א פאַררויטלטער פון גיין, אַזוי אַז דער לערער האָט גאָרניט באַמערקט. פאַר־קראָכן ווייט אין וואַלד, געשפּרונגען איבער אָפּפאַלעכצער, זיך געראַנגלט מיט שטעכיקע געוויקסן ביז זיי זענען אָנגעקומען אין א ליכטפּונקט דאָרט האָט מען זיך געזעצט אָפּרוען. ווייט הינטער זיי האָט זיך געשפּרייט דער טאָל, דער ביסטריצא־בויגן אַרום דער גרויסער טעקסטיל פאַבריק, די אַר־בעטער קאָלאָניע.

— פאַרגעסן קאַראָנען? האָט געפרעגט דער לערער.

— וועלכן קאַראָן? אין יענעם מאָמענט האָט ער זיך באמת ניט גע־קאָנט דערמאַנען וועמען דער לערער מיינט.

— וולאַסוס, דער וועגן וועלכן כ'האָב דיך אַמאָל באַשטראָפט.

— אהא, האָט זיך שוואַרצבערג צעלאַכט. איר מיינט אַז איך מוז אים אומבאַדינגט געדענקען?

ביים וואָרט „אומבאַדינגט" האָט דער לערער אַפּוטרופּוסדיק אַ שמייכל געטון. „דאָס איז שוין די פאַבריק" האָט ער אַ טראַכט געטון.

— מיר האָט זיך געדאַכט אַז אויך אין דעם ליגט דער זין פון אונדזער שפּאַצירגאַנג.

— כ׳פאַרשטיי ניט, הער פּראָפעסאָר.

ניט אַזוי שוואַרצבערגס אויסדרוק האָט איבערצייגט דעם לערער פון זיין אויפריכטיקייט ווי דאָס וואָס ער האָט אים אומגעריכט געמאַכט פאַר אַ גאַנצן פּראָפעסאָר.

— פאַראַן זאָגט מען מזלות, האָט דער לערער דערקלערט מעשה פּראָפעסאָר. איינס פון זיי איז דאָס משוגעים־מזל. ס׳איז צומאָל אָנגענעם צו האָפן אַז כאָטש איינער פון די וואָס ווערן געבוירן אונטער זיין שטערן וועט בלייבן אַזעלכער ביז צום סוף. ס׳פאַרשאַפט אַ געפיל פון נצחון, אָדער בעסער געזאָגט אַ שפּור פון עלטער ווירדע אין קנויל פון געפילן וועלכע פּלאָנטערן זיך צווישן די פון זיגער און באַזיגטן.

אַ גרויסע בלויע פליג האָט זיך געדרייט מיט אַ ווילד חוצפּהדיקן זשום איבער זיי. דער לערער האָט ניט געקאָנט אָפּרייסן פון איר זיין בליק.

— אַזאַ איז מיין געפיל טענעגראַ, האָט ער געזאָגט נאָך דעם וואָס די פליג איז פאַרשוואונדן. ס׳איז ניט דאָס אָנגענעמסטע פון די מזלות. נו, און איצט לאָמיר זיך אַ נעם טון צו די שוועמלעך.

דער וועג צוריק האָט זיך געדאַכט קורצער.

— וואָס טוט איר מיט די שוואָמען, הער לערער?

דער לערער איז שטיין געבליבן. די פראַגע האָט זיך אים געדאַכט אַ ווילדע, אַ נאַרישע.

— כ׳קאָך זיי און עס ווי יעדער איינער.

— כ׳האָב געמיינט איר פאַרטיילט זיי אָדער אפשר...

— וואָס פּלוצעם אַזעלכע געדאַנקען?

— איר האָט גערעדט וועגן מזלות... האָט קוים געענטפערט שוואַרצ־בערג.

— אַהאַ מזלות! ווי אַ פול פאַס האָט זיך געקאַטשעט אין טאָל דעם לערערס געלעכטער. זיי קיין נאַר ניט. כ׳האָב גערעדט וועגן משוגעים ניט וועגן מלאכים. כ׳גלויב ניט אין זיי. כ׳האָב מורא אַז קיין מלאכים זענען טאַקע ניטאָ דערפאַר מוז מען בלייבן ניט מער ווי אַ ביסעלע משוגע.

דאָרט ווי זייערע וועגן האָבן זיך צעשייד איז דער לערער ווידער שטיין געבליבן. שוואַרצעלע, האָט ער געזאָגט. די וועלט איז קלענער ווי

אונדז דאכט זיך און די סודות זענען צו גרויסע אז מע זאָל זיך וועגן זיי ניט דערוויסן.

דעם לערערס ווערטער זענען געבליבן אין דער לופט, באַגלייט שוואַרצבערגן ביז נאָענט צום הויז. געשעפּטשעטע, בלחש האָבן די ווער־טער געשפּאָלטן דעם הימל און אַנטפּלעקט אַ חלל אין וועלכן אַלץ האָט געשוועבט אין פאַרשיידענע ריכטונגען מיט אַ פּאַרדעכטיקן פינטלען.

שימשעלע איז געגאַנגען אהיים אַ הונגעריקער, פאַר די אויגן איז געשטאַנען דער ווי געוויינטלעך געדעקטער טיש, אַרום וועלכן די מאַמע טאַנצט אַ שווייגנדיקע, האָט אָבער דאָס שעפּטשען צעשטערט דאָס בילד און ס׳איז אים פּלוצעם קלאָר געוואָרן אַז עטוואָס פון דעם נייעם אוניווערס האָט זיך פאַרגנבעט אומבאַמערקט צו זיי אין הויז. שוין אַ לענגערע צייט אַז ער האָט פעסטגעשטעלט אַ פאַרענדערונג. צוגעשריבן האָט ער זי דער חברשאַפט מיט דוצון. אַ חברשאַפט וועלכע האָט זיין מאַמען מער ניט גע־פעלן. דער מאַמעס פּלוצעמדיקע נייע האַלטונג איז אים אויסגעקומען אַ זינלאָזע. מיט דוצון האָט ער אַ לאַנגע צייט געגרייט צוזאַמען די שולאויפ־גאַבן. זיך אָוועקגעזעצט אין קיך ביים גרויסן טיש — דער גרעסטער טיש איז געשטאַנען אין קיך, צום מיטאָג פלעגט זיך דאָרט פאַרזאַמלען די גאַנ־צע משפחה און די משפחה איז געווען אַ צאָלרייכע אובערהויפּט ווען ס׳פלעגן זיך אַראָפּאַוועגן געסט — אויסגעשפּרייט ביכער און העפטן, האָט עס געהייסן מען לערנט. קיינער פלעגט נישט שטערן. פאַרקערט. מ׳האָט איגנאָרירט זייער עקזיסטענץ. די קאַץ שפּינט איר אייביקע געשיכטע מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן, דאָס הינטל שלאָפט, און זיי קנעלן. אַזוי ביז ס׳האָט אָנגעהויבן דאָס לויפעניש אַרום טיש און די מאַמע פלעגט זיי פאַר־בעטן אַרויס פון דער קיך אַזוי ווי זי פלעגט פאַרבעטן דאָס הינטל, אָדער די קאַץ ווען זיי האָבן איינגעשפּאַרטע געקראַצט מיט די לאַפּעס די טיר. איצט אַרבעטן זיי אין דער זעלבער פאַבריקס־אָפּטיילונג. דוצו קומט ווי פריער, עס לאָקט אים די פריינטשאַפט צווישן סאַמסאָנעלס פאָטער — אַ שוחט מיט אַ פּראָמינענטער נאָז, קורצער שוואַרצער באָרד (קוים זי גרייכט צו די ציין מיט וועלכע ער האָט אַ טבע זי צו בייסן), אַ געזיכט מיט בבל־רע־מיניסצענצן, צוויי אין היילן איינגעגראָבענע אויגן — און דעם גלח פון נאָענטן דאָרף וואָס מען רופט סאַט־דע־וואַליע, כאָטש ס׳איז איינס מיט דעם שטעטל פון וועלכן עס טיילט עס אָפּ אַ שמאָל וואַסערל.

אַזוי דערציילט טענענראָ — ווי מיר רופן אים דאָ אין לאַגער וועלכן די פראַנצויזן האָבן פאַרוואָרפן צו אונדזער אומגליק, וואָס האָט זיך פאַר־

וואנדלט אין גליק, אזש קיין אפריקע — אין א טריבן פרימאָרגן זיין גע־שיכטע, אין וועלכער ס׳איז שווער צו וויסן ווען עס האנדלט זיך פון אים און ווען פון אנדערע, ווייל יעדער איינער פון זיינע העלדן האָט עטוואָס פון אונדזער יאנקעלען (דאָס איז זיין לעצט צונעמעניש) און ווייל ער פארפלאָנטערט זיי אומיסטן, גלייך ער וואָלט וועלן פארווישן די שפורן פון זייערע טריט.

די ערשטע צייט, דערציילט יאנקעלע ווי וועגן פון אים אויסגע־טראכטע באשעפענישן, האָט דוצו אפילו ניט באמערקט דעם גלחס אָנ־וועזנקייט אין שוחטס שטוב. צומאָל פלעגט אים נאָר באאומרואיקן טענע־גראָס פאָטערס קוק — א בליק וואָס זוכט עפּעס אזעלכס וואָס ער מוז עפינען און ווייל דוצו איז ניט געווען זיכער צי ער געפינט דאָס וואָס ער זוכט האָט אים דער בליק צעמישט, ארויסגערופן א געפיל וואָס איז ניט ווייט פון אן אומבאשטימטער שרעק. איז אָבער פארביי א צייט און דוצו האָט זיך דערוווסט אז כאָטשביידע טראָגן לאנגע מלבושים, צערייסט זיי א טויזנטיאָריקער סיכסוך, א מחלוקת וואָס האָט זיך פארוואנדלט אין שרעקלעכער שנאה. דעמלט האָט ער באמערקט אז זיי זיצן גאָר ביי איין טיש און אויך דעמלט איז דעם שוחטס בליק געוואָרן ווייניקער סודותפול און דוצו האָט פארשטאנען אז זייער קאָמפּאקט שווייגן נידערט ווי א פּאָרהאנג איבער א טראגישער, ווייל לויט אלע הלכות ניט דערלויבטער, פריינטשאפט.

אין די לאנגע זומערדיקע טעג איז נאָך צען־שעהדיקער ארבעט גע־בליבן צייט זיך צו וואלגערן אין גראָז. איבער דעם פאבריקס־קוימען און דעם ביסטריצא בויגן האָט געהאנגען א ניט זיכטבארע אויבערשריפט „אינ־דוסטריעלער פּייסאזש״. דעמלט האָט שווארצבערג מיר ניט, דיר ניט א פרעג געטון:

— ס׳דאכט זיך דיר ניט אז מיר לעבן אין צוויי שטעטלעך?

— וואָס הייסט צוויי? האָט זיך געוווּנדערט דוצו.

— איינס שטארבט אָפּ אין א לאנגער גסיסה.

— וועלעכס פון זיי?

— שימשעלע, סאמסאָנעל אָדער טענעגראָ, ווי דו ווילסט, זאָגט ער, און זיין מאָדנע געלעכטער מאכט העלער דעם טריבן פרימאָרגן, האָט פאר־מאכט די אויגן כדי קלאָרער צו זען, און קוים באריהרנדיק מיט די שפּיץ פינגער דעם גוססדיקן קערפּער, אָנגעהויבן מורמלען מאָנאָטאָן א תפילה: א בארג מיט א הויקער, אויפן הויקער א שטעטל. אין טאָל שלענגלט זיך א טייך — די ביסטריצא. אין טאָל פינקלען אויך זיגזאגיקע אין אייזן גע־

קאָוועטע גלעזערנע דעכער זעען זיי אויס ווי א ריזן־זעג וואָס שניידט נאכט נאָך נאכט די פולע לבנה אָדער שווערע מורא־אָנוואַרפנדיקע שווארצע כמארעס, עקרות. דאָס מאָרגן־ווינטל בלאָזט־אויף דאָס זעגעכץ. שיקט עס דער לבנה און די כמארעס זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו פארלאטען די לעכער. אין די טעג ווען דאָס ווינטל פארכאפט פון שפיל פארגעסט זיין שליחות, שלעפן זיך די כמארעס ווי צעריסענע שמאטעס און די לבנה גייט אויף מיט פלעקן. פון יענער זייט טייך א וואלד. אָן אמתדיקער וואלד, א צייכן כדי מענטשן זאָלן ניט בלאָנדזשען. אין שטעטל דער הויף, געגרינדעט צוריק מיט אכציק יאָר פון רוזשינער און טאלנער יורשים, איצט אייניקלען זיך דאָרט זייערע אייניקלעך. פעלט די שכינה פון די זיידעס קנייטשן זיי די שטערנס און אייניקלען בלייכע, שוואכע רעבעלעך. נעבן דער פאבריק דעם גענעראלדירעקטאָרס שלאָסארטיקע שפיציקע ווילע מיט גראָמע צימערן, טירן מיט קרישטאָלענע שויבן, שלייכט זיך פון איינער אין צווייטן א שלאנקע כמעט רוחניותדיקע פרוי, א דורכזיכטיקע, א בלאסע ווי דער שטערן פון א תנא וואָס ראנגלט זיך אין ספקות. דאָרט ווו עס ענדיקט זיך די גאס וואָס קייקלט זיך בארגאראָפ און מען רופט זי די ספּאלאָשעטע שטייט א בודקע. א דאך פון שינדלען אויף פיר דעמבענע סטאָלבעס, אונטערן דאך א ברונעם, צוויי ווי ציגיינער־שטיוול מיט גלאנצנדיקע צוועקעס באקלאפטע הילצערנע עמערס באגעגענען זיך אין דער פינצטערניש פון ברונעם איינער א פולער און איינער א ליידיקער, ביידע מיט דער זעלבער הייליקער מיסיע צו שטילן דעם דאָרשט פון וואנדערער. מיט דער צייט איז דאָס שליחות פארוואנדלט געוואָרן אין עפעס אנדערש: פארשאפן פרנסה פאר נחום וואסערפירער. (אפשר האָבן זיך אלע וואנדערער קאָנצענטרירט אין אָט דעם איינציקן וואסערפירער, אויב ס׳איז אנדערש פארוואָס־זשע הייסט ער נחום און דער ברונעם „די מאָנאשקע״?). אויף יענער זייט הויקער, דאָרט ווי דער בארג הויבט אָן ווערן טאָל שפיגלען זיך ווו ניט ווו צוויי רייען ווערבעס אין א שמאָל טייכל און באוויינען זיין גורל. ס׳האָט זיך דעם טייכל פארוואָלט באזוימען דעם בארג מיט קרישטאָל־שפּיצן האָט זיך עס צעיאָגט, ניט געשאנעוועט די כוחות, זיך ארויסגעוויזן צו שוואך און באצאָלט די געוואגטקייט מיטן צונעמעניש „רישקוליצא״, דערצו א צונעמעניש וועמענס באטייטונג קיינער ווייסט ניט. סוף כל סוף האָט מען דאָס אָפּגעצוימט, פארטייכלט און ביים ברעג אוועקגעשטעלט א שוויץ־באָד מיט בענק, מיט שעפעלעך פארן מיטלעולם, ביטלעך (אינגאנצן צוויי) פאר גבירים און א גימל־אמותדיקע מקוה. א סטעזשקאלע ווי א שלשלת גוידערט

זיך בארגאראָפּ צו דער פאבריק און ניט ווייט פון צווינטער אָן אנדערס, א שרעקלעך משופּעדיקס און פינצטערס ווייל נאָר ביינאכט קלעטערט דערויף יונגוואָרג מיט פארכאפּטן אָטעם ווער צו דער קולטור ליגע און ווער צו וואסילעס ביידל מיטן רויטן לעמפּל. אין צענטער א שטאָקיקע גע־ביידע פון וועלכער מ'זעט א ווינקל פון א גוט, דער אייגנטימער איז אין די אויבערשטע צימערן לערער און גוטבאזיצער, אין די אונטערשטע קרעטשמער און אויף דער גאס א קוזיסט.*)

געסלעך ווי געסלעך, ציגן זעט מען ניט אָבער בערד שאָקלען זיך דאָ און דאָרט: דריי שוחטישע, צוויי רבנישע (א זכות זיי צו זען) צומאָל א בכבודיק סוחרישע אָדער א פארפלאָנטערט חסידישע. הווילקעפּיקע אָדער צעכראסטעטע העמדער זענען נאָך א נייעס. טרעפט זיך איינער מיט צעשווי־בערטע האָר, א פוילבלעכן גאַנג, בולטע שטריכן, א פּאטאליסטיש גרינג־שעצערישן שמייכל אין מוילווינקל, באגלייטן אים בתולות, אלמנהס און ניט נאָר אלמנהס מיט ליידנשאפטלעכע בליקן פון הינטער פארהאָנגענע שויבן אָדער צעפּראלטע פענצטער. די אין דער שטאָט־כראָניק אויף אייביק פארצייכנטע געשטאלטן זענען נחום וואסערפירער מיט אויסגעריבענע אויגן, גיצע דער בריוטרעגער וועלכער ברענגט בלויע קאָנווערטן באלייגטע מיט שטעמפּלען פון דער גאנצער וועלט, יאָסל באלעגאָלע מיט פארדארטע הענט וועלכער האלט אז רוסלאנד איז אזא גרויס לאנד אז אין גאנץ רו־מעניע געפינט מען ניט קיין ענלעכס, דער קלויסטער גלאָק וועלכער וויל בשום אופן ניט בייטן זיין דרומדזשענדיקן רוף, ניט ווייט פון אים וואסי־ליעס הייזל מיט קליינע קרומע פענצטערלעך און רויטע פירהענגלעך. א שטעטל מיט פון ווייַן געראָטעטע באַקן, שמוציקע פעלצן און א שאַרפן ציבעלע ריח, א שטעטל אין אַנהויב אָדער און דער מיט פון די צוואנציקער יאָרן נאָך א מלחמה וועלכע וועט בלייבן אין דער גע־שיכטע אלס די ערשטע וועלט־מלחמה.

— פון ווו ווייסטו יאנקעלע? דאָס איז מיין ערשטע פראגע אין טריבן פרימאָרגן. איך ווארט ער זאָל ענטפערן מיט א געלכטער, ווארפט ער אויף מיר א בליק מיט ביטול.

— טיפּש, זאָגט ער, האָסט פארגעסן אז שוין דעמלט האָבן מיר גע־וואָרנט די וועלט אז עס וועט קומען א צווייטע, צי אפשר האָט זיך דיר צוגעגעסן מיין געשיכטע?

*) פאשיסטיש־אנטיסעמיטישער פארטייאָנהענגער.

— דערצייל, דערצייל בעט איך זיך ווי ביי א גזלן, ווייל אין דער צייט וואָס ער רעדט, שוועבט פאר מיר מיין אייגן שטעטל ניט פינקטלעך אזעלעכס. אָבער זיינס שיינט מיר אמתדיקער, ממשותדיקער.

— אפשר וואָלט עס געבליבן אזוי אויף אייביק ווען די פאבריק זאָל ניט געווען אָנהויבן קאָכן ווי א קעסל, ווען עס זאָלן זיך ניט געווען אראָפּלאָזן פון גאנצן לאנד הונדערטער ארבעטער צווישן זיי א שוחט, וואָס האלט אז כדי קינדער זאָלן זיין קינדער דארפן זיי ניט טון דאָס וואָס ס׳טועז זייערע טאטעס, און אין סאט־דע־וואליע זאָל זיך ניט געווען באזעצן א גלח מיט א „צוגעדילטן״ זון, וועלכער שפּאצירט נאָר הוילקעפּיק גלייך ער וואָלט זיין א פּרישער אלמן, מיט א צעכראסטעט העמד און האָט פּרעטענזיעס איבערצובויען די וועלט לויט זיין מאָס, ווען דער אוניווערס זאָל ניט געווען אָנהויבן קוואַקען ווי א הון וואָס האָט באקומען דעם פּיפּעק און ווייל ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל אים אָפּשניידן היינטערן צינגל קוואַקעט ער, דער אוניווערס, ווייטער א הייזעריקער, וואָלסטו דוצו געשיכורט און געקינדלט ווי דיין זיידע און דיין עלטער זיידע און געווען צופרידן מיטן לעבן. האָבן זיך אָבער אָט די אלע אריינגעמישט אין שטעטלס לעבן און מ׳זעט בעשיימפּערלעך ווי עס פארלירט די רויטקייט פון די נארישע פּעטע באקן, ווי עס ווערט טאָג אויף טאָג בלאסער, עס פילט זיך דער אָטעם פון א גוסס וועלכן ס׳וויל זיך ניט ראטעווען, פארקערט, מ׳ווארט מיט אומגעדולד מ׳זאָל אוועקטראָגן דעם בר־מנן. איז עס אזוי צי ניין?

— אפשר, ענטפערט דוצו. עס שיינט אים א רגע אז עמעצער פאר־שרייבט אויך אים מיט שווארצבערגן מיט זייערע איצטיקע נעמען אין דער כראָניק פון שטעטל און איבער דער וועלט וועלן זיי וואנדערן מיט אנדערע, פארכאפּט אים א טרויער וועלכן עס וויל זיך פארטרייבן, פרעגט ער: דאָס פלוגבלאָט, טענעגראָ, איז אויף מאָרגן?

— פארוואָס אפשר? לאָזט זיך ניט שווארצבערג.

— ווייסטו גאָר וואָס, ענטפערט דוצו, צייט צו לויפן. נאָך דער וועטשערע, ביי דיר.

דער סאמאָוואר אין מיטן טיש, דער שוחט מיט דעם גלח — כלי קודש פון פארשידענע גלויבנס מיט ענלעכע באוועגונגען — זיצן שווייגנדיקע, אין צימער הענגט א ניט פארענטפערטע פראגע. אין מיטן טיש שטייט

אויך א לאָמפּ מיט א גלעזערנעם ווייסן אבאזשור. הויבט ווער אויף א האנט באדעקט דער שאָטן א גאנצע וואנט, דאָס צימער ווערט ענגער און די סטעליע דערווייטערט זיך.

— שווערע צייטן, זאָגט דער גלח און דער שוחט פאַרשטייט אז זיין פריינט פון סאַט־דע־וואַליע וועלכער קומט געוויינטלעך דורך דער הינטער טיר מיינט ניט די צייט. די צייט איז ניט לייכט און ניט שווער, ס'איז א באגריף אָן אטריבוטן. ווען ער זאָגט שווער מיינט ער ניקאַ־נאָרן, דעם זון זיינעם. ער האָט זיך שוין לאנג מיאש געווען אים צו זען אלס זיין נאָכפאָלגער, אלס פאַסטוך פון זיין קליינער „עדה". ווען ער זאָגט שווערע צייטן טראַכט ער צו די נעכט אין וועלכע דער זון שפּאַצירט לענגאויס דער ביסטריצא צי גאָר אין וואלד מיטן פריינטס טאָכטער. ביידע ווייסן אז טענות צום רבונו של עולם האָבן קיין זין ניט און כאָטש זיי האָבן גאָרניט קעגן זייער שפּאַציר, קאָנען זיי ניט זאָגן מיטן גאנצן הארצן אז זיי זענען דערפאַר, ווייל אויך זיי זענען צעריסענע מענטשן...

— וואָס וואָלסטו זאָגן, פאָטערל, וועגן אן עפּל, פרעגט שימשעלעס טאַטע מיט לייכטער איראָניע, נאָר דערפאַר ווייל דער גלח קאָן אים דעם אפּאָטערל" ניט אומקערן. אין שכנותדיקן צימער שטעקט די מאַמע די נאָדל אין זאָק, ציט אביסעלע אראָפּ דאָס לאָמפּן פלעמל, נעמט דריי טעלער, איינעם א גרעסערן און צוויי קלענערע, קלויבט אויס א פּאָר שיינע עפּל, נעמט אויך צוויי מעסערס, טראָגט אלץ מיט שטילע טריט אין צימער אריין וווּ זיי זיצן, צעשטעלט מיט א קוים הערבארן זיפץ אויפן טיש און פאַרשווינדט מיט נאָך לייכטערע אומזיכערע טריט. א גערוך פון דאָמנעש־טער עפּל פאַרפלייצט חוצפּהדיק דאָס צימער. נעמט דער שוחט א מעסער און שיילט אן עפּל לאנגזאם, מיט פרומקייט.

— אן עבירה די שאָלעכץ, זאָגט דער גלח, פול מיט נוצלעכע זאכן פאַרן קערפּער.

— דער גוף קאָן זיך באגניגן מיט ווייניק. ס'איז די רייד וועגן דער זון, שטעלסטו זיך פאָר אז אזא הייטל קאָן אויפהאלטן אירע שטראַלן? אין דער ליכט פון לאָמפּ איז דאָס הייטל דורכזיכטיק ווי א ציגיי'ער פּאַפּיר.

איצט ווען ער איילט זיך אהיים א הונגעריקער און דעם לערערס ווערטער שוועבן אין דער לופט ווי א בינען־שוואַרם, ווי אן אומבאשטימטע געפאַר, האָט ער דערפילט אז דעם טאַטנס שווייגן איז שווער, איבערגע־

לאָדן און זײַנע װערטער זענען ניט מער װי נאָר א באַמיאונג איבערצו־רײַסן כאָטש אויף איין מינוט די אומדערטרעגלעכע פּײַן װאָס זאַמלט זיך אָן אויפהער.

— האָסט פאַרשפּעקטיק, די מאַמע באַגעגנט אים מיט א פאָרװורף, דער זעלבער װי דעמלט, װען זי פרעגט צי ער איז געװען בײַ דוצון. און ער פילט װידער אַז א טייל פון אוניװערס-אין װעלכן אַלץ שווימט אין פאַר־שידענע ריכטונגען מיט א פאַרדעכטיק פינטלען, האָט זיך פאַרגנבעט אין זײַער הויז.

„ניין, טראַכט ער, דאָס איז ניט מחמת מײַנע באַגעגענישן מיט דוצון״. די ענדערונג איז זײַט דער צײַט װאָס ער קומט צװײ מאָל אין חודש מיט א קאָנװערט אויף װעלכן ס׳איז פאַרצייכנט זײַן לוין. די מאַמע האָט אים קיינמאָל ניט געהייסן װײַזן דעם קאָנװערט. אַפילו ניט געפרעגט װיפל. ער אַליין פלעגט אים װײַזן מיט א געװיסן שטאָלץ װי איינער רעדט: זעסט, אָט בין איך געװאָרן א מענטש מיט מענטשן גלײַך. און זי פלעגט ענטפערן מיט א גוטמוטיקן שמייכל, אים אײַנלאַדן כמעט מיט צערעמאָניע זיך זעצן צום טיש, אַליין בלײַבן אויף די פיס ביז ער פלעגט ענדיקן, און אָפּראָמען פון טיש. די צערעמאָניע האָט געהאַט איר שפּאַס װעלכן נאָר זיי ביידע האָבן פאַרשטאַנען. איז ער בײַ דער מאַמען געבליבן א שטענדיק פרישער, א שטענדיק ניי אַנטדעקטער, א שטענדיק נײַער אופן פון נאָענט־קייט, בײַ אים אָבער איז עס געװאָרן א זיך איבערחזרנדיקער שפּיל, װעל־כער האָט אָנגעהויבן נודען און סוף־כל־סוף דערעסן. ער האָט געגעסן א שװײַגנדיקער, זיך געאײַלט ענדיקן, לויפן באַגעגענען דוצון אָדער אַן אַנ־דערן חבר, צי אין קולטור פאַראיין, אָדער גלאַט אַזוי שפּאַצירן. ער דערמאָנט זיך װי די מאַמע זאָגט: „דו עסט ניט, דו שלינגסט״, און ער בלײַבט מיט דעם בליק אין טעלער, ענטפערט ניט. נאָך א צײַט איז זי מער ניט געשטאַנען נעבן אים בשעת דעם מיטאָג, געשטעלט צום טיש און אװעק אין קיך, געזוכט אַן אַרבעט, שטענדיק מיט רעש און קלאַפּערײַ פון געשיר.

— האָסט פאַרשפּעטיקט, זאָגט די מאַמע און ער דערמאָנט זיך אַז אַזוי רעדט זי צומאָל מיטן טאַטן איבערהויפּט װען די שטימונג אין שטוב איז אַן אָנגעשטרענגטע. אין אַזעלכע מאָמענטן דאַכט זיך אַז איר קול איז מיט א שװעל נידעריקער, אַז זי רעדט פון אונטן אַרויף.

„װײַזט אויס אַז מיט דער צײַט האָט דער קאָנװערט פאַרװאַנדלט דאָס גרייטן צו טיש, דאָס װאַרטן ביז ער װעט ענדיקן עסן פון א מוטער־

לעכן אין א הכנעה געפיל, אין א מינדערווערטיקייטס־געפיל״, טראכט ער און הויבט אָן ארײַנדרינגען אין נייעם אוניווערס. „אויך דאָ פילט מען די גסיסה״, פאלט אים איין. שלינגט ער אראָפּ דעם לעצטן ביסן און ווייל ביז צו דער באגעגעניש אין צוזאמענהאנג מיט דעם פלוגבלאט איז ניט געבליבן מער ווי אכט מינוט, לאָזט ער די מאמען זיך אליין ראנגלען מיטן טויט.

— פארשטייסט, ברידערל, וווהין עס דערפירן די קאָשמארן? ס'הויבט זיך אָן מיט א נאריש לויפן איבער א נאקעטן פעלד און ענדיקט זיך מיט גרימענדיקע געדערים, ווייל דער פרימאָרגן איז שוין לאנג אוועק און ביז מיטאָג איז נאָך ווייט. האָסט אפשר א רעשטל פון א ציגייער וואָלסטו דאָס געמעגט פאררויכערן. עס טרוקנט מיר דער האלדז.

יעדעס מאָל ווען איך טראכט צו אונדזער ערשטער באגעגעניש פרעג איך זיך אליין: וואָס אייגנטלעך האָב איך צו באהאלטן פאר מיין אייגענעם געוויסן אין פארבינדונג מיט אָט דער באגעגעניש, וואָס איז אזוינס געשען וועלכס שרעקט און שטויסט עס ערגעץ אין אונטערבאַ־וווסטזיין. פארוואָס דער לאפסוס? פרעג איך מיך און פאר די אויגן וואקסט אויס מיט א חוזק שמייכל דער אלטער זיגמונד. אויב איך האָב קיין טעות ניט האָב איך אים דאָס ערשטע מאָל באגעגנט אין אן אָקאָפּע אין אנדאַ־לוזיע. צומאָל דאכט זיך מיר אז אין אראגאָן. דער צווייטער ווואריאנט איז כמעט אן אוממעגלעכער ווייל יאנקעלע איז גיכער געווען א קליינוווק־סיקער, און אזוי ווי איך זע אים קומט ער מיר אויס אביסל צו הויכווּקסיק צווישן די אראגאָנער בערג.

געווען איז עס דעם 31־טן מערץ 1938. די פרינצן און באָעמען, קאָנקיסטאדאָרן פון זייער אייגענעם אידעאל, זענען אויסגעשטאָרבן אין שלאכטן ארום מאדריד, ברונעטע און בעלטשיטע. געבליבן איז אן ארמיי מיט ווייניק געווער און האָפנונגען בלאסערע ווי די אידעאלן פון די גע־פאלענע. אונטער פון שווייס פארהארטעווועטע העמדער האבן זיך געזאמלט לייז אויף פון ביליקן מעטאל געשניצטע צלמלעך, אמולעטן אָדער אנדערע קמעות, קאָמפּאניע־מאסקאָטעס זענען געוואָרן אכט מאָל פארוווּנדעטע, אדער חדשים ניט געוואשענע זעלנער מיט דרייצן מאָל פון קוילן געלע־

כערטע גרין־געלע שינעלן. אונדזער מאסקאָטע איז א סטודענט וועלכן מען רופט „דאָקטאָרע“, קיין איין מאָל ניט פארוווּנדעט, כאָטש ער איז געווען אין די שווערסטע שלאכטן. איין מאָל האָט אן אנטיטאנק געשאָס צעשמעטערט זיין ביקס און אים אפילו מיט קיין שפּליטער ניט באריִרט. ער קריכט אויפן בערגל ווייכער ערד וואָס פאר דער אָקאָפּע, א קויל רוישט פארביי זעצט ער זיך גלייך ווי ניט אים מיינט מען און הויבט אָן מורמלען זיין ליבלינגס־לידל: סי מע קערעס עסקריביר... ווייל אויף דער וועלט געפינט זיך ניט ווער עס זאָל אים שרייבן.

אין דער פיינטלעכער אָקאָפּע הענגט אויס א מאראָקאנער זילבערנע מעלאָפּעע קלאנגען אויף שטראלן וואָס שלעפּן זיך נאָך דער אונטערגייענדיקער זון. פון בלוטרויטן קרוג בלייבט ניט מער ווי א העלפט, די פּורפּור טראָפּן פאלן צוזאמען מיט אויסגעלאָשענע שטראלן צווישן טרוקענע גראָזן, שלינגט זיי די פארדארטע ערד אין איר דאָרשט ווי אמתן טוי, בלייבט ניט מער ווי דער יאָמער, אן אומדערטרעגלעכער ווי צוריק מיט טויזנט יאָר. אפשר דערפאר ווייל אויך דער זון אונטערגאנג, די טרוקעניש און די שטעכיקע גראָזן זענען געבליבן די זעלבע.

דער סוויפּטש פון א צווייטער קויל יאָגט נאָך דעם פון אן ערשטער ביז ביידע פארלירן זיך ערגעץ אויף יענער זייט אָקאָפּע.

— ס'איז מעגלעך זיי זאָלן דיך טרעפן, וואָרנט אים מיט א נייטראלן טאָן טענעגראָ. ער גלויבט קוים אז ביי אזא זונאונטערגאנג קאָן זיך געפינען עמעצער וועלכער זאָל אומברענגען דער קאָמפּאניעס „מאסקאָטע“.

דעמלט האָב איך אים באמערקט צום ערשטן מאָל. צוזאמען מיט דער זון אויסלעשונג האָבן זיינע אויגן פארלוירן פון גלאנץ.

— אויפן בין־השמשות־האָריזאָנט בין איך צו ריזיק אז זיי זאָלן מיך טרעפן.

טענעגראָס גלויבן און דעם „דאָקטאָרעס“ ארגומענטן זענען אזוי זינלאָז און משונהדיק ווילד, אז זייער גילטיקייט שיינט אויסער צווייפל. די נאכט באדעקט מיט טונקלבלויע הימלען, מיט אומצאָליקע טראנספּארענטע קופּאָלן צווישן וועלכע עס שוועבן אין אומענדלעכע טיפקייטן מיט סודותפולן גלאנץ גרויסע קינדער־טרערן, ביידע אָקאָפּעס און רופט אויס שלום אויף דער ערד. די פּראָקלאמאציע איז ווייזט אויס א ניט גענוג איבערצייגנדיקע, ווייל פון ווייט, פון דאָרט ווו בליצן צערייסן דעם הימל הערט זיך א טעמפּער גערויש פון א גרויזאמער קאנאָנאדע. „דאָקטאָרע“

זיצט זיית א שעה אָדער צוויי און זינגט מיט משוגענער עקשנות: „קאַר־מעלא מיא קע גואפא ערעס...‟

— האַלט דעם פּיסק, אידיאָט איינער, ברוגזט זיך עמעצער וועלכן ס'דאַכט זיך אַז דאָס זינגען שטערט אים שלאָפן, אָבער דער דאָקטער האָט פאַר זיין באַמערקונג קיין צייט ניט. קאַרמעלא איז ביי אים ניט קיין פרוי און „גואפא‟ זענען ניט מער ווי דריי זיך אָנגענעם אָנשליסנדיקע זילבן. ער צווייפלט צי איז ער באמת ניט געווען אַמאָל א דאָקטער, אַז ער וועט ניט זיין שטעלט ער זיך פאַר, אָדער דאָס אינטערסירט אים ניט מער. געקומען איז ער פון „אייגענער איניציאַטיוו‟. געהערט אַז די מלחמה איז א „גערעכטע‟ האָט דאָס אים געוואונדערט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי מ'קען פאַרבינדן די צוויי ווערטער איז ער געקומען זען מיט די אייגע־נע אויגן. א פראַנצויזישער פליער האָט אים געפירט ביז אויפן שפּיץ פון די פּירינייען.ביים געזעגענען זיך האָט „דאָקטאָרע‟ אויסגעליידיקט די קעשענעס און אים געגעבן דאָס גאַנצע געלד וואָס ער האָט פאַרמאָגט. דער פראַנצויז האָט גענומען. געמאָנט האָט ער ניט, אָבער דער שכל־הישר האָט אים געזאָגט אַז אַזוי דאַרף זיין: „צו וואָס טויג אים פראַנצויזיש געלט אויף שפּאַנישע פראָנטן?‟ האָט ער עס גענומען. כאָטש א גרענעץ איינ־וווינער וואָס ווייסט אַז קיין פראַגעס שטעלט מען ניט, האָט ער פאַר־שטאַנען אַז ס'איז ניט דער פאַל.

— פון וווּ ביסטו? האָט ער א שעפּטשע געטאָן נאָכדעם וואָס „דאָק־טאָרע‟ האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

— א רומענער, האָט ער געענטפערט און שטיין געבליבן, געטראַכט אַז אפשר איז גלייכער נענטער צו דערקלערן, עס קאָן אויסקומען זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען. פאַראַן, זאָגט ער, א לאַנד רומעניע.

— אהא, מאַכט דער פליער, רוים.

— ניין. ניט רוים נאָר בוקאַרעסט.

— ווייזט אויס ווייט, האָט באַשטימט דער פראַנצויז און איז פאַר־שוווּנדן צווישן די געדיכטע געוויקסן.

אַלס מעדיצין סטודענט האָט מען אים צוערשט צוגעטיילט אין א שפּיטאָל, נאָך א קורצער צייט סאַניטאַר אין אונדזער קאָמפּאַניע ביז ער האָט געביטן מיט א זעלנער און גענומען א געווער. דער צונאָמען „דאָק־טאָרע‟ איז געבליבן, קיינעם ניט געשטערט, קיינעם ניט באַליידיקט, ווייל נאָר אַזוי קאָן זיין דער קריג א גערעכטער און צוליב די זעלבע טעמים אויף קיינעם זיך ניט גערוגזט. אויך איצט ווען פון דער אָקאָפּע האָט זיך

געהערט „האַלט דעם פּיסק, אידיאָט" האָט דער דאָקטער געטאָן ווייטער זיינס, געזונגען „קאַרמעלא מיא"...

— פון די אָרעמס האָט ער זי דיר ארויסגעריסן? האָט געפרעגט טענעגראָ און אין זיין בליק האָט זיך באוויזן א ניט פארשטענדלעכע שלעכ־טיקייט ווייל זי האָט אויסגעזען ווי געוואָגדן קעגן זיך אליין.

— דו שוויג! רעפּולירטע לייענען אין די שטערן, מישן זיך ניט אין אזעלכע געשיכטעס. ער האָט א צי געטאָן דעם שינעל איבערן קאָפּ און תיכף איינגעשלאָפן. טענעגראָ שלאָפט ניט. שוין א צייט אז דער שלאָף האָט אים פארלאָזט. ער איז אוועק צוזאמען מיט ניקאָן. ניין. ווידער א טעות. ניט צוזאמען מיט ניקאָן, א פּאָר טעג שפּעטער ווען ער האָט זיך דערוווּסט אז ניקא איז אוועק אויף אייביק. ער האָט זיך דערוווּסט שפּעטער, ווייל אזא איז זיין געדאנקען גאנג. אז זיין געדאנקען גאנג איז אזעלכער האָט ער באמערקט ווען ס'איז געשטאָרבן א שכן. ער איז נאָכגעגאנגען דער לויה, געזען דעם גרוב, געהערט שטיינער פאלן אויף די ברעטער, געזען ווי עס וואקסט דאָס בערגעלע ערד, נאָר אז ער איז טויט, אז ער וועט אים מער קיינמאָל ניט באגעגענען אויף דער גאס האָט ער זיך אי־בערצייגט ערשט נאָך אכט טעג. אזוי איז אויך געשען מיט ניקאָן. אָבער דאָס מאָל האָט זיך דער מת אומגעקערט און אים אוועקגענומען דעם שלאָף. אזוי אז ער זיצט מיט אָפענע אויגן און ציילט די שטערן. ווען ער פארמאכט די אויגן וואקסט אויס דער קאָמיסאר און מיט עטלעכע שפּאן הינטער אים ניקא מיט א לייכטן גאנג און לייכטן שמייכל. ער טראָגט מיט פארחלומטער פוילקייט דעם קיילעכדיקן קאָפּ מיט שווארצע באקן־בערד און עטוואָס ליכטיקערע שמאָלע וואָנצעס ווי א זיידענער פאָדעם. ער פלעגט זאָגן אז געקומען איז ער ווייל אזוי האָט זיך אים פארוואָלט. איז עס אָבער געווען א ליגן. קיין וואלענסיא האָט אים געבראכט א פּראכט־שיף ווייל געווען איז ער א מאטראָז. אראָפּ פון שיף איז ער מיטן געדאנק צו זוכן א באָרדעל, איז אָנגעפלויגן די פאשיסטישע אוויאציע און באָמ־באַרדירט דעם שטאָט־צענטער. א פון א באָמבע צעריסן קינד האָט אים געשיקט אויפן פראָנט און ער איז ניט געווען בכוח אָפּצוזאָגן. ניט עצות האָט דאָס קינד געגעבן נאָר א פּסק דין, האָט ער אים געמוזט אויספירן. ווען ער האָט ניט געהאט קיין קוילן האָט ער געזאָגט אז ער האָט ניט קיין קוילן און פארפירעריש געלאכט, ווען מ'האָט ניט געבראכט דעם מיטאָג, האָט ער גע־זאָגט אז דער מיטאָג איז ניט געקומען און געלאכט גלייכגילטיק. האָט גע־רעגנט פלעג ער מאכן א שירעם פון צווייגן און אָנשטעקנדיק לאכן. ווען מען

האָט געבראַכט נאָר איין פּאָר שטיוול, וועלכע ס'האָט גענומען פאַר זיך דער קאָמיסאַר, האָט ער נאָר איראָניש געשמייכלט.

— ניקא איז א דעפּעטיסט, האָט געזאָגט דער קאָמיסאַר.

— וואָס איז דאָס אזוינס, האָט געפרעגט טענעגראַ.

— ווייסט ניט? האָט זיך געוווּנדערט דער קאָמיסאַר.

— איך ווייס, אָבער ניקא ווייסט ניט.

— אויף צו זיין, מוז ער ניט וויסן. נאָך צוויי טעג איז ער אוועק מיט ניקאָן צום קאָמאַנדאָ־פּונקט פון דער בריגאַדע. אויפן וועג האָט אים דער קאָמיסאַר קלאָר געמאַכט וואָס ס'איז אזוינס דעפּעטיזם און ווי עס שיינט אים איבערצייגט אז די דערשיינונג איז א זייער שעדלעכע. דאָס געשפּרעך מיטן קאָמיסאַר איז אים געפעלן. ער האָט ממשותדיק געפילט ווי זיין וויסן ברייטערט זיך אויס, ווי עס ווערט שפּיציקער, דורכדרינגלעכער. ערשט שטייענדיק ביי דער ערדענער וואַנט און זעענדיק ווי די רייער פון טראַמלרעוואָלווער הויבט זיך אין זיין ריכטונג ווי א לאַנגער שטומפּער פינגער, וואָס ניט נאָר ער באשולדיקט נאָר פּירט אויך אויס דעם אורטייל האָבן זיך זיינע אויגן צעעפנט מיט שרעקלעכער פאַרוווּנדערונג. ער האָט געוואָלט עפּעס פרעגן, איז די פראַגע ניט דערגאַנגען צו די ליפּן ווייל דאָס פייער פון טראַמלרעוואָלווער האָט איבערגעקרייצט דעם וועג... איז די פראַגע געבליבן הענגען אויף די ברייט צעעפנטע אויגן און פלאַטערט עד היום ווי א פאָן. נאָך אנדערע פינף טעג איז געקומען ניקא מיט שווערע טריט, א טרויעריקן שמייכל און אים אוועקגענומען דעם שלאָף.

— „עפּעס איז אין אים דאָך...‟ טראַכט טענעגראַ אָבער דערפירן דעם געדאַנק האָט קיין זין ניט, ווייל ער ווייסט אז די „באשולדיקונג‟ וועט ניט באַרעכטיקן די שטראָף און אים ניט צוריקגעבן דעם שלאָף.

— קאַרמעלאַ מיאַ קע גואַפּאַ ערעס, זינגט „דאָקטאָרע‟ זיצנדיק אויף דעם בערגל ליים, פון אקעגן יאָמערט זיין מעלאָפּעיע דער מאַראָקאַנער אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט פון אָקאָפּע מיט אן אויסגעשטרעקטער ביקס, אין די הימלען שוועבן שטערן אין פאַרשידענע ריכטונגען און פינטלען מיט פאַרדאַכט.

— פאַרשאָלטן זאָל ער זיין מיט אלע זיינע סודות, שעפּטשעט טענעגראַ טראַכטנדיק צום לערער און צווישן די פראַגעס וואָס מוטשען אים וואַקסט אויס א נייע: „אין וועלכן פון די שטעטלעך לעבט ער, אין דעם מיט א לאַנגער גסיסה?‟ ער שענקט א שמייכל דוצון, פרעגט זיך צי איז ער שוין ארויס פון תפיסה און נאָך צוויי שלאָפלאָזע וואַכן דרימלט ער

איין. אָבער נאָר אויף א רגע ווייל דאָ פאַרפלייצט דער טאָג כהרף־עינדיק די וועלט מיט ליכט. צוזאמען מיט דער זונענשיין וואלגערן זיך אין שוץ־גרוב דער קנאל פון א ביקס און „דאָקטאָרע" שטאמלענדיק דאָס לעצטע וואָרט זיינס, „גוּאפּא".

...אז ער האָט פאַרשאָלטן דעם אומשולדיקן לערער און אז דער שמייכל איז געשיקט געוואָרן דוצון, האָב איך זיך דערוווּסט אין א טריבן פרימאָרגן אין לאגער וואָס ליגט אויף א ווערסאנט פון די אטלאס בערג, אין א צייט ווען ער האָט שוין געטראָגן אויך דאָס צונעמעניש „דער משוגענער".

ניט לאנג נאָך דעם וואָס „דאָקטאָרע" האָט צוזאמען מיט דעם וואָרט „גוּאפּא" אויסגעהויכט די נשמה איז די קאָמפּאניע אויפגעלייזט געוואָרן, פאַרשוואונדן אינייִנעם מיט איר מאסקאָטע, אזוי האָט זיך פאַרענדיקט מיין ערשטע באַקאנטשאַפט מיט שווארצבערגן. באַגעגנט און כמעט באַפריינדט האָבן מיר זיך ערשט נאָך דעם וואָס די מלחמה האָט זיך געענדיקט. צוויי פראנצויזישע לאגערן נאָך דער עוואַקואַציע פון שפּאניע סאן סיפּריען און גירס — האָבן מיר דורכגעמאכט צוזאמען. פאַר דער צייט האָבן די שפּאַניער איבערגעזעצט זיין נאָמען אין מאָנטענעגראָ, פאַרענדיקנדיק דוצוס אויפּטו און דעם לערערס נביאה פון די קינדער יאָרן איז עס אויסגעקומען אז די קאָמעדיע האָט מען אָפּגעשפּילט צוויי מאָל. אין אָריגינאל ווי אין דער איבערזעצונג האָט זיין נאָמען צופּיל קאָנטראַסטירט מיטן קליינ־וווּקסיקן מענטשעלע מיט אן עטוואָס צו גרויסן קאָפּ. צומאָל האָט זיך מיר געדאכט אז איך בין זיך טועה, אז דווקא דער נאָמען פּאסט אמבעסטן צו די גרויסע אויגן וועלכע טליען אין טיפע היילן.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט מלחמה האָט ער מיר עטלעכע מאָל געזאָגט מיט פאַרדרוס: „איצט ווען דאָס לעבן וואָלט געקאָנט האָבן א זין, ווען ווערטער וואָלטן געקאָנט אויסדריקן דיווירקלעכקייט, פוילן מיר דאָ אין די לאגערן" און יעדעס מאָל זענען די אויגן פאַרקראָכן טיפער אין די היילן, גלייך זיי וואָלטן געפּרוּווט נאָכשלעפּן דאָס קליינע קערפּערל אין דער טיפעניש פון שווארצבערג. (ס'איז מיר איין מאָל אויסגע־קומען צו שרייבן זיין נאָמען מיט לאטיינישע אותיות. ווען ער האָט געזען דעם אָנהויב "Sch" האָט ער פּראָטעסטירט מיטן גאנצן נפש. „שרייב, זאָגט ער, מיט א רומענישען "Ș", מיט א סעדיל, ס'איז כמעט דער צוואנציקסטער דור וועלכער לעבט אין דער געגנט געפין איך נאטירלעך אז מיין משפּחה

זאָל אָננעמען די אָרטיקע אָרטאָגראַפיע,״ ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַן ערנסט וואָס האָט מיך איבערראַשט. כ׳האָב נאָך זייער ווייניק געוווּסט וועגן דוצון, די שוחטים־גלחישע באַגעגענישן, וועגן זיינע שוועסטער און ברידער). נאָך דעם האָט מען אונדז פאַרוואָרפן אין פאַרשידענע לאַגערן. דאָס איז געשען נאָך איידער די דייטשן זענען אריין קיין פראַנקרייך אַזוי איז אַוועק כמעט א יאָר ביז ס׳איז געקומען צו דער דריטער באַגעגעניש.

די שיף וועלכע האָט אונדז געדאַרפט אַריבערפירן קיין אַפריקע האָט זיך געפונען אין פּאָרט וואַנדרע (דעם נאָמען וואָס דערמאָנט אין שקלאַפן־האַנדל האָבן מיר אויסגעטייטשט אלס א צייכן). צופעליק האָב איך זיך געפונען מיט די אינטערנירטע וועלכע מ׳האָט געבראַכט די ערשטע און איינגעשפּאַרט אין אונטערדעק פון שיף. די פינצטערניש האָט זיך לאַנגזאַם פאַרוואַנדלט אין א דיפוז ליכט און מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז אויבן, אויף דער דעק, איז שוין טאָג. כ׳ווייס ניט וועלכער ס׳איז געווען דער אויסדרוק פון די פנימער אין דער צייט ווען יעדער איז געווען אַליין מיט זיך, אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע דורך דער געדיכטער פינצטערניש, נאָר ווען דאָס מאָרגנליכט האָט זיך געזיפּט דורך די שפּאַרינעס האָב איך געזען פנימער געשטעמפּלטע מיט א שמייכל וואָס האָט געוואָלט זיין אָפּטימיסטיש און אויסגעזען האָט ער ווי א גרימאַסע פון מענטשן וועלכע וואַרטן אויף צדוק־הדין. פּלוצעם האָבן זיך געהערט באַפעלן, איינע פון די ווענט האָט זיך אויפגעריסן מיט א גרויל פון אייזן און קייטן. צוויי זשאַנדאַרמען ריזן האָבן א וואָרף געטאָן א זאַק וואָס האָט אויסגעזען ווי א מענטש. כ׳האָב זיך גראָד געפונען אויף דער טראַיעקטאָריע פון פליענדיקן אָביעקט און אינסטינקטיוו אים געוואָלט כאַפּן מיט צעשפּרייטע אָרעמס. איז דער צוזאַמענשטויס געווען שטאַרקער פון מיר, האָבן מיר זיך ביידע אויסגעצויגן אויף דער מעטאַלענער בריק, אונדזערע הענט און פיס האָבן זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט אַז אויפהויבן זיך איז אויסגעקומען כמעט אוממעגלעך.

— א דאַנק פאַר דער אַמאָרטיזאַציע, האָט ער צו מיר א זאָג געטאָן און מיט א ביט באַהערשטער שטים אָנגעהויבן שרייען: מנוולים, הער נאָר א מעשה, גייען אויף די אייגענע פיס ווען מען ווערט פאַרשיקט ווער ווייסט וווהין! ביי מיר פועלט מען דאָס ניט אַזוי לייכט. כאָטש איין מאָל אין זייער פאַרשאָלטן לעבן זאָלן זיי טון א פּראָדוקטיווע אַרבעט.

אין דער ווייט האָבן די זשאַנדאַרמען פאַרוואַנדלט די וואַנט אין א בריק, די אינטערנירטע זענען געקומען פּאָרלעכווייז. הערנדיק שוואַרצבערגס געשרייען האָט איינער פון די זשאַנדאַרמען זיך פאַראינטערעסירט.

— ק׳עס ק׳איל די ?*

דעם ענטפער האָט ניט באַקומען דער זשאַנדאַר נאָר יאַנקעלע.

— שווייג משוגענער. ס׳איז שוין צייט זאָלסט פאַרשטיין וואָס ס׳איז אזוינס דיסציפּלין און אויסמיידן פּראָוואָקאַציעס.

יאַנקעלע האָט זיך צוריקגעצויגן אין א ווינקל, אָוועקגעזעצט אויף דער האַרטער פּאָדלאָגע, שווייגנדיק געפירט דעם בליק לענגאויס זיין אייגענעם נעבעכדיקן קערפּער, געבודקט יעדן ביין און אָדער כדי זען צי האָט זיך עפּעס אין אים ניט צעריסן. פעסטגעשטעלט אז ער איז געבליבן א גאַנצער האָט ער אויסגעשאָסן א ווילד געלעכטער. די מעשה האָט אים אַנגעהויבן אַמוזירן: אויף די הענט געטראָגן, מכות אונטער די ריפּן געקריגן, ווי א באַלאָן געפלויגן, מיט עמעצן זיך איבער דער העלפט פון פּאָדלאָגע געקוילערט, א חברישע קריטיק באַקומען און דערביי געבליבן א גאַנצער. געענדיקט מיט אויספּאָרשן דעם אייגענעם קערפּער האָט ער אָנגעהויבן באַטראַכטן די איבעריקע, דער בליק איז געקראָכן פון איינעם צום אַנדערן. מיט אַרויספּאָדערנדיקער פוילקייט. ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט מיינעם האָט ער צוערשט א וואָרף געטאָן דעם קאָפּ אויף צוריק. גלייך ער וואָלט מיך וועלן זען פון ווייטן, אים אויף א ווילע אָפּגעקערט מיט ביטול ווי איינער רעדט: „הכל הבל״, אָבער תיכף אויפגעשפּרונגען און זיך א לאָז געטאָן צו מיר. כ׳האָב געמאַכט א פּאָר שפּאַן אין זיין ריכטונג, די אונטערדעק האָט זיך אָנגעהויבן איבערפולן אזוי אז ס׳איז געוואָרן שווער זיך צו באַוועגן.

— דיך האָט געטראָפן דער שראַפּנעל? ערשט איצט איז אים איינגעפאַלן אז איך בין געווען דער וואָס בשעת זיין פליען אין דער לופט האָט זיך אים געדאַכט אז ער וואַרפט זיך אַנטקעגן אים אויף צו דערקוועטשן. ווען ס׳זאָל געווען זיין פאַרקערט, זאָגט ער, וואָלט איך איצט אויסגעזען ווי א זשאַבעלע אין מיטן וועג דעם צווייטן טאָג נאָך דעם וואָס ס׳האָט עס צעטרעטן דאָס ראָד פון אן איבערגעלאָדענעם וואָגן אין א שבעה־עשר בתמוז. זיין געלעכטער האָט זיך געקייקלט מיט א מעטאַלישן דומפּן קלאַנג לענגאויס דער נידעריקער דעק.

נאָך צוויי טעג פאָרן מיט דער שיף און דריי מיט דער באַן זענען מיר אָנגעקומען קיין דזשעלפאַ, א לאַגער אין די אַטלאַס־בערג, ניט ווייט פון דער לעצטער באַנסטאַנציע אויפן וועג וואָס פירט אין דער סאַהאַראַ

---

* וואָס זאָגט ער?

מדבר. א טייל פון א נאקעטן בארג אָפּגעצוימט מיט שטעכלדראָט, עטלעכע געצעלטן, פעלאכן אין געשטרייפּטע לאנגע מאנטלען באוואָפנטע מיט ביקסן פון ערשטן וועלט־קריג, דאָס איז דער לאגער. די געצעלטן ווי ריזן היטלען צוקער, טראָגן א סוגעסטיוון נאָמען: מאראבו, וואָס הייסט אין די געגנטן א האלב הייליקער. אויסגעטראכט האָט מען זיי וועגן דער קאָלאָניאַל־ארמיי און באשטימט אז א געצעלט איז גענוג פאר פיר זעלנער. אָבער אין אונ־דזער פאל פאר צוועלף. אינדערפרי און פארנאכט פארזאמלט מען אונדז אויף דעם פלאַץ אין „קארעי״ א פערפעקטער פירעק ווו מיר ווארטן עס זאָל קומען דער קאָמענדאנט. ביז צום טויער קומט ער צו פליען רייטנדיק. אין דער צייט וואָס ער שטייגט אראָפּ פון אראבישן פערד יאָגט אים אָן דער וואָלף־הונט וועלכער באגלייט אים צום קארעי (אוי, דער קארעי!) און ביידע קאָנטראָלירן צי זענען די רייען גלייכע און צי די אינטערנירטע שטייען שטראָם. מען זאָגט אז א צייט האָט ער פארבראכט אין פוילן אלס באראָטער פון פילסודסקיס ארמיי. זייט פון פילסודסקין איז געבליבן ניט מער ווי דער נאָמען און פוילן איז באזעצט פון די דייטשן איז ער קאָ־מענדאנט פון דער געגנט און אויך פון לאגער. פון דאָרט, זאָגט מען, האָט ער מיטגעבראכט די פרוי וועלכע באווייזט זיך קיין מאָל ניט אין דער נאָענט פון לאגער. זי זאָל זיין די וועלכע שטויסט אָפּ אפילו דעם געדאנק פון איר אָנוועזנהייט. א טאָכטער פון א שליאכטשיטש (אין אפריקע זענען אלע פוילישע פרויען ווייניקסטנס שליאכטשיטשס טעכטער) קאָן זיך באווייזן צווישן אָרעמזעליגע נאָר מיט בארעמהארציקע צוועקן, לויט איר מאנס פרינציפּן, אָן אויסגעשלאָסענע מעגלעכקייט. צומאָל זעען מיר זי רייטן באגלייט פון א ספּאַכי אויף דעם רוקן פון קעגנאיבערשטייענדיקן בארג. ווי קיין אמאזאָנע זעט זי ניט אויס, אָבער דאָס בילד דערפרייט די אויגן.

פון עלף ביז דריי מוזן אלע אינטערנירטע זיצן אין די געצעלטן. עס זענען שעהן פון טאָטאלן פארבאָט, כדי זיי צו היטן פון דער טויטן־היץ. אָן אומדערטרעגלעכע אויף דער פרייער לופט איז זי צען מאָל שרעק־לעכער אין די דושנע געצעלטן. אלגעמיינער פארבאָט צו פארלאָזן די געצעלטן איז אויך אין משך פון דער נאכט. זענען דאָך אויך אינטערנירטע ניט מער ווי מענטשן הערן זיך געשרייען: גארד, זשע וועַ...*

— וואז אי אָ דיאבלע!**

* שומר, כ׳גיי
** גיי צום רוח

געגעצט עמעצער אין דער נאכט.

— דעפּעש סאַ*! אײַלט אים דער שומר. ענטפערט פון ווײַטן אַ שאַקאַלן־געוויין.

אין שלאָפלאָזע נעכט גנבענען זיך אײַניקע אַרויס אויף דער פרײַער לופט, שלענגלען זיך אונטער דער גראָבער צעלט־לײַוונט אײַנגעגעסענע אין די עקיקע שטײנער אַז די וואַך זאָל זיי ניט באַמערקן, ליגן שווײַגנדיקע אונטער דעם ווילדפרעמדן אַפריקאַנישן הימל די שטערן וועלכע פינקלען איבער זײערע ווײַטע היימען. דאָרט קערן זיך וועלטן, דאָרט גייט אַ שרעקלעכע מלחמה, דאָרט... ניט איין מאָל האָב איך געפונען יאַנקעלען ליגנדיק מיט אַ שטאַרן, גלײַך ווי אויסגעלאָשענעם, בליק. די אַפריקע־וועלט האָט אים ניט באַקומען. געוואָרן פאַרשלאָסענער, עטוואָס אָפּגעלאָזט. די קליידער הענגען אויף אים ווי אויף אַ סטראַשידלע אין אַ תבואה־פעלד. דאָ שרעקט ער קיינעם ניט. צומאָל ווען אונדזערע בליקן באַגעגענען זיך זע איך אויפפלאַמען אַ רגע אַ שעלמישן גלאַנץ ווי צווישן היצקעפּ וואָס וואַרפן זיך אין זינלאָזע געפאַרן, כדי צו באַווײַזן אַז זיי האָבן נאָך אַ אומאָפּהענגיקע עקזיסטענץ. דאָס איבערשרײַען זיך פון דער וואַך דערמאָנט אַז איבערלעבן איז אַ צווײַזײַטיקע מטבע און יאַנקעלע שעפּטשעט: „אין אַזאַ צײַט ליגן אין אָט דער וויסטעניש, איצט ווען ווערטער וואָלטן געקאָנט אויסדריקן טאָטן, ווען זיי וואָלטן געקאָנט ווערן פאַרשטענדלעכער". דאָס פלעג געשען זומער. אין די פּאָר ווינטער חדשים פלעגן מיר צומאָל זיצן שעהן לאַנג אײַנגעהילטע אין אונדזער שמאַטעס־פאַרמעג אויף אַ שטיין אין אַ ווינקל פון לאַגער, קוקן ווי פויל עס בלאָנדזשען אונטער דעם גרויען הימל שוואַרצע כמאַרעס, מאָגערע ווי ניט באַפרוכפּערטע קיען. אין אײַנעם אַזאַ טריבן פרימאָרגן האָט ער מיך איבערראַשט מיט זײַן דערציילונג וועגן שטעטל, מיט זײַן פּלוצעמדיקער באַרעדעוודיקייט. נאָך דעם איז אַוועק אַ צײַט פון עקשנותדיקן שווײַגן.

ווידער די ברענענדיקע זון, ווידער די צוואַנגס־רו פון עלף ביז דרײַ, ווידער דאָס אַפּאַטישע ליגן אויף דער פּײַכטער ערד אין איבערגעהיצטן געצעלט. יעדן טאָג ברענגט אײנער פון די צעלט אײַנוווינער אַן עמער וואַסער און שפּריצט די ערד כדי די לופט זאָל זײַן דערטרעגלעכער. ליגט מען ווי אין אַ שוויץ־באָד. פּלוצעם דערהערט זיך אַ געשריי, אַ יאָמער־געשריי. אַ געוויינטלעך געשריי וואָלט מיך ניט גע־

---

* אײַל זיך

ווען גערירט פון אפאטישן צושטאנד. איז עס אָבער געווען א יאָמער וואָס האָט מיך אויפגעציטערט. געקומען איז ער פון טויער, זיך געצויגן ביז דעם צווייטן עק לאגער, צוערשט ווי א שטילער קרעכץ נאָך דעם שטארקער, גלייך ווי ער וואָלט ארומגערינגלט די ערד און ניט געפינענדיק קיין עכאָ, פעסטשטעלנדיק ווי טראגיש ס'איז די אומבאהאָלפנקייט איז ער געוואָרן נאָך פארביסענער: „אזוי איז עס...״ כ'האָב אויפגעהויבן אן עק פון געצעלט און דערזען יאנקעלען לויפן מיט דער האנטביים מויל און דאָס בלוט רינענדיק צווישן די קליינע פינגער. די וואך נעבן טויער האָט געלאכט. ווען יאנקעלע איז אָנגעקומען צו אונדזער געצעלט האָב איך אים ארייַנגעשלעפט, געוואָלט וויסן וואָס ס'איז געשען, וואָס האָט ער גע־זוכט אין דער צייט פון טאָטאלן פארבאָט, ביים טויער. ער האָט זיך א וואָרף געטון מיטן פנים צו דער ערד גלייך ער וואָלט געפאלן כורעים. א מאָמענט האָב איך געטראכט אז ער איז טאקע משוגע. ער האָט זיך אָבער לאנגזאם אנידערגע־עצט מיט דער האנט ביים מויל. געשריגן האָט ער מער ניט, נאָר זיך א פאָר מאָל א שאָקל געטאָן ווי א מאכאָמעדאנער בשעת דער תפילה. ער איז געזעסן ווי א פארשטיינערטער מיט א דערשיטערט פנים און א טעמפער פארוואונדערונג.

— הער א מעשה, מיט דער קראוואש איבערן מויל, האָט ער קוים געליספעלט.

— די ציין? האָב איך געפרעגט.

ער האָט לאנגזאם אויפגעהויבן דעם קאָפּ גלייך ווי ניט פארשטאנען פון וו עס קומט די פראגע. זי איז אים אויסגעקומען זינלאָז, כמעט נידערטרעכטיק.

— א משוגענער. מיט דעם קראוואש איבערן מויל. ער האָט גע־עפנט די האנט אויף דער דלאָניע צוויי באפליישטע ציין. קוקנדיק אויף זיי האָט זיין פנים ווי אויפגעלויכטן און ער האָט אָנגעהויבן לאכן מיט זיין מאָדנע געלעכטערל.

— גיי רעד מיט א משוגענעם.

— וואָס האָסטו דאָרט געזוכט, האָב איך געפרעגט.

— וואסער.

— יאנקעלע, איצט? ווייסט דאָך אז ס'איז פארבאָטן.

— ניט ער איז געגאנגען, האָט ער געענטפערט קוקנדיק מיר גלייך אין די אויגן. דאָס בין איך געגאנגען. פארשטייסט? איך! ער האָט גע־פרווט ווידער לאכן און זיינע בליקן האָבן דערציילט וועגן שימשעלען,

וועגן טענעגראַן, וועגן דער סודותפולער מעשה פון יענעם טריבן פריי־מאָרגן.

— כ׳פאַרשטיי. זיכער פאַרשטיי איך.

— די צייט פון פאַרבאַט איז פאַרביי, עס זענען געבליבן ניט מער ווי געציילטע מינוטן, האָב איך געמיינט אַז אויך אַ היטער וועט קאָנען פאַרשטיין. צווי קלעפּ איבער דער פּלייצע האָבן זיך געלוינט, ס׳איז אויסגעקומען שווער צו זען ווי אויסגעמאַטערט זיי ליגן.

— און זיי?

— זיי, וואָס?

— האָבן דיך געלאָזט גיין?

יאַנקעלע האָט ניט געענטפערט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די צייַן וואָס אויף דער דלאָניע, איבערגעדרייט די האַנט, זיי געלאָזט פאַלן אויף דער פייכטער ערד און אויף זיי אַ טריט געטאָן מיט ביטול. נאָכדעם האָט ער זיך ווידער צעלאַכט אָדער אַנדערש ווי געוויינטלעך, די אויגן זענען געקראָכן מיט אַ צאַרנדיקן ברען אין די לעכער גלייך ווי זיי וואָלטן וועלן נאָכשלעפּן נאָך זיך זיין אָרעם קערפּערל.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ פייף. די אינטערנירטע זענען אַרויס פון די צעלטן. זיינע מיטווינער זענען געקומען זען וואָס ס׳איז געשען מיט יאַנקעלען. וואָס באַלאַנגט יאַנקעלען איז פאַר זיי די צייט שטיין געבליבן ביי דעם מאָמענט אין וועלכן ער האָט גענומען דעם לייוונטענעם פאַרדאַרטן קאָלאָניאַל־אַרמיי־עמער און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

פאַרוואָס האָט איר אים ניט אָפּגעהאַלטן?

— צו אויסגעמאַטערט אַ וואָרט אַרויסצורײדן. שווער אין אַזאַ צושטאַנד אָפּצוהאַלטן אַ משוגענעם.

...די געשעעניש האָט זיך איבערגעחזרט אין מיין זכרון נאָך פיר שעה שטיין אין לאַגער־הויף. ס׳האָט געדויערט ניט מער ווי אַ רגע, אפשר ווייניקער און דאָס צופיל אויף אים צו קאָנען ראַטעווען.

נאָך פיר שעה ציילט מען ווידער די צוועלף אינטערנירטע וועלכע שטייען אין אַ פּערפעקטן קאַרעי (אוי, דער קאַרעי!) ניט ווייט פון טויער אַרומגערינגלטע פון אויך אַזוי פיל וואַכלייט — פעלאַכן מיט געשטרייפטע לאַנגע מאַנטלען, באַוואָפנטע מיט ביקסן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין זייער מידקייט זעען זיי אויס קלאָגעוודיקער ווי די וועלכע זיי היטן.

אפשר דערפאר וואָס די אינטערנירטע שטייען שטראמער, מיט געהויבענע קעפּ. מ׳וואַרט אויף דעם קאָמענדאנט כדי אין זיין אָנוועזנהייט זיי שיקן אין קאַרצער, וואָס געפינט זיך אין דער קאַזאַרמע פון קאָלאָניאַל־מיליטער וועלכע ליגט ביי דער פּעריפעריע פון דזשעלפא. יעדעס מאָל ווען דעם אָבערוואַכמאַן דאַכט זיך אַז ער הערט דעם קאָמענדאנטס פערד יאָגן איבער די נאַקעטע בערגלעך וואָס צווישן לאַגער און דאָרף, באַפעלט ער די אינטערנירטע זיך ציילן פון לינקס אויף רעכטס און דער וואַך שטראַם שטיין. דאָס מאָל האָט זיך צוערשט באַוויזן דער וואָלף־הונט נאָך דעם דאָס עכטע אַראַביש־ראַסיקע פערד פון וועלכן ס׳איז אַראָפּגעשפּרונגען דער קאָמענדאנט מיט זיין פון א פאַרדעכטיקער קרענק צעפרעסענער נאָז. נאָך עטלעכע רייטעריש געשפּרייצטע טריט איז ער שטיין געבליבן, פאַרזשמורעט די אויגן און די אויבערשטע ליפּ האָט אויפגעדעקט א ריי גילדענע ציין, געבראַכטע, ווי מ׳זאָגט, אויך פון פוילן. דאָס פּנים האָט אויסגעזען ווי א פון מויל צעפרעסענע מאַסקע. ער האָט א קוק געטאָן אויף די צוועלף פון קאַרעי און נאָך דעם צו די טויזנט און אכצן וועלכע זענען געשטאַנען ניט געראָפענע, געוואָלט זען ווי מען פירט אָפּ זייערע חברים, ווייל אָפּפירן אין קאַרצער האָט ניט געהייסן אויך צוריקברענגען. אַזעלכע פאַלן זענען געשען. כאָטש ס׳איז געווען די ריכטיקע צאָל פון די אינטערנירטע — אין לאַגער האָבן זיך געפונען טויזנט מיט דרייסיק מענטשן, אכט חדשים נאָך דעם וואָס די פאַרבינדעטע אַרמייען האָבן געלאַנדעט אין אַפריקע — איז זי אים געקומען אויפן געדאַנק אַזוי אומדערוואַרט, אַזוי אָן יסודותדיק אַז זי האָט אים א קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ ווי א שטיין פון הימל און דער הימל איז געווען אַזאַ לויטערער אַז מ׳האָט געקאָנט זען א שוועלבעלע אויף דרייסיק מייל. פון איבערראַשונג האָט ער פאַרגעסן דעם פון פריער באַשטימטן פּלאַן וויאַזוי צו מאַנעווירן מיט זיין אויטאָריטעטנעם בליק. צוזאַמענגעשטעלט אין דער צייט וואָס ער איז געריטן, איז דער פּלאַן פּלוצעם פאַרשוווּנדן, געוואָרן צו נישט. ער האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען וואָס איז געווען לויט זיין מיינונג עפעקטפולער: קוקן אויף איינצעלנע פּנימער, יעדעס מיט זיין פּערזענלעכקייט, ווי צו אָן אויסגעמישטער מאַסע, א רעגימענט וועלכן ער פאַרטיילט באַפעלן פון דער הויך פון פערד, באַפעלן מיט א וווּנדערקראַפט וואָס א ריזיקער קאָרפּוס — פאַרטיילט אין קוואַדראַטן און פירעקן — פילט אויס מיט ריטמישע באַוועגונגען.

די ציפער טויזנט מיט דרייסיק האָט צעמישט דעם קאָמענדאנטס געדאַנקען, ווייל יעדן פרימאָרגן האָט זי זיך געפונען — אונטערגע־

שטראָכן מיט א בלויען בליישטיפט, בראש פון א לאנג צעטל אויסגאבן אויף קארטאָפל (אויסגעפינען איז געוואָרן שווערער אפילו אין די ארמיי־רע־זערוון), ווייץ (פארשימלטער איז דאָ געגוג אין די ספעקולאנטן מחסנים צי גאָר אין זיינע אייגענע), וואך־עפעקטיוו, לוינען (אויסצאָלן זיי וואָלט באמת געווען ארויסגעוואָרפן געלט), אלץ אזעלכע זאכן, וועלכע האָבן אים פארשאפט נאָר צרות און עגמות נפש, ווייל ווען ער זאָל איינשפאָרן אָט די אויסגאבן וואָלט ער געקאָנט גיכער אויפשטעלן א פאבריקל בערך ווי דאָס וואָס ער האָט געמוזט איבערלאָזן ערגעץ אין פוילן אָנהויב מלחמה. ער האָט ווידער געוואָרפן א בליק צו דער קליינער גרופע מענטשן פון „קארעי", געזען אז די באוואָפנטע פעלאכן זענען אים איגגאנצן אומ־באקאָנטע (די פריערדיקע האָט ער שוין פאריאָגט, א חברהמאן דער סערזשאנט) דערפילט א לייכטע באפרידיקונג און דער מיליארד קאָנצענ־טרירטע זונענשטראלן וואָס האָבן געטשמעליעט די קעפ האָט אים פארשאפט א באזונדער פארגעניגן. „נאָר דאָ קאָן מען דאָס, האָט ער געטראכט, אין אייראָפע איז די זון א צו שוואכע". צו די פעלאכן האָט ער ניט גע־טראכט דערפאר ווייל זיי זענען פשוטע פעלאכן און דערצו נאָך, אין פרינציפ, באצאָלטע. ער האט דערפילט אן אָנגענעמע מידקייט אין די אויגן, זיך געגרייט ווארפן א זיגרייך פאראכטנדיקן בליק אויף די איברי־קע, אויף די טויזנט און אכצן וועלכע האָבן זיך פארזאמלט ניט גערופענע, האָט זיך אָבער איבער זיי געזיפט א דינער שאָטן פון אן איינזאם וואָל־קנדל וועלכעס פארכאפט פון א לופטשטראָם האָט זיך געלאָזט טרויריק טראָגן צו דער וויסטע און זיך אויפגעהאלטן איבער די אטלאס־שפיצן. פאר וווּנדער האָט דער קאָמענדאנט געעפנט די אויגן, די אויבערשטע ליפּ איז אראָפּגעפאלן און באהאלטן די רייע גילדענע ציין אויף יענער זייט שמאָלן מויל. ער האָט א קלאפּ געטאָן מיטן בייטשל די כאָליעווע, איבער טויזנט קעפ האָט זיך געקאטשעט דער טרוקענער קלאנג ביז אויף יענער זייט שטעכלדראָט, דערשראָקן זענען די וועכטער ארויס פון זייערע באַ־העלטעניש. דער צווייטער קלאפּ איז געווען שוואכער, ביי דעם דריטן האָט ער דערפילט דאָס נויטיקע מאָראלישע גלייכגעוויכט צו רעאגירן.

— אפשר וויל זיך עמעצער סאָלידאריזירן? האָט ער געפרעגט מיט פאראכטונג. קיינער האָט זיך ניט גערירט. אויף די פּנימער פון די וועלכע זענען געשטאנען אין קארעי האָבן זיך באוויזן שווארצע פלעקן פון זונ־שטראלן פארברענטער הויט. דער שכל הישר האָט אונטערגעזאָגט אז דאָס איז אן איינלאדונג צו דאָן־קיכאָטיזם.

— קיינער? קאַנאַליעס! — האָט ער איבערגעחזרט די אַרויספּאָדע־רונג אַ קלאַפּ טוענדיק מיטן בײַטשל אין שטיוול. זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער. אין יענעם מאָמענט האָט אים באַנג געטאָן נאָכן פערד. רײַטנדיק זעט מען בעסער. רעכטס פון מיר האָט יאַנקעלע אויפגעהויבן דעם לינקן פוס און איך האָב פאַרשפּעטיקט ווייניקער פון אַ רגע. קוים באַמערקבאַר האָט זיך געשלײַכט דאָס שמאָלע קערפּערל צווישן דער מאַסע מענטשן.

— דו? האָט געפרעגט אָן אויפגעבראַכטער דער קאָמענדאַנט, ניט ווײַל עס האָט אים געוווּנדערט וואָס דווקא יאַנקעלע. ער האָט פשוט ניט געגלויבט אין אַזאַ מעגלעכקייט. טענעגראַ האָט זיך געוווּנדערט. ס׳האָט זיך אים געדאַכט אַז דער קאָמענדאַנט איז דער איינציקער וועלכער רופט אים אויף זײַן אמתן נאָמען. ער האָט סקיצירט אַ שמייכל אָן צײַן און זיך דערמאָנט אַז ביים קאָמענדאַנט איז „דו״ אַ כלל־נאָמען. געגאַנגען ווײַטער זיך אָוועקגעשטעלט נעבן די צוועלף פון וו ער האָט געקוקט מיט אַ שרעקלעכן טרויער צו די טויזנט זיבעצן וועלכע זענען געבליבן אויסער דעם „קאַרעי״. עס ווײַזט אויס אַז יאַנקעלעס בליק איז געווען אומדער־טרעגלעכער ווי די היץ און ווי דער געדאַנק צו דעם קאַרצער וואָס האָט געקאָנט זײַן פאַטאַל.

אַלעמען האָט מען אין קאַרצער ניט געקאָנט אַרײַנזעצן. אויף מאָרגן האָט מען געפירט נאָר איינעם און נאָך אַ וואָך האָבן פיר אינטערנירטע געגראָבן דעם קבר ניט ווײַט פון לאַגער־טויער, דאָרט וו עס הויבט אָן אַ נאַקעט פלאַכלאַנד אָן בוימער, אָן שאָטנס, אָן איינפאַרביקע ווײַטקייט פון וועלכער עס שפּראָצן ווי מיילנשטיינער גראַניט פעלדזן און פאַרגעלטע אַלפאַ גראָזן.

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

— צו וואָס האָט עס דיר געטויגט? פרעגט טענעגראַ אָן פאָרוואורף. ער איז פשוט נײַגעריק.

צוויי מאָל מיד איז געווען דאָס פינף־און־פערציקסטע יאָר! מיד פון דער לאַנגער מלחמה און מיד פון אַ זון וואָס האָט געברענט די ערד פאַרמערנדיק די צאָל וואַנדערנדיקע שאָטנס די צענדליקער טויזענטער

הונגערשאָטנס האָבן זיך געלאָזט אין באַגלייטונג פון די אויף שלאַכט־פעלדער געפאַלענע, זיך געשלעפּט מחנותווייז איבער דאָרף און שטאָט. אפשר האָט זיך מיט זיי אַראָפּגעיאַוועט יאַנקעלע?

— — — — — — — — — — — —

דער טעלעפאָן האָט געקלינגען. פון אינפאָרמאַציע ביוראָ האָט מען מיר געמאָלדן אַז עמעצער זוכט מיך, אַז אים „אַרויפלאָזן" צו מיר קאָן מען ניט מחמת „דער חבר האָט ניט קיין דאָקומענטן", האָב איך געמוזט אַראָפּנידערן. ער האָט געוואַרט אויף דער אַנדערער זייט אייזערנעם פּלויט און ווען ער האָט מיך דערזען איז ער מיר אַנטקעגן געקומען מיט דער פראַגע „צו וואָס האָט עס דיר געטויגט", גלייך ווי ער איז ספּעציעל וועגן דעם געקומען, גלייך ווי אַלעס איבעריקע איז אויפגעקלערט.

— וואָס ווייסטו? צו יענער צייט איז נאָך אַלץ געווען ביי עמעצן אין קאָפּ אָן קלאָרע קאָנטורן.

— אויך מיר אַ פראַגע! מען דערוווסט זיך, ענטפערט ער אַזוי נאַ־טירלעך אַז ס'קומט אויס אים צו גלויבן.

— ס'האָט אויך אַזוי געקאָנט געשען, זאָג איך און לאָך אַליין פון דעם אויפּטו.

— ס'איז דאָך אָבער ניט געשען. זיין ערנסט פאָדערט קלאָרע די־בורים.

— אויב ס'איז ניט געשען מיט דיר, איז עס געשען מיט אַן אַנדערן.

— יענעם האָט מען מקבר געווען אויף אַ קאַטוילישן אָדער אָרטאָ־דאָקסן צווינטער. דאָס מאָל פיל איך אַ פאַרוואָרף און בלייב אַביסל מטושטוש. כ'האָב מיר ניט פאָרגעשטעלט אַז דער קרבן פון יענער זייט פּלויט, „מחוץ לגבול", זאָל אויף אים געווען מאַכן אַזאַ שטאַרקן רושם.

מיר זענען געזעסן ווי אָפּט מאָל אויף דעם שטיין און געקוקט ווי דער ווינט מוטשעט די געצעלטן, ווי ער שאָקלט און רייסט זיי, גלייך זיין איינציקער צוועק וואָלט געווען זיי איבערצוקערן. מיר האָבן זיך נאָך מער איינגעהילט אין די דעקן, זיי געצויגן נענטער צום קערפּער, זיך צו־געהערט מיט אַ געוויסער שאָדנפרייד צום גערויש פון ווינט און פון גע־שמיסענע געצעלטן. אַ טונקעלער קאַלטער וואָלקן האָט זיך געשלעפּט אויף יענער זייט באַרג אַ פאַרוואָלגערטע מיט פון ווינט און רעגן אָפּגעריבענע מצבות. אויב מען ווייסט ניט אַז דאָס איז אַ צווינטער קאָן מען מיינען אַז עמעצער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון אַן איבערגעלאָדענעם וואָגן שטיינער

כדי דעם פערד זאָל זיין לייכטער אים ארויפצוציען. אויף דעם שפּיץ בארג האָבן זיך באוויזן צוויי סילועטן מיט א טראָגבערעט, געגאנגען דערמיט לענגאויס דעם בארג רוקן, פארביי דעם בית־עולם זענען זיי שטיין געבליבן, אויסגעגראָבן א גרוב, אראָפּגעלאָזט דעם מת, צוגעדעקט מיט דער אויסגעגראָבענער ערד און אוועק ניט לאָזנדיק קיין שום צייכן אויפן קבר.

— ווייזט אויס אן אין חרם געוואָרפענער, האָט געזאָגט יאנקעלע.

— וואָס פּלוצעם?

— אויך ביי אונדז אין שטעטל איז געווען א קבר חוץ דעם בית עולם... ס׳איז א גרויזאמע שטראָף... אליין; איינער אליין.

זיין פילאָזאָפיע האָט זיך מיר געדאכט א משונהדיקע. „א זעלטזאמע ווי ער", האָב איך געטראכט. איינגעהילט אין א דינער דעק מיט דעם פארלוירענעם בליק ערגעץ אויף יענער זייט טונקעלן קאלטן וואָלקן האָט יאנקעלע אויסגעזען ווי א זאק, וועלכן דער ווינט האָט פארטראָגן צווישן די בערג, פארוואָרפן אין איינעם פון די פרעמדע אָפּגרונטן. „היילן און געשפּענסטער טאָלן זענען פאראן ניט ווייט פון שטעטל אין וועלכן ער איז געבוירן. פארוואָס האָט עס אים געמוזט פארטראָגן אזוי ווייט?" האָב איך זיך אליין געפרעגט און פארשטאנען אז די שטראָף איז באמת א גרויזאמע. אזוי האָב איך מיר מיט יאָרן שפּעטער פאָרגעשטעלט אליאָשאן. אין וואלד איז ער אָנגעקומען נאָר הויט אוןביין ווען ס׳איז אים געלונגען אנטלויפן פון געפאנגענען־לאגער. איבערצייגט אז אין וואלד וועט ער געפינען א מקלט, האָט ער אים געפונען. מיר האָבן אים באגעגנט, געמיינט ער וועט ניט איבערלעבן, זיין „ניטשעוואָ פּאָפּראוויליוס", האָט זיך ארויסגעוויזן אלס צווייטע איבערצייגונג וועלכע די נאטור האָט באשטעטיקט. ער איז געזעסן מיטן רוקן צום אָפּגרונט און גערייניקט די ביקס. פון דאָרט דראָט קיין געפאר ניט. מיט דער דעק אויף די פּלייצעס האָט ער אויסגעזען א בערגעלע ערד, אָדער איינער פון די פעלדזנשפּיצן. ביז איצט ווייס איך ניט אויב עמעצער האָט געצילט דאָס ערד־בערגל, צי דעם פעלדזנשפּיץ, צי ער האָט פּשוט פארלוירן אין א רגע דאָס גלייכגעוויכט, כ׳ווייס נאָר אז איך זע אים אין דער טיפעניש פון אָפּגרונט איינגעהילט אין דער דעק מיט די פיס אונטער זיך קוקנדיק לענגאויס דעם בארג־דעפילע, צו די פעלדער וואָס זענען ענלעך, דאָרט ווי עס הויבט אָן דער האָריזאָנט, צו די סטעפּעס אין וועלכע ער איז אויסגעוואקסן.

— טשעפּעסט זיך צו איינצלהייטן, שימשעלע. ס׳וויל זיך מיט אים שלום מאַכן.

— ביסט אפשר גערעכט, ענטפערט ער לאַכנדיק. זיין געלעכטער האָט פאַרלוירן די אַמאָליקע מאָדנעקייט.

אָנגעטאָן איז ער אין אַ בלויען אַנצוג מיט אַ זילבער־פּאָדעם אָן עטוואָס צו גרויסער, אַ קאַפּעליוש מיט ברייטע ראַנדן, עטוואָס צו ברייטע, אַ ווייס העמד אַלץ פינקלט ריין, עטוואָס צו ריין, זעט עס אויס ווי אומיס־טן, ווי עמעצן אויף להכעיס.

— אַ גרויסער?

— איך ווייס ניט.

— אינפאָרמאַציע ביוראָ, דער חבר האָט קיין דאָקומענטן ניט...

— אהא! דער אַנשטאַלט.

אַ קיל ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן צווישן אונדז האָב איך זיך דער־שראָקן. געקומען איז ער אומדערוואַרט, שוין אַ לאַנגע צייט אַז כ׳האָב צו יאַנקעלען ניט געטראַכט און פּלוצעם איז דאָס קאַלטע ווינטל אויסגע־וואַקסן ווי אַ מויער און ער פאַרשווינדט אויף דער אַנדערער זייט אויף אייביק, האָב איך זיך געאײַלט אים צוריקצובריינגען, אים אויפצוהאַלטן.

— וואָס שטייען מיר אויף דער גאַס? קום צו מיר.

— צו מיר, הייסט עס שוין איינגעאָרדנט דעם „שע סאַא״? פרעגט ער עטוואָס סאַרקאַסטיש, גיט אָבער תיכף צו: ס׳איז נאָר אַזוי אויף ניט צו פאַרגעסן אויף דער וועלט געקליבענע אויסדריקן. אַ רגע, איך זאָל נאָר אַ נעם טון מיין באַגאַזש.

פון אינפאָרמאַציע ביוראָ טראָגט ער אַרויס אַן אומגעהויער גרויסן טשעמאָדאַן. כ׳וויל אים העלפן, לאָזט ער ניט.

— ניט פאַרלירן די געוווינהייט, זאָגט ער אָפּשטויסנדיק מיין האַנט מיט אַ געוויסער ברוטאַלקייט. כ׳ווין ניט ווייט פון אַרבעטספּלאַץ. מיר גייען און שווייגן. איך, כדי ער זאָל פאַרשטיין אַז כ׳אײַל זיך ניט, אַז מיין צייט איז ניט באַגרענעצט. ער, אפשר איבערפּרווט ער, אפשר זוכט ער די גע־וויסהייט פון ווידערבאַגעגעניש, די אוודאיקייט פון ווידערגעפינען. ביים אַריינגאַנג נעם איך דעם טשעמאָדאַן וועלכער דאַכט זיך אַ צו שווערער. ער פּראָטעסטירט ניט, ער שמייכלט נאָר. ער איז מיט אַ געוויסער איראָניע מס־כים אַז אַזוי דאַרף זיין, אַזוי פירט זיך די וועלט, אַזוי נעמט מען אויף אַ גאַסט.

כ׳האָב איין צימער. דעם באַגאַזש שטעל איך אַוועק אין אַ ווינקל און פרעג צי ער וויל ניט מאַכן אַ דוש. ער ענטפערט מיט אַ וויכן אָפּזאָג.

ניין, ער וויל ניט. טוט אויס דאָס רעקל און זעצט זיך אויף איינעם פון די דריי בענקלעך וואָס נעבן טיש. כ׳ברענג צוויי גלעזלעך און א פלאַש פלוימען־בראָנפן. ניט וואַרטנדיק אויף קיין איינלאַדונג גיסט ער די משקה אין די גלעזער. א גערוך פון פרישער „צואיקע" פולט אָן דאָס צימער און טענעגראָ קרומט די נאָז.

— האָסטו נאָך, הייסט עס, פארכאַפּט א שטיק פון דער צייט אין וועלכער „דאָס לעבן האָט א זין און די ווערטער זייער אינהאַלט".

א כמאַרעלע באַשאָטנט זיין פנים, ער טרינקט אויס דעם בראָנפן אָן אָטעם־איבעררייס, מאַכט אַוועק מיט דער האַנט, — ווייס איך ניט צי איז עס ווייל ס׳געפעלט אים ניט די „צואיקע" אָדער ווייל כ׳האָב ניט שווינענדיק דערמאָנט אין יענע צייטן — גלייכט אויס די פּלייצעס, זעט ער אויס אימפּאָזאַנט כמעט א מאָנומענט.

— כמעט א יאָר, ענטפערט ער ציענדיק די ווערטער און מיר דאַכט זיך אז ער איז אַוועק, געבליבן א צייט ערגעץ אין יענעם יאָר און קערט זיך לאַנגזאַם אום אין ריטעם פון ענטפער און פון דער צייט. יאָ, א יאָר.

— א לאַ גער, קאָם א לאַ גער.

— א פּאַסקודנע געשיכטע. דער טייוול זאָל זי נעמען, די מלחמה, זאָגט ער לאַכנדיק און זיין געלעכטער איז ווייטער א משונהדיקס, א זעלטזאַמס. הער נאָר אויס א מעשה, זאָגט ער פּלוצעם ווי גלייך ער וואָלט דערוואַכט פון א מיאוסן חלום. געווען איז עס שוין גאָר נאָענט צום סוף. פאַר דעם אַראָפּלאָזן פון פאָרהאַנג. די וועלט האָט שוין געוואַרט אויף די לעצטע סאַלוועס, אויף דעם פייערווערק, באַגעגן איך אַן אָפיציר. שוואַרצבערג, פרעגט ער, דו וועסט ניט בענקען? — נאָך וועמען? — נאָך דער מלחמה. די אידיי, זאָגט ער, אז זי האָט עטוואָס אַזעלעכס וואָס לייטערט איז ניט אינגאַנצן זינלאָז. — ביסט משוגע? פרעג איך אָן אויפגעבראַכטער. — שאַ, זאָגט ער, באַרואיק דיך. טראַכט אַביסל טיפער וועט דיר איבערגיין דער כעס. ס׳איז אוממעגלעך אז נאָך אַזויפיל צייט זאָלסטו זי אינגאַנצן ניט פאַרשטיין. ס׳איז א פענאָמען... כ׳גלויב קוים אז דו האָסט ניט געפילט דעם אמתן טעם אירן. — דעם טעם פילן, זאָג איך, וואָס דו רעדסט? כ׳האָב זי געפרעסן מיט א פּאָלאָניק. — לאָז אָפּ חכמות. ס׳איז דאָך פראַכטפול. וואָס פאַר א מאַסן, וויפל מאַטעריאַל, געוואַלטיקע מיל־שטיינער וועלכע באַוועגן זיך אין פאַרשידענע ריכטונגען. כ׳האָב געטראַכט אז די מלחמה האָט אים גערירט פון זינען. דערנאָך זיך דערוווּסט אז ער איז די גאַנצע צייט געווען שטאַבס־אָפיציר. אז אין דער ערשטער ליניע

איז ער געווען אין גאנצן איין מאָל און יענץ מאָל אויך אויף דעם באפעל פון א משוגענעם גענעראל. איין גליק האָט ער געזאָגט וואָס איך בין גע־גאנגען הינטער אים. א קערפערלעך גרויסער, דער גענעראל, האָב איך זיך הינטער אים געפילט געשיצט.

— זעסטו, אזוי ווערן געבוירן די גרויסע אידייען. כאָטש אזוי, מוז מען צוגעבן אז זי האָט איר אייגענעם רייץ. קליינע אָדער גרויסע צייכענען די פראָעקטילן קלאָרע טראַיעקטאָריעס.

געענדיקט די געשיכטע און שווייגט.

— נו? ס׳וויל זיך מיר וויסן מער וועגן אים.

— וואָס זענען דאָס פאר א איינזילביקע, דענערווירנדיקע פראגעס? ער גיט א שטויס מיט כעס דאָס גלעזל ביז דער מיט טיש. דארפסט זיך אומקערן אין ביורא? פרעגט ער אונטערשטרייכנדיק איראָניש דאָס לעצטע וואָרט. איילסט זיך?

— איבערהויפט ניט. צייט האָב איך גענוג, זאָג איך אים און לאַך.

—וואָס־זשע לאכסטו? עפעס צו נעמען אין מויל געפינט זיך ביי דיר? דער שטינקענדיקער בראָנפן קריכט אין קאָפ.

— דעם אמת זאָגנדיק, ניין. אָבער דאָ ניט ווייט איז א קאנטין.

מיר האָבן זיך אומגעקערט א צייט נאָך דעם צופאלן פון דער נאכט. כ׳האָב ניט געפרעגט פון וו ער קומט, וואָס ער האָט בדעה. נאָך מיטאָג האָבן מיר שפאצירט ער זאָל זען די שטאָט, מענטשן. האָבן אָבער די פאר־בייגייער גיכער אונדז געזען. העכער מיט א קאָפ פון יאנקעלען איז ניט שווער צו זיין. זיין גאנג, זיינע קליידער האָבן זיך אויך געוואָרפן אין די אויגן. עטוואָס צו פון „קעסטל ארויס״. אייניקע האָבן אונדז צוגעשמייכלט, מיר האָבן געענטפערט מיט לייכטן חוזק, פארגעסן די עלטער, פארגעסן אז מען טראָגט אויף די אקסלען דעם גורל פון דער וועלט. אריין אין צימער האָבן מיר געפילט אן אָנגענעמע מידקייט. דאָס מאָל האָט ער פון א דוש זיך ניט אָפגעזאָגט.

אין צימער האָב איך נאָר איין בעט, מיר ווייסן אָבער אז די דאָ־זיקע נאכט איז ניט צום שלאָפן. א צייט זענען מיר געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער, א שעה, אפשר צוויי. א דורכזיכטיקער נעפל האָט זיך אראָפגעלאָזט איבער די גאסן. פון צייט צו צייט רויטלען ווייטע טראמוואי בליצן, זעט עס אויס ווי שרפות וואָס צינדן און לעשן זיך. שווארצבערג איז אָפּוועזנד. דאָס נאכטווינטל בלאָזט אויף צייטשטרייפן פון אונדזער צוזאמענזיין כ׳ווייס ניט צי יאנקעלע זעט זיי. אפשר זעט ער

גאַרניט. אפשר איז ער איינגאנצן ערגעץ אנדערש. א שווייגנדיקער לייגט ער זיך שלאָפן. נאָך א צייט גיי איך אויך לאנגזאם אין בעט, מיר דאכט זיך אז ער איז איינגעשלאָפן.

— אזוי ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט בין איך אָנגעקומען אין שטעטל קאיאַר. כ׳האָב נאָך געטראָגן די אוניפאָרם. אָן עפּאָלעטן האָט זי געקאָנט אויסזען ווי א ציווילער קאָסטיום ווען ניט די שפּורן וואָס זיי האָבן געלאָזט אויף די אקסלען. אלץ איינס, אָן אנצוג. צו אונדזער הויז האָב איך זיך געשלייכט דורך הינטערגעסלעך. קיינעם ניט געוואָלט באַגעגענען איידער איך זע די משפּחה. אין דער פרימאָרגן שטילקייט, א געבאָדענע אין טוי, האָט די שטוב אויסגעזען א פרעמדע. א האלבער דאך באדעקט מיט שינדל, די אנדערע העלפט מיט טשערעפּ, דער גאנעק געפלעקט, דער קאשטאנען־בוים ניטאָ. אין קאָנטראָל־רעגיסטער אָנגעמערקט ביי דער רובריק „אומבאקאָנטע לאגע״, האָב איך א טראכט געטאָן: ווייזט אויס באָמבארדירט. ווען, פון וו האָט דער אלטער גענומען כוחות און מיטלען אויף צו פאררעכטן? אויף דער טיר איז אויסגעוואקסן א פרעמדער, א קוק טון ווער דרייט זיך אין הויף אזוי פרי. כ׳האָב פאַרשטאנען. זיי זענען פארשוואונדן. זיי האָבן אויך באצאָלט.

קוים ער רעדט. נאָך יעדן וואָרט א פויזע. עס שיינט מיר אז ער לאָזט יעדן וואָרט צייט צו מאטעריאליזירן זיך. די שטימע א טרוקענע פליסט דורך א גליענדיקן פילטער. איבערהיצט איז אויך זיין אָטעם.

— באצאָלט, פארוואָס? פרעג איך און עס טוט מיר באנג. ניט געדארפט מפסיק זיין. און די פראגע האָט קיין זין ניט.

ער הויבט זיך אויף. אָנגעשפּארט אויף אן עלנבויגן קוקט ער מיך אָן א פארוואונדערטער. ער זעט אז ס׳טוט מיר באנג, אז איך האָב חרטה וואָס שטעל ניט דורכגעטראכטע פראגעס, ציט זיך אויס מיטן פּנים צו דער סטעליע מיט א צוגעקאָוועטן בליק צו צוויי קליינע שווארצע פלעקן וואָס זענען אוים ווי בלינדע שווארצאפּלען.

— כ׳האָב געפאָדערט מיין רעכט, ווי אויף להכעיס האָב איך געפאָדערט די שטוב וועלכע כ׳האָב געדארפט אויף כפּרות. איינגעשפּארט, פארביסן גלייך ווי דאָס וואָלט געווען מיין „רעזאָן ד׳ עטרע״. קיין ארגומענטן, קיין פּלעדאָאריע. אלץ האָט מיר אויסגעזען איבעריק. כ׳האָב געהאלטן אז ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג. יעדער קעגן־ארגומענט האָט מיך אויפגערעגט, ס׳איז מיר אויסגעקומען גלייך מען וואָלט פון מיר חוזק געמאכט מיט א לאָגיק וועלכע מ׳קאָן ניט בייקומען, ווייל אייגנטלעך איז

דער אינסטרומענט דער זעלבער נאָר די שאַרף אויף דער פאַרקערטער זייט.

אין א טאָג האָב איך באַשלאָסן מער צו די אָפּיציעלע אינסטאַנצן ניט צו גיין. איך בין גלייך אוועק צום וואָקזאַל און אַריינגעזעצט זיך אין א צוג. כ׳ווייס ניט ווו און ווען איך בין איבערגעשטיגן, ווי לאַנג איך בין געפאָרן מיט פראַכטוואַגאָנעס, אין ערשטער קלאַס, אויף די טרעפּ, צי אויפן דאַך. די גאַנצע צייט האָט זיך מיר געדאַכט אז כ׳בין אויפן זעלבן פלאַץ. מענטשן, געשרייען, קללות, געגנטן, אַלץ איז געווען באַקאַנט און איינצייטיק פרעמד. כ׳בין אָנגעקומען קיין בערלין...

שוואַרצבערג האָט דערציילט מיט דעם זעלבן כמעט מאָנאָטאָנען פיבער, דער קריג און זיין ענדע האָבן באַקומען א נייעם פאַרמעסט, א נייע מאָס. דער קאָמישער העלד פון די גרויסע קאַטאַקליזמען אין צו גרויסע קליידער, וואָס פלאָנטערט זיך אין אייגענעם שינעל, אין צו גרויסע שטיוול, וואָס שלעפּט נאָך זיך א צו לאַנגע ביקס, איז ניט מער ווי א מיאוסע אויסטראַכטעניש. דאָס קליינע, געמוטשעטע, צעבראָכענע, אויף שטיקלעך צעריסענע קערפּערל האָט דערהויבן די טראַגיק ביז צו דער דריטער פּאָטענץ, די אומבאַהאָלפנקייט צום אינפיניט, אן אוניווערסאַלע פוסטקייט, אָן געטער און אָן אשמדאי׳ס.

— כ׳בין געשטאַנען צווישן חורבות. אָט דאָ האָט מיך געפונען די ענדע פון קריג, צווישן די זעלבע חורבות. זיי האָבן מער ניט געריכערט. באַדעקטע מיט א דיקן שטויב זענען זיי געווען טויטע. דער שטויב, וועלכן מיר האָבן אויפגעווירבלט האָט זיך איבער זיי אַראָפּגעלאָזט, צוזאַמען מיט די פייערן האָט זיך געלייגט דער זיגשטורם. אָדער פאַרקערט. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט אז עמעצער זאָגט כאַן בוכין. א שרעקלעכע פעסטשטעלונג וועלכע קומט שטענדיק צו שפּעט. נאָך דעם וואָס די טרערן האָבן זיך באַוויזן. א פעסטשטעלונג פון מאַכטלאָזיקייט פון אומבאַהאָלפנקייט. צווישן די שטיין געבליבענע ווענט, פון אונטער די טרימער־בערג האָט זיך געהערט א געוויין. פון א גרוב האָט זיך באַוויזן א קאַפּעליוש און נאָך אים אן עלטערער מענטש מיט צוויי טשעמאַדאַנעס. ער איז אפנים געגאַנגען זוכען א רואיקער פלאַץ. האָב איך אויסגעשריגן: „העי״, ער זאָל וויסן אז ער איז ניט אליין, אז נאָך עמעצער איז דאָ. איז מיין קול געקראָכן צווישן ווענט־לעכער, זיך דערווייטערט און צוריקגעקומען פון אן אַנדער קוואַרטאַל פאַרפּילפּאַכט ווי א דונער מיט א שרעקלעך ברויזן, דער אַלטער האָט זיך דערשראָקן, איבערגעלאָזט די וואַליזעס און

אנטלאָפן. פארשווינדן צווישן די חורבות. כ׳האָב געוואַרט א שעה, צוויי, דריי. כ׳האָב געהאָפט אז ער וועט זיך אומקערן, כ׳האָב געמיינט אז ער שפּאַצירט מיך א ניט ווייט באהאלטענער. פלוצעם האָט מיך אָנגעכאַפּט א אומפארשטענדלעכער כעס, האָב איך זיך נוקם געווען, גענומען די טשע־מאדאנעס און אוועק. פון דעמלט וואנדער איך אָן א ציל. ווי דו זעסט איז געבליבן ניט מער ווי איינער פון זיי.

מיט א צוגעקאָוועטן בליק צו די צוויי קליינע פלעקן וואָס אויף דער סטעליע, בלייבט ער ליגן א פארשטומטער. די געשיכטע האָט גענו־מען א סוף.

— איצט וועסטו בלייבן דאָ, זאָג איך און מיינע ווערטער זענען מער א מסקנה פון מיינע אייגענע געדאנקען. ווען כ׳האָב זיי דערהערט האָט מיך שאָקירט זייער פשטות. די מסקנה שיינט מיר די בעסטע.

— ניין, זאָגט טענעגראָ, איז עס אויך א סך־הכל, אָבער א מער אנטשלאָסענער. כ׳קאָן ניט. די באן גייט אָפּ ניין א זייגער.

— וווהין?

— כ׳ווייס ניט. מיינסט אז ס׳איז טאקע אזוי וויכטיק?

איצט זענען מיר אויפן וואָקזאַל. ער ביי דעם פענצטער פון וואַגאָן און איך אויפן פּעראָן. ביידע שמייכלענדיקע. דער צוג רירט זיך פון פלאַץ און זיין בליק ווערט א טרויריקער ווי דעמלט אין „קארעי״. (אוי, דער קאריי!).

כ׳פרעג מיך צי לעבט דער לערער, אפשר וועט ער אים נאָכאמאָל רופן אין א זונטיק קלויבן געלע שוועמלעך אין וואלד, אפשר וועט ער אים נאָכאמאָל דערציילן וועגן מזלות און איבערהויפּט איבער די פון משונעים...

טענעגראָס קבר איז געבליבן נעבן טויער פון א לאגער אויף איי־נעם פון די אטלאס ווערסאנטן, דאָרט וו עס הויבט אָן א נאקעט פלאכ־לאנד...

# פון דער ערד שפּראָצט רעגן

שוין דעם דריטן טאָג שיט א קאַלטער רעגן. געוועד, פּאַטראָנען, האַנט־גראַנאַטן, שפּרענגשטאָף געוויקלטע אין גוטאַפּערקע ליגן טרוקענע נעבן שטאַם פון אַן אַלטער יאָלקע מיט געבויגענע, געדיכט באַוואַקסענע צווייגן וואָס זעט אויס ווי א געצעלט. איינגעהילט צו צווייַ אין אָפּגע־ריבענע דעקן, זיצן דרייצן מענטשן און קוקן ווי עס קאַפּעט פון סאָסנע־בלעטער. ציילן די טראָפּן ביז דריי מאָל הונדערט און דערנאָך ווידער פון אָנהויב.

קאָסטיא הויבט זיך אויף מיט אימפּעט און לאָזט זיך ערגעץ מיט געאײַלטע טריט. די איבעריקע פאָלגן אים נאָך מיט די בליקן. שווייגן, קוים זיי שמייכלען. מ׳וואָלט געקאָנט זאָגן דעריבער א וויץ, איז אָבער דער רעגן אזא געדיכטער און די ווערטער אזעלכע מגושמדיקע אז זיי קאָנען אים ניט דורכדרינגען, בכוח זענען עס העכסטנס די בליקן אָדער שפּיציק בייזוויליקע שמייכלען.

קאָסטיא פּאַרשפּעטיקט, ציילן מיר ווידער. ביי איין מאָל הונדערט און דריי און אכציק וואַקסט ער אויס מיט א בינטל שפּענער, אָפּפאַל און גרעסערע צווייגן. זעצט זיך אויף די קני און בויט מיט שנעלע באַוועג־גונגען אַן אַזקעטיש־ליליפּוט־פּיראַמידע מיט לעכער און הוילקייטן דורך וועלכע עס גנבעט זיך אריין א ווירבל ווינטעלע. פאַרכאַפּט פון דאָרפּסט־יינגס געשיקטקייט פאַרגעסן מיר ציילן, קאַפּען די טראָפּנס ניט געציילטע.

— וואָס האָסטו בדעה? פרעגט דער קאָמענדאַנט. אייגנטלעך ווייסט ער אַז קאָסטיא וויל אָנצינדן א פייער, טרוקענען די קליידער, אויספּאַרען די דעק. דער קאָמענדאַנט קאָן זאָגן ניט מער ווי „לאָז דיך אָפּ" און אַלעס וועט נעמען אַן עק. דאַכט זיך אים, ווייזט אויס, אַז ס׳איז ניט פּעדאַגאָגיש

(דער קאָמענדאַנט איז א לערער), אפשר וויל ער אויסמיידן מיליטערישע שטראַמקייט אין די באַציונגען מיט די אונטערגעאָרדנטע (עטלעכע מענטשן אין וואַלד זענען ניט אין רוקן פון שונא, זיי זענען אין צענטער פון שונא), ווער ווייסט וואָס פאַרא געדאַנקען עס פּלאָנטערן זיך אין די געהירן פון א מענטשן וואָס געפינט זיך דריי טעג און צוויי נעכט אין רעגן און שלאָפט זיצנדיק. אפשר פּלאָנטערן זיי זיך גאָרניט, אפשר זענען זיי ניט מער ווי א טראַנספּאַרענט וואַלקנדל וואָס שוועבט אויף דער געהירן אויבערפלאַך ווי א כמארע פליגעלעך אין א וואַרעמען האַרבסט־טאָג. קלאָר איז איינס: „לאָז דיך אָפּ", האָט ער ניט געזאָגט.

— א פייער צינד איך, ענטפערט קאָסטיא, און ביי אלעמען ציטערן אויף די נאָזלעכער באַרירטע פון דער וואַרעמקייט וואָס שפּאַרט פון שייטער.

— דער רויך, זאָגט דער קאָמענדאַנט.

— ווען עס רעגנט הויבט ער זיך ניט.

— האָסטו דיר א נייעס! צוויי דערפאַרונגען ראַנגלען זיך שטום. איינע האָט די אויבערהאַנט פון טשין.

— ער קריכט און פולט אויס דעם טאָל, זאָגט דער קאָמענדאַנט. באַזייטיקנדיק דעם ראַנגפאַרטייל, בלייבט ער ווייטער דער ערשטער צווישן גלייכע. דער רעגן לאָזט זיך ניט באַאיינדרוקן, ער שיט ווייטער מיט דער זעלבער אינטענסיווקייט, ווייס איך ניט צי דערפאַר ווייל ס'איז פאַר אים קיין נייעס ניט, אָדער גאָר ווייל עס אינטערעסירט אים ווי דער פאַריעריקער שניי.

— גישע, אין א שעה אַרום אין וועג אריין!

הייסט עס איינער גייט. נאָר איינער, די איבעריקע בלייבן דאָ און וועלן ווייטער ציילן די טראָפּנס, צוויי אָדער דריי מאָל ביז הונדערט נאָך דעם ווידער פון אָנהויב. א נודנע פּערספּעקטיוו.

— ווער וויל אים באַגלייטן? איך אײַל זיך אויפצוהויבן די האַנט, ס'וויל זיך מיר ניט בלייבן אליין אונטער דער נאַסער דעק.

„איך אַנטלויף פון רעגן" בויערט א געדאַנק, איז עס אָבער צו שפּעט. כ'פיל ווי עס פאַרכאַפּט מיך א בושה, עס דאַכט זיך מיר אז ס'איז ניט לאָיאַל פון מיין זייט, ניט קאַמעראַדשאַפטלעך, גלייך איך וואָלט פאַרלאָזן א פריינט.

— שששששש, פּרוּווט דער רעגן מיך באַרואיקן. גיי איך הינטער גישען, ער א ברוגזער וואָס ער קאָן זיך ניט דורכגנבענען צווישן די רעגנטראָפּנס און איך גאָרניט, צוויי שלוחים, איינער פון קאָמענדאַנט און איך פון דעם האַרבסט־רעגן וועלכער האָט אָנגעהויבן מיט זיבן יאָר צוריק

אויף א שמאָל געסל וואָס פאַרלירט זיך אין ברייטן האָטעל דע וויל־פּלאַץ פון גרויס פּאַריז.

— ששששש, פּרווט דער רעגן מיך בארואיקן. אייגנטלעך איז ער גערעכט. יעדעס מאָל ווען ער האָט געוויינען, איז דער ויכוח געפירט געוואָרן אין באַדינגונגען פון אבסאָלוטער גלייכקייט: איך אונטער א דאַך (אָדער גאָר אין א וואַרעם צימער) און ער, דער רעגן אין נאַקעטן דרויסן. ער האָט גערעדט דורך דעם פענצטער (אָן אָפּנס אָדער א פאַרמאַכטס), פאַלנדיק געשוישקעט זיין שטאַנדפּונקט. אין מאָמענט אין וועלכן ער האָט מיך איבערציייגט האָב איך אים מער ניט געשענקט קיין שום אויפמערקזאַמקייט, אוממעגלעכס האָב איך פון אים ניט געקאָנט פאָדערן, אזוי אז איך פלעג אים באַהאַנדלען ווי יעטוועדער. ווען איך פלעג מיך געפינען אין אים, איינגעשלאָסן אין זיין שטילן ציטער, האָט דער שמועס סיווי זיך ניט געקאָנט אַנטוויקלען אין גלייכע באַדינגונגען. כ׳האָב אים ניט געהאַט וואָס פאַרצוואַרפן. פאַרקערט. דער כבוד וועלכן איך בין אים שולדיק איז א זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. דער קוואַל פון רעספּעקט ליגט ווייט. פון דעמלט שטאַמט מיין געפיל, און איך מיין אז אויך פון דאָרט דעם רעגנס ששששש.

דריי, מיט פּאָליציי באַזעצטע, קאַמיאָנען האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג, בין איך ניט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט. כ׳האָב געפילט ניט געבעטענע וועכטער ביי מיין צוקאָפּנס און ניט געקאָנט איינשלאָפן (א קייסער אָדער א מלוכה־מענטש וואָלט מן־הסתם גרינגשעציק געלאַכט אָדער אפשר נאָר געשמייכלט: „ס׳איז קיין מאַטעריאַל ניט״. דאָס איז דער ריינער אמת, כ׳האָב ניט דעם נויטיקן שטאָף. כאָטש ביי זיך פיל איך זיך צומאָל אימפּעראַטאָר). אינדערפרי איז דער מעטראָ ניט געפאָרן. די צייטונגען האָבן דערציילט וועגן א מעתלעתדיקן פּראָטעסט־שטרייק, אויב כ׳האָב קיין טעות ניט האָבן זיי דערציילט אויך וועגן א מיטינג. דאָס איז געשען מיט זיבן יאָר צוריק. זיבן יאָר איז ניט קיין סך, אָבער אין יענער צייט זענען געווען אומצאָליקע שטרייקן און אויך אזוי פיל פּראָטעסט־מיטינגען, פאַרמישן זיי זיך אין זכרון. ס׳איז געווען אין יאָר 37׳ דעמלט ווען אין קלישי האָט מען געשאָסן אויף א מיטינג און ס׳האָט זיך געענדיקט מיט טויטע און פאַרוווּנדעטע. געשאָסן האָט די זעלבע פּאָליציי וועלכע כ׳האָב באַגעגנט מיט אַן אויפדערנאַכט פריער זיצנדיק אויף בענק אין שוואַרצע קאַמיאָנען. מענטשן האָבן פאַר־

פלייצט די גאסן און די בולווארן, איבערפולט בעלוויל, פּאַרמאַנטיע, זשיול פּערי און ווער ווייסט וויפל נאָך. איך האָב זיך גערעכנט אלס א בעלווילער, כאָטש געוווינט האָב איך נענטער צו פּאַרמאַנטיע. בעלוויל האָט מיר געקלינגען ברייטער, לופטיקער. אויף די פּלעצער און סקווערן איז געווען קאָנצענטרירט פּאָליציי. אנדערע, מער ווי אויסצופולן דריי קאַמיאָנען. געשטאַנען זענען זיי, אויף מיליטעריש לשון, אין רו־צושטאַנד, דאָס הייסט יעדער ווי עס וויל זיך אים: אָנגעשפּאַרט אין א בוים, מיט די הענט אויפן הינטן, דערציילנדיק עפּעס, וואָס רופט ארויס א צו הילכיק און ניט צו קלוג געלעכטער. אלע מיט גומי קניפּל. אויף א באַפעל האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין פירעקיק אויסגעשטעלטע איבערגעפּרעסענע מאַנעקינס אין שווארצע מונדירן. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט אז די פּעסט אָנגעצויגענע מונדירן און די עטוואָס צו אויסגעצויגענע הויט אויף די קיילעכדיקע פּנימער וועלן אָט, אָט פּלאַצן און זיי וועלן צוזאַמענפאַלן ווי אויסגעבלאָזענע גומי־פיגורן. זיי האָבן אָבער ניט געפּלאַצט און איך בין ווידער ניט געשלאָפן די גאנצע נאַכט. דאָס מאָל ווייל זיי זענען געווען צופיל, זייער א סך. ווי נאָר כ׳האָב פאַרמאַכט די אויגן האָבן זיי אָנגעהויבן פּלאַצן, אָבער אייגציקווייז, און אויפן אָרט פון איינעם א געפּלאַצטן זענען אויסגעוואַקסן צען מיט שוידערלעכע פּנימער.

אויף מאָרגן אין א שמאָל געסל וואָס שפּרודלט אָנהויבנדיק פון האָטעל־דע־וויל און פאַרלירט זיך אומדערוואַרט אין פּלאַס־דע־לאַ־רעפּובליק, האָט אראָפּגענידערט א נאַסער נעפּל און זיך פאַרוואַנדלט אין א דריבנע רעגנדל. איך האָב געזען ווי דאָס רעגנדל גרייכט ביז צו די פרישע קברים, ריזלט ביז צו די מיט צוויי נעכט צוריק דערשאָסענע, וואַשט ניט זייערע וווּנדן נאָר מישט אויס זייער בלוט מיט אויפגעווייכטער ערד, ווערט דאָס בלוט נאָך קלעפּעדיקער. אנדערש קאָן ניט זיין. שיט דאָס רעגנדל און פאַרכאַפּט די וועלט אזש ביז די טראַנשייען וואָס אויף יענער זייט בערג, דאָרט ווו מיינע עלטערזיידעס האָבן אָפּגעגעבן א שבועה, אז זיי און זייערע קינדסקינדער וועלן אויף זיי מער קיין מאָל ניט קלעטערן. כאַפּט מיך אָן א געוואַלדיקער טרויער. קריך איך אראָפּ פון דער דאָפּלטער מאָלער־לייטער און דערנענטער זיך צום פענצטער. איז מיין בליק אזא פינצטערער אז דאָס רעגנדל קאָן מער ניט בלייבן גלייכגילטיק און הויבט אָן גיסן. ס׳האָט באַמערקט אין מיינע אויגן פאָרוואורף און צאָרן וועלכע איך האָב ניט געזען, ווייל איך האָב געקוקט דורך דער שויב ניט אין איר אייגענער טיפקייט. ס׳איז מיר ניט געווען צום שפּיגלען זיך.

— וואָס קוקסטו אזוי? האָט געפרעגט דער רעגן.

— איך באַוווּנדער דיך, האָב איך געענטפערט סאַרקאַסטיש ניט ווילנדיק פאַראַטן די פאַרביטערטקייט.

— אזוי פאַרכמורעט? האָט זיך אויפריכטיק געוווּנדערט דער רעגן. באַוווּנדער מיך אויף מיין זייט. ס'האָט אויסגעזען א שפּאַסיקע סוגעסטיע, כמעט ווי א מיידלשער פלירט, א צופעליקער, א זייטיקער. אפשר איז עס טאַקע געווען ניט מער. וואָס ווייסט דער רעגן? ער קען זיך אלס אזעלכן, ער קומט זיך פאָר ווי א בלאָק, אזוי ווי די בערג, דער ים, ווי א טשערעדע בופלאָקסן אָדער עלפאַנטן, ווי א מיליאָנען מאַניפעסטאַציע, א בלאָק אָן אייביק פאַלנדיקער. ניין, דער רעגן איז זיך גאָרניט משער דעם פאַרנעם פון זיין סוגעסטיע און נאָך וויניקער אירע אימפּליקאַציעס. פון וואַנען זאָל ער וויסן? דער גורל פון די טראָפּנס פאַרשאַפט אים ניט קיין זאָרגן, פאַר אים עקזיסטירן זיי ניט ווייל זיי זענען ער אליין. די הויפּטזאַך איז אפשר נאָך אלעמען וואָס איך בין אים דאַנקבאַר. כ'האָב פאַרשטאַנען זיין רוף.

מיין חבר — אויך א מאָלער — האָט געקוקט דערשטוינט ווי איך פאַרלאָז דאָס צימער, ער האָט אַנדערש פאַרשטאַנען די שפּיל פון די רעגנטראָפּנס. ער האָט געהאַלטן אז יעדער טראָפּן איז א רעגן פאַר זיך. „איך דאַרף ניט קיין ריטשקע כדי עס צו פאַרשטיין. מיר איז גענוג א טראָפּן", האָט ער געזאָגט, און איז געבליבן אין צימער. ער האָט וואַרשיינ־לעך ווייטער געמאָלעוועט ווענט און סופיטן. כ'ווייס ניט. טראַכט איך צו מיין חבר פיל איך א ליידיקייט, א פוסטקייט, גלייך ווי דער וואָס איז אוועק איז געווען ער, ניט איך.

כ'האָב פאַרלאָזט דאָס צימער און ווי אין חלום זיך געלאָזט צו די טראַנשייען. דער באַרג אויף וועלכן איך בין אָנגעקומען האָט קיין שוצג־גרובן ניט געהאַט און אזוי איז געווען בעסער. דערוווּסט האָב איך זיך שפּעטער אין א טאָג ווען עמעצער האָט מיך צוגערעדט, ווי איינעם פון די בעסטע זון פון פאָלק — כ'האָב ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס און וויאזוי, מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אז אלע זין קאָנען ניט זיין אַנדערש ווי די בעסטע, ווייניקסטנס ביי זייערע עלטערן, געפרעגט האָב איך אָבער ניט, נאָר גע־פאָלגט — כ'זאָל אַראָפּנידערן אין א טראַנשיי אָן איינגעגראָבענע אין א פעלדז וו עס זענען ניט אזויפיל דערהרגעט געוואָרן פון באָמבעס און שראַפּנעלן ווי פון די שטיינער וועלכע זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון פעלדז. אָבער דאָס איז געשען שפּעטער.

אויף דעם בארג זענען קיין שוצנגרובן ניט געווען האָב איך גע־גראָבן מיט דעם באַיאָנעט אַן אינדיווידועלן טראַנשיי. אַ צו שמאָלער און צו קורצער ער זאָל קאָנען אויפנעמען און שיצן דעם גאַנצן קערפּער פון איין עק ביז דעם צווייטן, פון קאָפּ ביז פיס. דאָס פייפן פון די קוילן האָט געמאָסטן מיין לענג פון בערעט ביז די פאָדעשוועס. האָט זיך מיר מיין לענג אויסגעוויזן אַן אומענדלעכע ווי די מורא. אַז די קוילן האָבן געפייפט בין איך זיכער, כ׳האָב געהערט מיט מיינע אייגענע אויערן זייער פליען, זייער פאַרשידנאַרטיק זשומען, וואָס שיינט ניט צו זיין אַן אָנזאָגער פון אַן אויסגעמיטענער סכנה, און דערפאַר וואַרפט עס אָן אַ גרויזאַמע אָנסופיקע מורא. כ׳האָב איינגעגראָבן דעם קאָפּ און ניט באַמערקט אַז אויף אַזאַ אופן וואַקסט דער הינטן, הויבט זיך ווי אַ מוראשקע־בערגעלע און ווייל ער איז ענלעך צו אַ קוילנוואַרפער־נעסט צילן זיך אויף אים הונדערטער סטוואָלן.

— גבור איינער, וועגן דעם האָסטו ניט געדאַרפט גגבענען גרענעצן און קלעטערן איבער בערג. צו לאַנג דער וועג. עס לוינט זיך ניט ברידערל.

די ווערטער זענען געפאַלן ווי קאַלטע רעגנטראָפּנס. געקוקט האָט ער צו מיר פון אויבן אַראָפּ. אַזוי ווי ער איז געשטאַנען אויף דעם בארג וואָס האָט זיך געטרייסלט ווי פון אַן ערדציטערניש האָט ער אויסגעזען אַ ריז וועלכן ס׳קאָן גאָרניט רירן. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אומבאַגרע־נעצט מיטגעפיל, כמעט ווי די מורא וועלכע איז אַריינגעדרונגען אין אַלע מיינע אברים. נאָכדעם האָט ער באַמערקט עפּעס אַזוינס וואָס האָט פאַראָטן מיינע געדאַנקען, דאָס מיטגעפיל פון זיין שטאַרן בליק איז צו־זאַמענגעשרומפּן און די מורא פון מיר איז אַראָפּגערונען ווי אַ בלוטיקע פליסיקייט פון די עקסטע גלידערשפּיצן צו אַ צענטער ניט ווייט פון נאָפּל, און פון דאָרט אין גרוב וועלכער האָט זי אויפגענומען מיט פרומקייט.

— מער וועל איך ניט, האָב איך געשטאַמלט ווי אַ פאַרשולדיקט קינד און ער — וועלכער האָט געהאַט, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, צוויי נעמען, איינעם אַ שטרענגן, עטוואָס גרויזאַמען, וואָלף אָדער באַצאַר און איינעם וועלכער האָט זיך געקייקלט ווי אַ געלעכטער פּעררי — האָט אַזוי געלאַכט אַז ס׳איז גאָרניט געבליבן פון זיין ריזיקייט. אויס שרעק־אָנוואַרפנדיקער פעלדז, ניט מער ווי אַ כמאַרעלע געררויטלט פון אַ זונען־שטראַל.

כ׳געדענק מער ניט וועלכער פון די צוויי נעמען איז מיר געקומען אויפן רעיון דעמלט ווען מעכעלע האָט פאַרלאָזט דעם פאָרפּאָסטן פון וו

ער האָט געדאַרפט שיצן מיט א מאַשינען־געווער די קאָמפּאַניע, אפשר גאָר דעם גאַנצן פראָנט. ער האָט זיך געאײַלט, קוים די נשמה האַלטנדיק און ניט געוווּסט אַז ס'וואַרט אויף אים דער קורצער סטוואָל פון א גלאַנציקן רעוואָלווער. געוווּסט האָט ער אַז ווען ער איז אַוועק זענען דאָ געבליבן לויטער פרײַנט. זיי האָבן אויסגעהערט א פאַרביקע געשיכטע (אָן אמתע אָדער אָן אויסגעטראַכטע) פון אָן אַלטן סאָלדאַט וואָס האָט דערציילט מיט טויזנט אײַנצלהייטן און פּיטשעווקעס וויאַזוי ער האָט זיך נאָך א דרײַטע־גיקן און דרײַנעכטיקן מאַרש געוואָרפן אָפּקילן דעם גוף אין א וואַ־סער, וואָס האָט זיך אים געדאַכט אַז ס'איז נידעריקער פון אים און אַזוי צעקלאַפּט דעם קאָפּ אין די שטיינער אַז נאָך היינט, נאָך דרײַ מיט האַלבן חדשים, האַלטן אין אײַן וואַקסן די געשווירן ווי הערנער בײַ א לאַם. ער האָט אַראָפּגענומען דעם בערעט און דערזעענדיק די הערנער האָבן אַלע אַזוי געלאַכט אַז זיי האָבן אפילו ניט באַמערקט ווען ס'האָט זיך דערנענטערט דער באַטאַליאָן־קאָמענדאַנט. ער האָט געזאָגט אַז מען דאַרף פאַרנעמען א פאָרפּאָסטן, פון וועלכן מ'זאָל לויערן אויף יעדער באַוועגונג פון פײַנט, כדי ער זאָל ניט אָנפאַלן אומדערוואַרט אויף אונדזערע ליניעס. דאָס וואָרט „ליניעס" האָט געשאַפן א געפיל פון זיכערקייט, פאַרשפּרייט א גערוך פון עכטן כערעס־ווײַן אין א גראָם צימער מיט לעדערנע פאָטעלן, א קײַלעכדיקן טיש פון וועלכן עס שפּאַרט מיט רואיקער חכמה. דאָס וואָרט „ליניעס" האָט מען שוין זייט א לענגערער צײַט ניט געהערט. אָפּטער זענען באַנוצט געוואָרן ווערטער ווי „אײַנגעקרײַזט", „צוריקציען זיך אין אָרדנונג", „ניט שאַפן קיין פּאַניק", ווערטער וועלכע טראָגן אין זיך אומרו, געפאַר, שמעקן מיט רירעוודיקע זאַמדן, טיפע זומפּן, אומענדלעכע נעכט. דאָס מאָל האָט ער געזאָגט ליניעס צוגעבנדיק מיט א ברייטן שמייכל אַז ס'וויל זיך אים ניט באַשטימען ווער ס'זאָל באַזעצן דעם פאָרפּאָסטן, ווײַל באַשטימען וואָלט געקאָנט הייסן אויסוויילן און גלײַכצײַטיק דיס־קרימינירן.

מעכעלע האָט גענומען דעם לײַכטן קוילנוואַרפער און איז אַוועק. איצט האָט ער זיך אומגעקערט אָן אים. ער איז געלאָפן און געפאַלן, זיך אויפגעהויבן און ווײַטער געלאָפן, קוים דערהאַלטנדיק די נשמה, ניט פאַר־שטייענדיק וויאַזוי ס'האָט אָנגעהויבן די שיסערײַ אויף אים און אויף די אַנדערע צוויי וועלכע זענען אַוועק מיט אים צוזאַמען, דווקא פון די אײַ־גענע ליניעס, פון דאָרט ווו עס זענען געבליבן די פרײַנט וואָס ער האָט פאַרלאָזט מיט א פּאָר שעה צוריק. „זיי זיצן און דערציילן מעשות,

פאַרנעמען זיך מיט נאַרישקייטן און באַמערקן ניט אַז דער פּאַרפּאָסטן איז אין געפאַר, אַז ער נויטיקט זיך אין הילף". אויף די ליפּן האָבן געהאָנגען שווערע ווערטער, שווערערע ווי זיין אייגענער קערפּער וועלכן ער האָט קוים געשלעפּט איבער דעם מכשולדיקן פעלד. אָנגעקומען, האָט ער ניט געהאַט אויף וועמען צו וואַרפן די שווערע ווערטער, ווייל אויפן אָרט פון פריינט האָט אים באַגעגנט דער קורצער סטוואָל פון רעוואָלווער, הינטער אים דער באַטאַליאָנס־קאָמאַנדיר וועלכער האָט געשריגן: „כ'וועל דיך דער־שיסן, מנוול אייגער, דערשיסן וועל איך דיך! ווו האָסטו געלאָזט דאָס מאַשינענגעווער?" און איבעררחזרנדיק די דראָונג איז ער זיך אליין אויס־געקומען ווי אַ סטראַשידלע, ווי איינער וואָס איז אַראָפּ פון זינען און גע־שריגן נאָך שטאַרקער.

מעכעלע האָט זיך ניט אומגעקערט אליין. ער איז געקומען מיט די אַנדערע צוויי. איצט שטייען זיי אַלע דריי: איינער בלוטיקט, די קויל איז אַריין אין זייגערל און אַרויס אויף דער אַנדערער זייט געלענק, דער צווייטער מיט אַ פאַרלוירענעם בליק וועלכער איז געבליבן צוזאַמען מיט דעם מאַשינענגעווער אַנטקעגן אַ ניטגעזעענעם פיינט און מעכעלע אָן אַ נשמה, זי איז אין חלל פון סטוואָל ווייל דער באַטאַליאָנס־קאָמאַנדיר רעדט נאָר צו אים. נאָר אים אליין סטראַשען דער באַטאַליאָן און די קאָמפּאַניע מיט נאָך שווערערע ווערטער ווי יענע וועלכע האָבן געהאָנגען אויף זיינע ליפּן. זיי שרייען אַלע צוזאַמען: „באַנדיט, מנוול אייגער, מיר וועלן דיך דערשיסן, ווו האָסטו געלאָזט דעם קוילנוואַרפער?" ער קוקט אַ פאַרוווּנ־דערטער צום רעוואָלווער וואָס צאַפּלט ווי אַ שוואַרצער פויגל, און קאָן קיין וואָרט ניט אַרויסרעדן. קעגן דער קללה איז זיין שעלטעריי ווערטלאָז, ער פילט ווי די לופט פאַרשווינדט און די מענטשן באַוועגן זיך אויף אַ שוואַרצן גרונט.

— וווהין? פרעגט דער באַטאַליאָנס־קאָמענדאַנט און צילט מיטן רע־וואָלווער דעם הימל.

— נאָך דעם מאַשינענגעווער, ענטפערט איך מיט אַ ווייסער שטימע, קייענדיק אַ באָקסער כדי איך זאָל קאָנען רעדן.

דער סטוואָל צילט אַראָפּ צו דער ערד, צילט דאָס בלוט וואָס קאַפּעט פון צעדרויבלטן געלענק.

— קוידאַדאָ טשיקאָס, זעט וואָס איר טוט חברה, זאָגט דער קאָמענ־דאַנט און זיין בליק זוכט עפּעס אין דער ריכטונג פון מאַשינענגעווער.

— נאָ סע אפורע, אָן זאָרגן, ענטפערט שייע וועלכער באגלייט מיך, און איך ווייס ניט וועמענס אָנוועזנהייט האָב איך געפילט ווען כ׳האָב אָנגעהויבן קייען נערוועז דעם באָקסער, פעריס צי וואָלפס צי אפשר גאָר דעם רעגנס. ניין. צוערשט האָט אונדז פארשלונגען א געדיכטער נעפּל. נאָך איצט פיל איך ווי ער קלעפּט זיך צום געזיכט. אָנגעקומען איז ער ראפּטום פון יענער זייט פּייסאזש, פון יענער זייט געל—גרינע בוימער וועל־כע האָבן אויסגעזען ווי געפּארבטע פון א געשמאקלאָזן סצענאָגראַף און ווי א ריזיקע דלאָניע געגלעט און געקילט די פאררויטלטע באקן פון דער געשע־ניש וואָס האָט זיך לאנגזאם פּארוואנדלט פון א טראגעדיע אין א מעלאָדראַ־מע, אָפּגעשפּילט פון דילעטאנטן. אויס באטאליאָן, אויס קאָמפּאניע, ניט מער צוויי וועלכע גייען צום פּאָרפּאָסטן, צום פארלאָזטן מאשינענגעווער, נאָר איינער וואָס קייט ווי א מוילאייזל באָקסערן און נאָך איינער וואָס שלעפּט זיך נאָך אים און זאָגט פון צייט צו צייט: „האָסט נאָך? איך האָב פולע קעשענעס“. דער שונא האָט געקאָנט אויפּטויכן אומדערוואַרט, האָבן מיר אויפגעשטעלט די באיאָנעטן.

פארכפּלט פון נעפּל האָט זיך דער קוילנוואַרפער פארטיידיקט אליין און איינצייטיק געשיצט דעם פּאָרפּאָסטן און די פראָנט ליניע.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען האָט אונדז באגעגנט דער קאָמיסאר. פון זיין מויל האָבן מיר זיך דערוווּסט אז דאָס וואָס מיר טוען, טוען מיר ניט ווייל מיר טוען עס, נאָר גאָר דערפאר ווייל ער האָט אזוי געהייסן, דערפאר וואָס מיר לעבן אין א פון זיין פערזענלעכקייט דאָמינירטער עפּאָכע. כ׳בין געווען אזוי איבערצייגט אז ער זאָגט א גרויסן אמת אז כ׳האָב אזש אויפגעהערט קייען דעם באָקסער. כ׳האָב מיך דערפילט א דער־מונטערטער אין מיין אייגענעם איך, זיך געוואָלט אויסציען שטראָם, זאָגן עפּעס פון גאנצן הארצן, האָט אונדז אָבער נאָך געדיכטער איינגעהילט דער נעפּל, אָפּגעזונדערט איינעם פון צווייטן, געפּרווּווט וועקן קלאָרערע גע־דאנקען. ווייזט אויס אז ס׳איז אים ניט געלינגען, ווייל ער איז געבליבן ניט מער ווי א ניטרעאליזירטער רעגן.

מעכעלע האָט מיך ניט געזוכט. איך אים אויך ניט. ס׳איז ניט געווען דער פאַל. מיר זענען געווען נאָענטע פריינט...

...איצט גיי איך הינטער גישען, ער א ברוגזער וואָס ער קאָן זיך ניט דורכגנבבענען צווישן די טראָפּנס און איך אפילו דאָס אויך ניט. וואָס

מער מיר נידערן פון בארג ווערן די בוימער שיטערער און דער רעגן שפּילעוודיקער. א מאיאָוועך רעגן מיט זיינע אייגענע זאָרגן. אנטרינען, ווער ווייסט פון וואָס פארא צוואנגען, לויפט ער צעווילדעוועט ווי א ציי־געלע, באהאלט זיך ערגעץ אונטער א בארג און יאָוועט זיך ווידער א צעבאלעוועטער. וועגן פּראָבלעמען האָט ער קיין צייט ניט, עס אינטערע־סירט אים ניט וואָס דער מאי איז א פיר־און־פערציקער וואָס עס געשעען אזעלכע געשעענישן, וואָס א וועלט האָרעוועט אויף זיך אליין צו צע־שטערן, וואָס צוויי מענטשן פון וועלכע איינער האָט אמאָל געענטפערט אויף זיין הארבסטיקן רוף גייען אין א שליחות וועלעכס זיי באטראכטן אלס דאָס וויכטיקסטע, ניט נאָר פאר זיך נאָר אויך פאר אים, פאר זיין גורל אויף דער ערד. כ׳פּרווו אים א זאָג טאָן אז זיין ברודער, דער הארבסטי־קער, האָט אויסגעזען געזעצטער, כמעט א חכם, הערט ער מיך ניט, ער פאלט אויפן פרישן גראָז, און דאָס גראָז הויבט זיך אים אנטקעגן, באגעגנט אים מיט א צערטלעכער באוועגונג. איך פּרווו אים זאָגן אז שפּעטער וועט דאָס גראָז אָטעמען אנדערש. ענטפערט ער ניט, ער לויפט נאָר פארביי מיט א שפּילעוודיקן שמייכל, אפשר אן איראָנישן און רופט מיך איך זאָל אים נאָכלויפן, אראָפּוואַרפן די שמוציקע לייזיקע קליידער און זיך אין אים אויסבאָדן א טאָג און א נאכט און נאָך א טאָג. ער שעפּטשעט: „האָסט צייט, וואָס איז דאָס איילעניש, וועט עס דויערן נאָך א חודש, נאָך צוויי, דאָס גליק איז געבן דיר, ארום דיר, נעם דאָס!" ער שעפּטשעט מיט א פרילינג־דיקן פאָרוואורף: „פארוואָס ביסטו ניט קיין קינד, זאָלסט קאָנען פארשטיין?"

— דאָרט איז א שטרויענע כאטע, זאָגט גישע. לאָמיר ארייַנגיין זיך טרוקענען, אזוי פּיטש־נאס קאָנען מיר זיך ניט באווייזן צווישן מענטשן.

מיר זענען נאס און פארשווארצט און בערדיק און אזעלכע ווי מיר זענען קאָנען מיר זיך ניט באווייזן צווישן די וועמענס שליחות מיר דער־פולן. צוויי שלוחים איינער איז געשיקט פון קאָמענדאנט און איך גיי מיין אייגענעם גאנג אויף דעם רוף פון א הארבסט־רעגן וואָס האָט אָנגעהויבן פאלן מיט זיבן יאָר צוריק אויף א שמאָל געסל וואָס קוועלט ארויס פון דעם פּלאַץ האָטעל־דע־וויל אין גרויס פאריז. צוויי וועלכע פאָלגן א שליחות און א רוף, איך כדי דאָס גראָז זאָל אנדערש אָטעמען. אָבער איצט איז פרי־לינג דער רעגן איז אן אנדערער. ער באָדט זיך ווי א בתולה אין זיינע אייגענע טראָפּנס, טאנצט אויפן דאך פון דער שטרויענער כאטע און לאכט ווי א קינד אין וויגל.

דער צוג קומט אָן אויף דער סטאַנציע. די שטערן נידערן אַראָפּ, פינקלען שטאַרקער, קוקן אויף דער צאַלרייכער וואָך וואָס באַגלייט די וואַגאָנעס, צי אפשר פאַרשיכורט זיי דער גערוך פון בענזין. ניין! זיי קוקן גאָר צו אונדז, צו גישען און צו מיר, ווי מיר פּאָרען זיך אַרום די ציסטערנעס און ציטערן צוזאַמען מיט אונדזערע שוואַכע הערצער. לעשן זיך און צינדן זיך מיט זיי. די שטערן פינטלען מיט דער פּינקטלעכקייט פון זייגער: טיק־טאַק, טיק־טאַק אַזוי ווי עס קלאַפּן אונדזערע שוואַכע הערצער און די מעכאַניזמען פון די מינעס וועלכע וועלן אויפרייסן אין א באַשטימטער צייט. טיק־טאַק קלאַפּט דער אוניווערס, אָבער מיר הערן ניט ווייל מיר זענען ווייט. מיר איילן זיך אין דאָרף וו עס וועט אונדז באַגעגענען גישעס מוטער, א פּאַרוווּנדערטע ווען זי וועט ניט וויסן פון וואַנען מיר האָבן זיך געיאָוועט. מ׳האָט איר אָפּיציעל געמאָלדן אַז איר זון איז טויט, העלדיש געפאַלן ערגעץ אויף א פראָנט וו מענטשן הרגענען זיך ווייל אַזוי מוזן זיי און זי ווייסט אַז טויטע קומען ניט אַהיים.

די שטערן לעשן זיך איינציקווייז, אויפן האָריזאָנט וואַקסן אויס קוימענעס, דערנאָך הייזער. איך האַלט אָן בושה דאָס מויל פון אַן אַלטער פרוי, כ׳לאָז ניט זי זאָל אויסשרייען איר פרייד ווייל זי זעט איר בויך און איר טראַכט לעבעדיק, כאָטש ער איז שמוציק און פאַרוואַקסן מיט א שטעכיקער באָרד. קושט זי מיך פינעף מאָל ווייל איך בין א פרעמדער, ווייל איך האָב געבראַכט איר זון א לעבעדיקן און גישען נאָר צוויי מאָל, ווייל ער איז א מאַן, און א מאַן איז מען שולדיק רעספּעקט און די טראַדיציע זאָגט אַז אויב דער זון איז געוואָרן א מאַן זאָל מען אים מער ווי צוויי מאָל ניט קושן. די טרערן אָבער ווישט זי א גאַנצע שעה ביז זי דערמאָנט זיך אַז מיר זענען מן־הסתם הונגעריקע. לויפט זי אין גאָרטן, קלויבט גרינע ציבעלקעלעך, חודש־רעטעכלעך און נאָך דעם אין קיך נאָך קאַלטער מאַמעליגע.

— א צוואַיקע, פרעגט גישע, געפינט זיך ניט, מאַמע?

— וואָס הייסט ניט, זון מיינער?

די זון וואַרפט א שטראַל דורכן פענצטער. מיר הויבן די גלעזער כדי זיי אָנשטויסן ווי עס געהערט, דערהערט זיך דער טיק־טאַק פון אוניווערס, בלייבן מיר מיט די גלעזער אין די הענט, קוקן אויף די האַנט־זייגערס, אויף דער באַוועגונג פון די ווייזערס וואָס דערנעענטערן זיך צו דער דערוואַרטער מינוט. ניין, ס׳איז ניט די רעדע פון מינוטן, נאָר פון סעקונדע־פראַקציעס, פון א רגע־טיילעכל אין וועלכן מען וועט קאָנען זאָגן: יאָ, דאָס גראָז וועט

אָטעמען פרייער, דאָס שליחות איז דערפולט. דעקן צו די ווייזערס איינער דעם צווייטן, גיסן זיך צוזאמעןביים פייער פון טאָג.

— פיע־לע צאראנא אושאָארא. ברוך דיין אמת, זאָגט גישע, שלינגט אראָפּ אויפאמאָל דעם בראָנפן און אין די אויגן־ווינקלען באווייזן זיך טרערן.

— שטארקער בראָנפן, זאָגט די מוטער, צוויי מאָל געברענטער.

— יאָ, מאמע, אזא בראָנפן האָבן מיר געדארפט, זאָגט גישע בייסנדיק פון א גרין ציבעלקעלע. פאר די אויגן וואקסט אויס די וואך. באהעלמטע דייטשן און ער טראכט: וועמען ווילן שעלטן זייערע מאמעס, דארט?

— א גוט שטיקל ארבעט, פינעף שעה איז קיין איין צוג ניט דורכ־געפאָרן. א גוט שטיקל ארבעט, לויבט דער קאָמענדאנט.

— אזוי וואקסט אין מלחמה־צייט די דורכשניטלעכע לעבנסלענג־לעכקייט, ענטפערט גישע און מ׳קאָן ניט וויסן צי איז עס א טרויעריקע אָדער פרייליכע פעסטשטעלונג, צי גאָר אזוי זיך א ווערטל, א חכמה אזא וואָס מען קאָן זיך דערלויבן מלחמה־צייט און נאָך מער נאָך מלחמה צייטן.

דאָס געווער, די מוניציע, די האנטגראנאטן דער אויפרייס־שטאָף איינגעוויקלט און גוטאפערקע ליגן נעבן אן אלטער יאָלקע. עס פאלט א דריבנער רעגן. דרייצן מענטשן געהילטע צו צוויי אין אָפּגעניצטע נאסע דעקן ציילן ביז הונדערט די טראָפּנס וואָס פאלן פון א סאָסנע־בלעטל און נאָך דעם ווידער פון אָנהויב. איך ווארט, אפשר וועט נאָכאמאָל געלונגען אויפצוהויבן די האנט צו דער ריכטיקער צייט און אנטרינען פון רעגן.

# לאָזט דעם צווילינג צו רו

— קום, קום צוריק, בעט איך זי כמעט מיט טרערן אין די אויגן. ס'נודעט מיך צו לויפן אליין איבער די פוסטע גאסן. זי אָבער וויל אפילו ניט הערן, לאכט און שוועבט ווייטער אין דער הייך פון דריטן אָדער פינפטן שטאָק, שטענדיק קלויבט זי אויס פוסטע גאסן, לאָזט מיך אויפן טראָטואר און אליין שוועבט זי און קוקט אין די פענצטער פון מיטעלע אויפגעקומענע. כ'קאָן ניט זאָגן אז אירע „עסקאפאדעס" געפעלן מיר ניט. פארקערט, כ'האָב ליב אירע נאכט־אווענטיורעס. עס געשעט, מיר גייען ביידע שפאצירן, בליצט אויף א ליכט־קוואדראט אין א פינצטערער וואנט, ווערט די ווינונג א באזונדערע, אזעלכע וואָס אנטפּלעקט א סוד, איז זי שוין דאָרט. אירע באמערקונגען דארף זי מיר ניט זאָגן ווייל אונדזערע געדאנקען זענען אין א געוויסער מאָס די זעלבע, געמיינזאמע. נאָר א טייל פון זיי, די ווייניקער קאָמפּליצירטע, און דאָס דערפאר ווייל מיר זענען א צווילינג, אַן עכטער צווילינג, פון געבוירן אָן. עס קאָן אויסקומען נאריש וואָס איך שטרייך אונטער אז „פון געבוירן אָן", אָבער נאָר פאר ניט באַהאַוונטע. צווילינגען ווערן געבוירן אין משך פון צען, פופצן אָדער זיבנאונצוואַנציק מינוט. צומאָל נאָך מער. מיר ניט. אונדזער געבורט איז געוועזן לויט דער מאמעס דערציילן אָן איבעררייס, בערך אזוי ווי יעקב'ס מיט עשו'ס. פון טאָן מיט וועלכן זי פלעגט דערציילן איז שווער געווען צו וויסן, צי איז עס מחמת פארגעניגן אָדער זי דריקט אויף אזא אופן אויס איר בענקשאַפט נאָך די יאָרן אין וועלכע זי פלעגט נאָך געבוירן. בשעת איר דערציילן פלעג איך אראָפּציען דעם זאָק פון לינקן פוס און קוקן אויף דעם צייכן וועלכן עס האָבן מיר געמאכט מיין שוועסטערס קליינע נעגל, דריי צענטימעטער העכער פון דער פיאטע. ניט מחמת קנאה ווי ס'איז געווען דער פאל ביי

עשו׳ן מיט יעקב׳ן, אָ, ניין! פשוט דערפאר ווייל זי האָט זיך ניט געוואָלט שיידן פון מיר אפילו אויף קיין רגע. כאָטש אזוי איז זי נאָך געבליבן אין דער מאמעס טראכט אכט און צוואָנציק סעקונדן, ווייזט אויס אז דערפאר איז זי די, וועלכער עס פאלן איין גרויסע געדאנקען און שרעקלעך לצנות. מעגלעך אז די סיבה איז אן אנדערע. מיר דאכט זיך אָבער אז פון דעמלט שטאמען אירע כוחות. אויך דער כוח פון קאָנען שוועבן. ווייל שוועבן קען נאָר זי, איך ניט. צומאָל דאכט זיך מיר אז זי האָט פליגל, ווי יענער פערסישער קעניג וועמענס בילד כ׳האָב א מאָל געזען אין א שולבוך, צי אפשר גאָר רעאקטאָרן, באהאלטענע ערגעץ נידעריקער פון די היפטן. פינקטלעך קאָן איך ניט זאָגן, ווייל פליען הויבט זי אָן ראפטום, אומדער־ווארט. וויניקסטנס פאר מיר.

אירע געדאנקען, באמערקונגען, שטרעבונגען, איר שמייכל און טרער, ווערן מיינע מיט א פארשפעטיקונג פון בערך אזוי פיל וויפל ס׳האָט גע־דויערט פון מיין ביז איר געבוירן. צוערשט זענען זיי אירע און נאָר נאָך דעם ווערן זיי אונדזערע.

זיכער בין איך אז זי פליט ניט רייטנדיק אויף א בעזעם ווי א כיי־שופמאכערן, אָדער אויף א הארמאטן־שראפנעל ווי א געוויסער באראָן און אויך ניט זיצנדיק אויף א בענקל, ווי כ׳האָב אמאָל געזען שוועבן אן אק־טריסע אין דער טעלעוויזיע. דאָס בין איך זיכער, יעדער קאָן עס זען בעשיימפערלעך לויט איר האלטונג אין דער צייט וואָס זי שוועבט. איך מיין אז ווען מיין מאמע מיט מיר זאָלן זיך ניט געווען איילן און איך זאָל געווען בלייבן א ביסעלע מער אין דער מאמעס בויך וואָלט איך איצט ניט געדארפט לויפן אויפן טראָטואר און זי בעטן זי זאָל אראָפּנידערן. כ׳וואָלט אויך געשוועבט אין איין ריי מיט איר, אָדער הינטער איר, ווייל איך וואָלט געהאט די זעלבע שוועב־קראפט.

אונטער דעם לינקן אָרעם האָב איך א צייכן, א מין פארוואקסענעם שניט, ווען איך שטרענג זיך אָן בלאָזט ער זיך, באקומט דעם אויסזען פון א לענגלעכן בלאָטער, אָבער קיין פליגל ווערט ער ניט. עס באקומט זיך גיכער א שטערונג. איבער דעם פארשאָלטענעם שניט קאָן איך אפילו ניט לאכן ווי זי. ווי טוט ער מיך ניט, אָבער שטערן שטערט ער. איך האָב גע־האָפט אז פון שניט וועט אויסוואקסן א פליגל, כ׳האָב געמיינט אז ס׳וועט געשען א נס. דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק ווען מיין שוועסטער פלעגט נאָך אויך ניט פליען נאָר קלעטערן מיט אויסטערלישער שנעלקייט און לייכטקייט אויף די בוימער פון רבינס גאָרטן. ארויפקלעטערן און פון

צווישן די צווייגן חוזקן פון מיר מיט טײװלישער פרייד. לאַכן פון מיין אומבאהאָלפנקייט, פון מיין שטיין און קוקן צו איר מיט טרערן אין די אויגן. נאָך ערגער איז געווען ווען זי פלעגט מיר העלפן קריכן אויף א בוים און מיך לאָזן זיצן אויף א צווייג, ווידער מיט טרערן אין די אויגן, ווייל כ׳האָב מורא געהאַט מיך א ריר צו טון, איבערצוטראָגן מיין פול קערפערל פון איין צווייג אויפן צווייטן. פון אראָפּקריכן האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין. אין יענע מאָמענטן פלעג מיין האָפנונג, אז אין א טאָג וועלן מיר אויסוואַקסן פליגל, ווערן אזא הייסע אז כ׳האָב ממש געפילט ווי זי בריט מיר די נאָז. אָבער דאָס איז געווען אמאָל, איצט האָב איך פאַר־לוירן יעדע האָפענונג, שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק אז אזוי איז עס און אנדערש קאָן דאָס ניט זיין: זי פליט, שוועבט ווי א פעדער און איך באַגלייט זי גייענדיק אויפן טראָטואַר אָדער לויפנדיק אויף דער מיט גאַס. דאָס געשעט ווען איר פארגלוסט זיך א שפּיל טאָן, אָפּלאַכן פון מיין נאַ־רישקייט און קשה־עורפדיקייט. ס׳איז מיר עד־היום ניט קלאָר פון וועל־כער איינגעשפּאַרטקייט לאַכט זי, פון יענער ווען כ׳האָב זיך געאײַלט ארויס קריכן פון דער מאַמעס בויך, צי פון דער מיט וועלכער איך לויף נאָך איר. דאָס איז נאָר דערפאַר ווייל איך האַלט מיט פאַרביסנקייט אז א צווילינג טאָר זיך קיין מאָל ניט שיידן. דאָס איז טאַקע מיין מיינונג און זי לאַכט פון איר מיטן גאַנצן נפש אירן, ווייל זי שטערט גאָרניט, זי קאָן לאַכן ווען און וויאַזוי זי וויל. איך לאַך קיין מאָל ניט פון אירע מיינונגען, כאָטש זיי ווערן געבוירן אין איר קאָפּ צי אפשר טאַקע דערפאַר. פאַלט איר איין א געדאַנק, איז עס פאַר מיר אן איבעראַשונג: זע נאָר, צו וואָס זי האָט געקאָנט דערגיין! שטענדיק איז עס אזוי געווען. א מין ראָלן־פאַרטיי־לונג, א מין פונקציעס־פאַרטיילונג: זי מיט איינפאַלן און איך מיט ווערטער, מיט פירושים, קאָמענטאַרן, מיט פּראָפּאַגירן און פּראָקלאַמירן זיי אויף אַלע גאַסן. די מאַמע פלעגט זאָגן, אז ווען מיר זענען נאָך געווען גאָר קליינינ־קע, איינגאַנצן דריי אָדער פיר יאָר, איז איר אויפגעפאַלן וואָס זי, מיין שוועסטער, זיצט א שטילענקע עטוואָס פאַרטראַכטע, און איך האַלט און איין פּלאַפּלען. אָט די פאַרשידנאַרטיקע אויפפירונג אונדזערע האָט איר פאַרשאַפט גרויסע יסורים, די וועלט זאָגט אז צווילינגען לעבן ניט לאַנג, פלעגט זיך איר דאַכטן אז מיין שוועסטער שטאַרבט לאַנגזאַם אָפּ מיט איר שווייגן און איך אויף גיך, מיט מיין פּלאַפּלען.

דעם אמת זאָגנדיק גלויב איך קוים אז אזא מין פאַרטיילונג פון ראָלן איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע צווילינגען, איבערהויפּט פאַר אזעלכע וואָס

ווערן געבוירן אָן איבעררייס. אונדזער פאַל זעט מיר אויס א ספּעציפישער און דאָס נאָר דערפאר ווייל מיר זענען ניט פון איין טאטן. דאָס איז מיין אינטימע איבערצייגונג. געבוירן געוואָרן זענען מיר אין אַן עפּאָכע אַן אומרואיקער. גרויסע מענטשן־מאסן, איבערהויפּט מענער, האָבן געצויגן, ניט פון אייגענעם ווילן, פון איין אָרט אויף א צווייטן, געטריבענע פון באַ־צאָלטע האידאמאקעס אין דינסט פון א קליינער כנופיה וואָס האָט זיך פון דעם געמאכט א מאָדנע פארגעניגן. דאָס וואנדערן האָט זיי פארביטערט און פארווילדעוועט, אָנגעקומענע ערגעץ אין א שטעטל אָדער א דאָרף פלעגן זיי אָנטאָן מעשים וואָס אין זייערע געבוטרטסערטער וואָלטן זיי זיך בשום אופן ניט געוועז דערלויבט. מידע, אויסגעמאטערטע פון די לאנגע מארשן צו וועלכע מען האָט זיי געצווונגען, פלעגן זיי זיך נוקם זיין אין די איינגעזעסענע, וואָס האָבן געהאט הייזער און פאמיליעס און דער גורל האָט זיי געשוינט פון וואנדערן אָן סוף און אָן ציל. דערפאר דאכט זיך מיר אז מיר האָבן פארשיידענע טאטעס. אנדערש איז ניט צו פארשטיין פארוואָס מיר זענען אזוי ווייניק ענלעך איינער צום צווייטן. כמעט ניט צו דערקע־נען אז מיר זענען א צווילינג. די מאמע האָט וועגן דעם קיין מאָל ניט גערעדט, ס׳איז פארשטענדלעך... זי האָט ווייזט אויס, געגלויבט אז ווען מיר זאָלן זיך דערוויסן, וואָלטן מיר זיך געוואָרן דערווידער, וואָלטן מיר איינער דעם צווייטן ניט פארטראָגן. איך מיין אז אזוי צו טראכטן איז אבסורד. אָבער אפילו פון א מאמען קאָן מען אויך ניט פאָדערן מער ווי זי איז בכוח, איבערהויפּט ווען זי שטאמט פון א באפעלקערונג וואָס רופט זיך איינגעבוירענע און האלט אז אזעלכע זאכן דארפן ניט געשען ווייל ס׳איז א בושה, א ווילדקייט, דערווידערלעך און דעמלט ווען עס געשעט דאָרף מען וועגן דעם ניט רעדן. וועגן אָט דעם „פענאָמען“ האָב איך נאָך ניט גענוג געטראכט, כ׳האָב אים נאָך ניט דערגרונטעוועט און כ׳וואָלט זיך גע־דארפט צואיילן ווייל קיין סך צייט איז מיר שוין ניט געבליבן.

וואָס שייך צווילינגען, גלויב איך, אז כל־זמן זיי לעבןביידע זענען זיי אומשטאנד אויפצוטון גרויסע זאכן ווייל זיי זענען צוויי און אפילו אז איינער פון זיי שטארבט גיט ער איבער זיין כוח דעם אנדערן. ער נעמט ניט מיט אלע זיינע מעגלעכקייטן אין קבר אריין. ס׳האָט קיין זין ניט שוין דערפאר אליין, ווייל ער האָט וועמען זיי איבערצולאָזן. פון דאָ שטאמט מיין געדאנק, אז דער דערפינדער פון אוויאָן מיט וואריאבלער געאָמעטריע האָט געמוזט זיין איינער פון די אליין־געבליבענע צווילינגען און טאקע דערפאר א מענטש מיט טאָפּלטע פעאיקייטן, מיט א צווייענדיקן כוח, הן

וואָס שייך השגה הן וואָס שייך פראַקטיק. דאָס אַזוי נאָר אַלס א ביישפּיל. שטענדיק זאָג איך מיין שוועסטער אַז פּרייוויליק דאַרפן זיך צווילינגען ניט שיידן נאָר דערפאַר ווייל אין א געוויסן מאָמענט פאַלט זיי איין אַזאַ נאַרישקייט. זייער גורל איז פון געבוירן אָן צו זיין צוזאַמען, זאָג איך איר און גלעט דעם צייכן וועלכן זי האָט מיר געמאַכט מיט דריי צענטימעטער העכער פון דער לינקער פּיאַטע. און דעם גורל דאַרף מען ניט שטעלן כנגד. זיך אים אַנטקעגנצושטעלן איז געפערלעך. זי, מיין צווילינג שוועסטער, לאַכט.

אָפּטמאָל איז אויסגעקומען מיר זאָלן ניט זיין אינאיינעם א קורצערע אָדער א לענגערע צייט. דעם אמת געזאָגט האָט זיך מיר שטענדיק די צייט פון שיידונג אויסגעדאַכט א געוואַלדיק לאַנגע. אָבער סוף־כּל־סוף זענען מיר זיך ווידער צוזאַמענגעקומען. אין דער צייט פון איר אָפּוועזנהייט (אָפּוועזנדיק איז נאַטירלעך שטענדיק געווען נאָר זי, ניט איך) איז קיינמאָל ניט געשען איך זאָל אויפטון עפּעס אויסערגעוויינלעכס. שטאַרק שלעכט איז מיר אויך ניט געגאַנגען. כ'מיין אַז דאָס איז דערפאַר ווייל מיר זענען געבליבן אויף דעם זעלבן ערדקיילעך, צי ווייל דאָס שיידן זיך איז ניט שטענדיק געווען קיין פּרייוויליקס. אָדער איבער אַנדערע סיבות.

צומאָל טראָג איך זיך מיט א מאָדנע ווילדן געדאַנק. אַנדערע וואָלטן אויסבאַהאַלטן אַזעלכע געדאַנקען פאַר בושה, אָדער פאַר מורא. איך ניט. איך זאָג עס אָפן, בקול רם. ווייל נאָך אַלעמען האָט די וועלט שלום געמאַכט מיט דער דערשיינונג, רעדט וועגן איר ווי וועגן א נאַטירלעכער זאַך. ס'איז די מעשה מיט יענעם דאָקטער, וועלכער האָט געמאַכט כּל־ערליי עקספּערימענטן אויף צווילינגען. מ'זאָגט אַז ער איז געווען א רוצח, ניט ביי אַלע געדאַנקען. לויט מיין מיינונג האָט ער ניט מער געטאָן ווי געפּרוווט באַפרייען די צווילינגען פון זייער לאַגע אַלס אָנגעצייכנטע, אַלס נפשות וועלכע ווערן אָנגעוויזן מיטן פינגער. אים איז איינגעפאַלן א שגעון אַז קיין אַנדער אויסגאַנג ווי זיי צו פאַרמערן אין אַזאַ מאָסשטאַב אַז זיי זאָלן ווערן די מערהייט פון דער מענטשהייט איז ניטאָ. דעמלט וועלן זיי זיך קאָנען באַווייזן אַזעלכע ווי זיי זענען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַזוי וועלן זיי ניט מוזן שוועבן נאָר ביינאַכט אויף טונקעלע אָדער פּוסטע גאַסן, העכער פון די לאַמטערן־סלופּעס, זיך באַהאַלטן אין דער הימל־שוואַרצקייט כּדי מען זאָל ניט וואַרפן נאָך זיי מיט שטיינער אָדער שיסן ווי אויף ווילדע קאַטשקעס. איך בין זיכער אַז אָט דער פאַרשאָלטענער דאָקטער וועלכן מ'זוכט כּדי אים צו שיסן, אָדער גאַזירן, אָדער הענגען, צי ווער ווייסט וואָס ס'קאָן

איינפאלן פשוטע מענטשן, איז אויך געווען א צווילינג, איינער פון די אליין געבליבענע. אנדערש וואָלט ער ניט געווען געהאט אזא גרויסע מאָס שגעון צו מאכן אזעלכע ווילדע, אכזריותדיקע עקספערימענטן. אָבער דאָס זענען נאָר מיינע געדאנקען און דערפאר זענען זיי ניט גענוג קלאָרע און זענען אויס מאָדנע, אפשר אויך דערפאר ווייל דער כח־הדמיון, די פאנטאַזיע איז אויסגעפאלן מער אויף מיין שוועסטערס צד.

— קום, נידער אראָפּ אויף דער גאס, בעט איך זי, ווייל עס נודעט מיך צו לויפן אליין אויף דעם הינטערגעסל כאָטש זייט א קורצער צייט האָט מען דאָ אויפגעשטעלט אן אכטשטאָקיקע געביידע מיט צוויי זאלן, א קאָנצערט־זאל אויפן זיבעטן און איינעם וועגן אסיפות אויפן זעקסטן שטאָק. די שוועסטער מיינע שוועבט פון איין שטאָק צום צווייטן מיט א שטימונג ווי כ׳האָב שוין א לאנגע צייט ביי איר ניט באמערקט. אין זאל פון זיבעטן שטאָק איז א קאָנצערט, א דזשאז צוזאמענגעשטעלט פון צוויי משוגעים וואָס שפילן אויף א וויבראפאָן, איינער מיט אן ארויסגעשטעקטער צונג קלאפט די פויק, איינער זיצט ביי דער פיאנע און באוועגט די גאנצע צייט די ליפּן און די איבריקע שפּילן אויף בלאָזאינסטרומענטן.

דאָס וואָס מיר געפינען זיך דווקא אויף אָט דער דאָזיקער גאס איז ניט קיין צופאל. אונדזער שכן, איינער וועלכן מען רופט מיטוואָך, גייט זינט א צייט ארום א דערשלאָגענער. עק וועלט, מיטוואָך דרייט זיך ארום א דערשלאָגענער, קיינער קוקט זיך אפילו ניט אום. האָב איך דאָך א שוועסטער א צווילינג, אינטערעסירט עס זי. אויסגעפרעגט זיין פרוי, די קינדער און מיט מער פאַרזיכטיקייט אים אליין — ווייל מיר, איבערהויפּט מיין שוועסטער, האָבן ליב א שמועס טאָן מיט יעדן איינעם, מיט קינדער, מיט אלטע און יונג, מיט בלינדע, האַרבאטע, קרומע א.א.וו. — זענען מיר געקומען צום באשלוס אז ס׳איז א זייער ערנסטע זאך. צונויפגעשטעלט פון ס׳ביי די געשיכטע, האָט מיין שוועסטער, וועלכע האָט א געוואלטיקע פעאיקייט צו סינטעטיזירן. געשען איז עס אומגעפער אזוי:

צווערשט גאָרניט, דערנאָך געשעענישן וועלכע האָבן יאָ און האָבן ניט קיין פארבינדונג צווישן זיך. נאָך דעם מיטוואָך, זיין פרוי, די קינדער, אנדזשעלאָ, א הויפן געשעענישן פון וועלכע א טייל זענען אונדז געבליבן אומבאקאנט, און ס׳איז מעגלעך אז זיי זאָלן געווען האָבן א ווערט, און אנדערע פון וועלכע מיר ווייסן, און זיי האָבן קיין שום ווערט ניט ווי צום ביישפּיל די לאנגיעריקע פריינטשאפט צווישן מיטוואָך מיט ענגעלמאנען, א פריינטשאפט וואָס האָט אָנגעהאלטן ביז ניט לאנג. לויט דעם וואָס מיר

האָבן זיך דערוווּסט און עס שיינט צו האָבן א געוויסע ווערט אין דער גאנצער געשיכטע, פלעגט ענגעלמאַן אריינקומען צו מיטוואָכן אין שטוב ווען ס׳האָט זיך אים נאָר געוואָלט. צוערשט פלעגט ער עפענען דאָס שאַפּקע־לע דערנאָך די באַר, צוערשט פלעגט ער ארויסנעמען פלוימען־בראָנפן דער־נאָך פינפשטערנדיקן קאָניאַק, דזשין אָדער גאָר וויסקי, טרינקען צוויי אָ־דער דריי קעלישעקלעך און אוועק גיין אזוי ווי ער איז געקומען נאָר אבי־סעלע א פריילעכערער, אָבער שטענדיק א שוויַיגנדיקער, קיין בארעדעווּ־דיקער איז אנדזשעלאָ קיין מאָל ניט געווען. דאָס הייסט ניט אז ער האָט ניט געהאַט וואָס צו זאָגן, אלע ווייסן אז ווען ענגעלמאַן זאָגט א פּאָר ווערטער פאַלן זיי שווער אויף דער וואָגשאָל. עס זענען ווערטער וואָס קאָנען אראָפּשלעפּן א מענטשן פון די רעלסן, פון זיין ביז דעמלטיקן גורל און אים פאַרוואָרפן אויף די שינעס פון א גאנץ ניַיעם שיקזאַל, אזוי שווער ווענן אנדזשעלאָס ווערטער. דערפאַר רעדט ער ווייניק. ער אליין זאָגט מיט א נאַרישן שמייכל: „איך מיט מיין וואָרט ווי איינער מיט א שווערער האנט.“

אין יענעם טאָג איז מיטוואָך געגאנגען ווי געוויינטלעך צו דער אר־בעט, פאַר אים איז געגאנגען א מיידל, א קליינוווּקסיקע. אפשר ניט אזא קליינגעוואַקסענע ווי קורץ־פיסיקע. אין זיין זכרון האָט זיך ניט באוויזן דאָס מיידל נאָר אירע ראָמבנאַרטיק געשטיקטע זאָקן. געשטיקטע אין דער ברייט, האָבן זיי אויסגעזען ווי אויסגעצויגענע אויף סאָלדאַטישע שטיוול־לייסטן און מיטוואָכן האָט זיך געדאַכט אז ווען די זאָקן זאָלן געווען זיין געשטיקט אין דער לענג וואָלט זיך ניט ארויסגעזען אזוי בולט איר נידע־ריקער הינטן. ווי עס זעט אויס האָט דער געדאַנק אזוי קאָנצענטרירט זיין בליק אז ער האָט ניט באמערקט ווען ענגעלמאַן האָט זיך דערנענטערט און א זאָג געטאָן: „קוקסט מיטוואָך, קוקסט!“ און געגאנגען וויַיטער זיין וועג. אנדזשעלאָס באמערקונג איז אויסגעקומען מיטוואָכן א ווילדע. געווינט מיט די ניטגעשריבענע געזעצן פון דער היעראַרכיע, האָט ענגעלמאַן פּינקט־לעך געוווּסט די מאָס פון א דערלויבטן וויץ אפילו צווישן פריינט און דאָרט וו זיי האָבן געארבעט איז מיטוואָך געווען אויף א העכערער מדרגה און ענגעלמאַן אויף א נידעריקערער.

ס׳האָט אים געוווּנדערט וואָס ענגעלמאַן האָט אַן אייל געטאָן די טריט — ווי מיטוואָכן האָט זיך געדאַכט אביסל שעמעוודיקע ניט זייער זיכערע, אָבער נאָר איין סעקונדע, אַן אויגן בליק, אזוי אז באמערקן האָט דאָס געקענט נאָר איינער וואָס איז געווען זייער פאַמיליאַריזירט מיט ענ־

געלמאַנס שפּאַן — האָט ניט געפרעגט ווי יעדעס מאָל ווען זיי פּלעגן זיך באַגעגענען (אַפילו דריי אָדער פיר מאָל אין טאָג) „וואָס טוען די קינדער" אין איז אַוועק מיט שטאַרע אַקסלען, גלייך ווי עס וואָלט אים געווען אַראָפּגעפאַלן אַ שווערע משא אויפן קאָפּ און ער וואָלט זיך באַמיען ניט צו פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט. מיטוואָך האָט נאָכאַמאָל אַ וואָרף געטאָן דעם בליק אויף די געשטיקטע זאָקן און באַמערקנדיק אַז דאָס קליידל איז צו קורץ האָט ער אַ טראַכט געטאָן אַז דאָס מיידל ווייסט נעבעך ניט דעם חילוק צווישן עלעגאַנץ און זיך אַליין לעכערלעך מאַכן. אַז אויף אַזאַ קליידל און אַזעלכע זאָקן וואָלט געקאָנט זיין אַ פרייד צו קוקן ווען די וואָס טראָגט זיי איז אַ הויכע, אַ שלאַנקע, (אַזוי זיך אַ געדאַנק). ווען דאָס מיידל האָט פאַרקערעוועט אויף אַ זייטיק געסל האָט מיטוואָך אַ שפּיי געטאָן, זיך אַרומגעקוקט צי האָט אים קיינער ניט געזען און דאָס איז געווען אַלץ. ער האָט פאַרגעסן פון קליידל, פון די זאָקן און פון דער האָריזאָנטאַלער שטיקעריי. ער וואָלט אָבער געקאָנט אָפּגעבן אַ שבועה אַז אין יענעם טאָג האָט ער זיך דערמאָנט אין פאַרברענטן קינד צו וועלכן ער האָט אַ לאַנגע צייט ניט געטראַכט און צו זיין אייגענער איבעראַשונג האָט ער דערפילט אַ גרויל אין אַלע אברים. ניט מחמת דעם וואָס „בלוט פון אייגן בלוט", אָדער דער אומגערעכטער אַנוועזנהייט פון דער מורא און פאַרצווייפלונג פון אַמאָל. ניין! אין די יאָרן וואָס זענען אַוועק איז ער געוווינט געוואָרן אַז דער קאַסטן מיטן בר־מנן זאָל אַראָפּנידערן אין דער טיף, זאָל זיך גליטשן אין פינצטערע קאָרידאָרן מיט אַ שוואַכן גלאַנץ פון ווייסן קאַכעל, אַז דער שאַרפער קלאַנג קומט ניט פון די רעלסן ווייל אין וואַקום פּראָפּאַגירט זיך ניט קיין קלאַנג, אַז ס'איז דער גערויש פון וואַקום אַליין אַזוי ווי ער האָט זיך באַזעצט לויט ווער ווייסט וועלכער קאָנווענץ אין מאָדערנע מענטשלעכע אויערן. און דאָס אַלץ האָט אויף אים קיין רושם ניט געמאַכט, פּונקט אַזוי ווי עס האָט אויף אים קיין רושם ניט געמאַכט דאָס באַרירן פון דער אורנע פון גראָבן בלעך, באַלייגט מיט אַ דיקער שיכט שוואַרצן לאַק, פון זייער שלעכטער קוואַליטעט כדי צו פאַרשטאָפּן די אויף שנעל געמאַכטע נאָט.

דאָס מאָל אָבער האָט ער געפילט, נאָר אַ רגע, דעם גערוך פון פאַרברענט מענטשן־פלייש. ס'איז געשען אין דער צייט פון אַגראַר־רעפאָרם נאָך דעם אַהיימקומען פון פראָנט, בשעת מען האָט געטיילט דאָס גוט, האָט זיך פּלוצים אַראָפּגעיאָוועט ענגעלמאַן מיט אַ פון פּאַניק צעקרומט פּנים שרייענדיק פון ווייטנס: „מיטוואָך קום. דיין הויז ברענט!" אָנגעקומען אין

דאָרף האָט זיך פאַר אים געעפנט א וועג און כמעט אלע, אפילו שונאים האָבן געקוקט אויף אים מיט באַדויערן און מיטגעפיל. צוערשט האָט ער ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, נאָך דעם האָט ער דערזען די פרוי, אין די אָרעמס האָט זי געהאַלטן א קנויל פון וועלכן ס'האָט גע־שמעקט מיט פאַרברענט פלייש, ער האָט געוואָלט אַנרירן דעם קנויל האָט ער דערפילט ווי עפּעס ברעכט זיך, ווי עפּעס קרישלט זיך, האָט אים אָנגע־כאַפּט א שרעק, די ערד האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אין א קרייז, הייזער האָבן זיך איבערגעקערט מיט די דעכער אַראָפּ, אָן אָקס האָט אים א שטויס געטאָן, די לופט איז געוואָרן א זאַמדיקע...

אין דעם זעלבן טאָג, אין וועלכן ענגעלמאַן איז פאַרבייגעגאַנגען נעבן אים און ניט מער ווי א וואָרף געטאָן די ווערטער „מיטוואָך דו קוקסט" איז מיט א האַלבער שעה פאַר דעם פאַרלאָזן די אַרבעט אַריין צו אים אין ביורא דער סעקרעטאַר און געזאָגט: „חבר מיטוואָך, (ניט ווי גע־וויינטלעך חבר דירעקטאָר) היינט פיר אַזייגער האָבן מיר אַן אויסערגע־וויינטלעכע פאַרזאַמלונג". אויף מיטוואָכס פראַגע וואָס איז אויף דער טאָג־אָרדנונג האָט ער געענטפערט קורץ: „אָרגאַניזאַטאָרישע פראַגן" און זיך איילנדיק אַרויסגעגליטשט פון צימער א וואָרף טוענדיק א בליק אַרום און אַרום, גלייך ער וואָלט זיך געזעגענען פון דער ביז איצטיקער אַטמאָספערע. וועגן דעם האָט זיך מיטוואָך דערמאָנט שפּעטער. איצט האָט ער זיך דער־קלערט די צוויי מאָל ניט געוויינטלעכע באַציונג פון סעקרעטאַר, דעם „חבר מיטוואָך" ווי אויך דאָס איילעניש, מיט דעם וואָס אויב אינערלעכע ענינים קאָן דאָס הייסן „צווישן אונדז גערעדט" און דאָס איילעניש „ניט פאַרויסגעזעענע פראַגן, קיין צייט צו דערציילן".

אין פּרעזידיום האָט מען אים ניט פאָרגעשלאָגן און פאַרשטענדלעך אויך ניט געוויילט, איז ער געבליבן זיצן אויף זיין פלאַץ ערגעץ אין דער מיט פון זאַל, דאָרט וו ער האָט זיך געזעצט מיטן געדאַנק אַז ס'איז נאָר אויף א ווײַלע. און ס'איז געווען בעסער אַזוי. (אַז ס'איז געווען בעסער אַזוי האָט ער זיך איבערצייגט מיט א סך יאָרן שפּעטער ווען די על־טער האָט געצווינגען צו טראַכטן צום ערשטן דור אָדער נאָך פאַר אים, דעמלט ווען דער כי טוב איז געווען דער איינציק גילטיקער, ווען פון קיין אַלטערנאַטיוו האָט נאָך קיין רייד ניט געקאָנט זיין).

פון זיבעטן עטאַזש האָט זיך געהערט דער דזשאַז צוערשט א גריל־צנדיקער און נאָך דעם גלייך ווי אין טאָן פון דער פאַרזאַמלונג. דאָס וואָרט צו די אָרגאַניזאַטאָרישע פראַגן האָט באַקומען אַנדזשעלאָ — דאָס

איז געווען זיין מאַנאָפּאָל — וועלכער האָט גערעדט וועגן מיטוואָכן. אויס־געקומען איז עס ער און עפּעס דאָך ניט אינגאַנצן ער. „נאָך זייער יונג איז ער אוועק פון דער היים". אזוי איז עס טאַקע געשען. אויפן וויבראַפאָן האָבן געאיילט די העמערלעך מיט פרייד אַנזאָגנדיק אַ גליקלעך פולבלוטיק לעבן. די קלאַנגען האָבן געשפּאַרט פון די אָפענע פענצטער פון זיבעטן עטאַזש און זיך אַריינגעגנבעט געדעמפּטע אין דעם זיצונגסזאַל, וויל זייער טענדענץ איז געווען צו די הימלען און דער זעקסטער עטאַזש איז נידעריקער. „צו אכצן יאָר איז ער אריין אלס פרייוויליקער אין דער ארמיי". ווידער אמת. דער סאַקסאָפאָן האָט זיך געמוטשעט אַרויסצובאַקומען קלאָרע קלאַנגען און עפּעס האָט אים אָפּגעהאַלטן, גלייך ער וואָלט געווען געהאַט אַ כראָ־נישן קאַטאַר. „אלס איינער צו וועלכן דער אלטער רעזשים האָט געהאַט צוטרוי איז ער געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דער קאָמפּאַניע" און נאָך אזעלכע איינצלהייטן פאַרגעסנדיק די ווונד וועלכע ער האָט באַקומען אויפן פראָנט, די פאַרשיידענע רעפאָרמען און אַ סך אַנדערע זאַכן... די לעצטע ווערטער „מיט אַ צווייפלהאַפטיקער מאָראַל" וועלכע מיטוואָך האָט געהערט, זענען געבליבן שטעקן אין די אויערן און זיי ניט געוואָלט פאַר־לאָזן אַ לאַנגע צייט, כמעט אזוי פיל וויפל ס'האָט געדויערט די פאַרזאַמלונג.

פון זיצונגסזאַל איז ער אַרויסגעגאַנגען אַן אויסגעשלאָסענער און אין דער היעראַרכיע אויף אַ פיל נידעריקערער מדרגה ווי ענגעלמאַן. די דזשאַז־קאַפּעלע האָט זיך געאיילט טרעפּ אַראָפּ. אַ יונגער חברהמאַן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן אַקסל פון אַ ניט זייער הויך מיידל מיט ניטגע־שטיקטע זאָקן. ס'האָט אויסגעזען אַז דער חברהמאַן מיט פאַרשפּיצטע ליפּן וויל עפּעס זאָגן, אָדער ער זאָגט עפּעס, אָבער מיטוואָכן האָט זיך געדאַכט אַז ס'איז אַ קינדער־מויל וואָס זוכט די ברוסט און דאָס מיידל פאַרגייט זיך אין אַ „זיסן ציטער".

מיטוואָך האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט, זיך אומגעקערט, געקלע־טערט אויף גיך זיבן טרעפּ, נאָך דריי לאַנגזאַמער, אויף דער עלפטער איז אים קלאָר געוואָרן אַז אייגנטלעך האָט ער זיך גאָרניט דערמאָנט, אזוי אַז ער האָט ווידער אָנגעהויבן אַראָפּנידערן, שטיינבלייבנדיק אויף יעדער שוועל אזוי פיל וויפל ס'איז געווען נויטיק אויף זיך איבערצוצייגן אַז ער האָט זיך באמת גאָרניט דערמאָנט און אין דעם זעלבן ריטעם ווייטער ביז ער איז אָנגעקומען אהיים.

אַ צייט האָבן זיך מיטוואָך מיט דער פרוי אַרומגעדרייט דערשלאָגע־נע, די קינדער פאַרוווּנדערטע, און מיין שוועסטער האָט געזאָגט אַז זיי

קאָנען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס עס האָבן זיך געביטן די באַציאונגען אין שטוב. ביז דעמלט פלעגט זיי די מאַמע נאָכלויפן און בעטן: נעם דאָס, נעם יענץ, און איצט ווי נאָר זיי בעטן עפּעס, א מאַראַנץ, א באַנאַנע, צי גאָר אַן עפּל, ענטפערט זי מיט א קאַטעגאָרישן ניין, גלייך זיי וואָלטן מאַ־נען דאָס טעלערל פון הימל. און זיי די קינדער, קאָנען ניט פאַרשטיין־ וווּנדערן זיי זיך און ניט נאָר זיי וווּנדערן זיך. וואָס מער האָט מיר מיין שוועסטער ניט געזאָגט. נאָך דעם האָבן זיך די קינדער ניט מער געוווּנ־דערט, די מוטער זייערע איז געבליבן א דערשלאָגענע, און ער, מיטוואָך, איז געוואָרן נערוועז, געמורמלט א צייט וועגן געשטריקטע זאָקן אין דער ברייט און געשאָלטן די שטריקערײַ, וועגן אַן אידיאָטישן וויבראַפאָן און וועגן א סאַקסאָפאָן וואָס מיינט אז ער ווייסט עפּעס, אָבער וויסן ווייסט ער א קרענק. נאָר וועגן זיין פּרוי מיט דעם פּאַרקוילטן קנויל אין די אָרעמס האָט ער ניט דערמאָנט אפשר דערפאַר ווייל ענגעלמאַן האָט אויך וועגן דעם ניט גערעדט, צי דערפאַר ווייל די פּרוי און קינדער זענען ניט גע־ווען יענע פון דאָרף (ער האָט זיך געגעט, ווידער חתונה געהאַט און נאָך פיל אנדערע זאַכן האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דער צייט).

די געשיכטע האָט לאַנג ניט געדויערט, איינגאַנצן א חודש אָדער א יאָר. אַנדזשעלאָ איז מער ניט געקומען, אין באַר האָט זיך קיין דזשין און קיין וויסקי ניט געפונען און פּלוימענבראַנפן האָט ער געהאַט געענוג אין דער היים. צי אפשר איבער אנדערע סיבות. קלאָר איז אז געקומען איז ער ניט און אויף דער אַרבעט, צי אויף דער גאַס פלעגט ער אים מער ניט אָפּשטעלן פרעגן וואָס עס טוען די קינדער, אזוי ווי ער פלעגט טאָן פריער. איך האָב געזאָגט: ס'איז דערפאַר ווייל ער ווייסט, ער זעט זיי אויף דער גאַס. אָבער זי, מיין שוועסטער איז ניט געווען מיט מיר איינשטימיק. איך בין געוווינט זי זאָל מיט מיר ניט מסכּים זיין. ווען עס געשעט פאַר־קערט, מוז זי צוגעבן מיט אביסעלע שלעכטקייט, צומאָל מיט פאַרווונדע־רונג: „ער איז גאָרניט אזוי נאַריש ווי ער זעט אויס“.

איצט איז ווידער א זיצונג אויפן זעקסטן שטאָק און א קאָנצערט אויפן זיבעטן. דאָס מאָל אַן אמתער קאָנצערט. ענגעלמאַן דערציילט נאָך א מאָל די געשיכטע וויאַזוי מיטוואָך איז אוועק פון דער היים אלס קינד — אלט געווען ניט מער ווי דרייצן יאָר, האָט ער צוגעגעבן — רעדט ניט מער וועגן זיין אוואַנטיוריסטישן כאַראַקטער, און אזוי ווייטער... מיין שוועסטער באַוועגט זיך נערוועז פון זעקסטן צום זיבעטן שטאָק, זי וויל זען און הערן די רעאַקציעס פון וויבראַפאָן. איז אָבער דער אָרקעסטער

צוזאמענגעשטעלט פון מענטשן וועלכע שפילן מיט ארויסגעשטעקטע צונ־גען אָדער רירן די גאנצע צייט מיט די ליפּן, פרעמדע וועלכע פארשטייען ניט אין וואָס עס גייט ביי אזעלכע דעבאטן און דערפאר רעאגירן זיי ניט. סוף כל סוף פארענדיקט זיך די פארזאמלונג, מיטוואָכן נעמט מען ווידער אויף פאר א חבר, און ביים ארויסגאנג פון זאל ווארט אויף אים ענגעלמאן. „וואָס טוען די קינדער?” טוט ער א פרעג. „וועלכע קינדער?” ענטפערט מיטוואָך. „וואָס הייסט וועלכע?” פּרוווט זאָגן ענגעלמאן מיט יענעם טאָן וועלכער רייסט פון רעלסן און ווארפט אויף אנדערע, איז אָבער דאָס מאָל מיטוואָך א געוואָרנטער, אזוי אז ער ענטפערט: „וועלעכס פון זיי, דאָס וואָס אין עוואס אָרעמס?” ער איז זיכער אז אזא זאך קען אויך אנדזשעלאָ ניט פארגעסן. „קוקסט, אנגעל מיינער, קוקסט?” פרעגט ער, און וואָס עס געשעט ווייטער ווייס איך ניט, ווייל מיין שוועסטער נידערט אראָפּ ווי א שטיין, כ׳ווייס ניט פארוואָס א טרויעריקע און גלייך ווי עפּעס וואָלט זי געעקלט. כ׳מיין אז אפשר איז שולדיק דער דזשאז, ער האָט איר קאליע געמאכט די שטימונג. אזא מאָדנע איז זי...

מיין שוועסטער פליט ניט מער. זי קאָן צו זיך ניט קומען פון דער מידקייט וואָס האָט זיך אָנגעזאמלט אין די יאָרן אין וועלכע מיר זענען ניט געווען צוזאמען. זאָל זי זאָגן וואָס זי וויל, אָבער איך ווייס אז די שיידונגס־יאָרן זענען גרויזאמע, זיי זענען גורם א שרעקלעכע אויסגע־מאטערטקייט. איצט געפינט זי זיך מער אין סאנאטאָריע. עס דאכט זיך איר אז זי איז קראנק. צומאָל האָב איך דעם איינדרוק אז זי שטייט אויף אָן אָרט און די וועלט באוועגט זיך אויף צוריקוועגס, שפּרייט אויס פאר איר געשעענישן וועלכע וואָלטן געדארפט וועקן אלטע ליידנשאפטן און עס געלינגט איר ניט. מיין שוועסטערס צושטאנד איז א לעטארגישער מיט פארשלאָפענע רעאקציעס. ווייזט אויס אז אזוי געשעט עס מיט צווילינגן. אירע געדאנקען זענען אזעלכע פארמישטע אז איך מוז מאכן געוואלטיקע אָנשטרענגונגען זיי תופס צו זיין. און תופס זיין מוז איך זיי ווייל מיר זע־נען א צווילינג, מ׳קאָן זיך קוים פאָרשטעלן ווי שווער ס׳איז מיר. צומאָל בין איך מקנא די וועלכע זענען געוויינטלעכע ברידער, זיי האָבן ניט אזעלכע פליכטן. כ׳האָב אמאָל געקענט... אָבער וואָס פאר א זין האָט צו רעדן וועגן אנדערע ווען ס׳איז נענטער אונדזער אייגענער גרעסערער ברודער וועלכן מיר רעספּעקטירן אָן שום פארפליכטונגען אזוי ווי עס

פירט זיך: היינט אזוי, מאָרגן אנדערש. וויפל ברידער האָבן פארשידענע אָנשויאונגען, געפינען זיך אויף פארשידענע פראָנטן, אויף פארשידענע זייטן פון דער באריקאדע, ווי מען פלעגט אמאָל זאָגן. איך פלעג זאָגן אז פריער אָדער שפּעטער מוזן זיי שלום מאכן און מיין שוועסטער פלעגט מיר נאָכקרומען סארקאסטיש: „שלום מאכן הייסט ניט השלמה" און דאָס לעצטע וואָרט האָט לויט איר איינזיכט געדארפט הייסן כמעט אָפּאָרטוניזם, וואָס איז ווי באקאנט אן אומדערטערעגלעכער שטעמפּל. ס׳איז גענוג דאָס וואָרט זאָל איין מאָל ארויסגעזאָגט ווערן אין צוזאמענהאנג מיט עמעצן, אז יענער זאָל זיך ניט קאָנען אָפּוואשן זיין גאנץ לעבן. פאראן אזעלכע „איזמען" וואָס מען קאָן פון זיי ניט פטור ווערן. איינעם א באקאָנטן מיינעם, ליליענבלום האָט ער געהייסן (די פריינטשאפט מיט אים האָט זיך אָנגעהויבן פון זיין נאָמען הינטער וועלכן כ׳האָב געזען א לעגיאָן חכמים), האָט אזא „איזם" דערפירט צו דער גילאָטינע. גילאָטינע!? עס זאָגט זיך נאָר אזוי, אין דער ווירקלעכקייט איז עס געווען ניט מער ווי א הינריכטונגס־פלוטאָן... דערפאר פלעג איך ווערן טרויריק, צי גאָר אויפגעבראכט ביי אזעלכע ווערטער. זיי האָבן זיך מיר אויסגעדאכט בייזוויליקע. לעצטנס אָבער האָב איך געהערט א געשיכטע וואָס האָט מיך געצווינגען בייטן מיין מיינונג.

עמעצער איז געפאָרן אויף א באזוך קיין ארץ ישראל, זען באקאנטע און אומבאקאנטע. אליין א געוועזענער ישיבה בחור האָט ער זיך מודה געווען אז די געגנטן האָבן אויף אים געמאכט א געוואלטיקן רושם. ער האָט זיך פלוצעם דערפילט א מוראשקעלע, א פארלוירענער צווישן בערג פון וועלכע ס׳האָט זיך געגאָסן די שכינה און ער איז געשטאנען א צערודערטער, א דערשראָקענער ווייל ער האָט ניט געוווסט וואָס פאר א בערג דאָס זענען, צי איז עס דער הר־הזיתים, דער הר־הצופים צי גאָר דער הר־גריזים פון וועלכן עס גיסט זיך די שכינה, ס׳האָט זיך אים געדאכט אז ווען ער זאָל וויסן וואָלט ער געווען ניט נאָר רואיקער, נאָר ער וואָלט פארשטאנען דער שכינהס מיין, געהערט איר פליסטערן. מיט אזא שטימונג איז ער אָנגעקומען אין א קיבוץ וועלכן מען רופט זמיר און זיך באגעגנט מיט איינעם מיט וועלכן ער איז קיין מאָל ניט געשטאנען אויף דער זעלבער זייט פון באריקאדע. יענער האָט אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, איינגעלאַדן אויף מיטאָג ווי ס׳איז דער שטייגער אין קיבוץ און ווי זיי זענען אזוי געזעסן און אונטערגעליינט דאָס הארץ האָבן זיך אים דערמאנט אמאָליקע יאָרן. פרעגט ער דעם קיבוצניק: „דו געדענקסט?" הייבט זיך יענער אויף, זאָגט: „די יאָרן אין וועלכע דו האָסט מיך געפרוווט פארפרעמדן?" נעמט

זיין טעלער און זעצט זיך צו אַן אַנדערן טיש. ער האָט אויף אַ רגע מיט אים שלום געמאַכט, אָבער קיין השלמה האָט ער ניט געקאָנט פּאַרטראָגן.

דאָס דערצייל איך נאָר אַזוי ווייל עס זעט אויס אַז מיין שוועסטער איז דאָך געדעכט. דאָס הייסט ניט אַז איך בין אויף איר ברוגז, חס וחלי־לה. די געשיכטע פון פאַרשידענע אנזיכטן איז דאָך מיר אויך באַקאַנט, נאָר אייניקע מאָל זענען אירע געדאַנקען אויף אַזוי ווייט ניט געוויינטלע־כע, אויף אַזויפיל אָן צוזאַמענהאַנג אַז איך קאָן זיי קוים פאַרשטיין, רע־גיסטריר איך זיי נאָר. ווער ווייסט, אפשר וועט קומען אַ טאָג...

כ'דערמאָן זיך גלייך עס וואָלט זיין היינט. אַ לוקסוס־סאַנאַטאָריע ניט אויף אַ צו הויכן באַרג און ניט אין אַ צו נידריקן טאָל. זי, מיין שוועס־טער, ליגט כמעט די גאַנצע צייט אויף אַ ליג־שטול. אין דער טראַנספּאַ־רענטער לופט זענען די געדאַנקען אָן סובסטאַנץ. מיט פאַרמאַכטע אויגן באַוועגט זי פון צייט צו צייט אַ טיכל איבערן פּנים. זי שיצט דאָס פון די זונענשטראַלן. די טעראַסע איז פּוסט, נאָר זי אַליין רוט אָן געדאַנקען און בראָנזירט די הויט אָן אַ שום ציל. באַווייזט זיך דער אוויאָן — דאָס טעג־לעכע פלוגצייג פון אַראַד — באַגלייט זי עס פון האָריזאָנט ביז האַרי־זאָנט און גייט אין צימער ווו זי רוט ווייטער אַ האַלבע שעה מיט דעם געדאַנק צו די אָנגעדאַנקענדיקע שעה'ן. מיט אַ טאָג פריער האָט זיך באַ־וויזן אויף דער טעראַסע אַ פראַנצויז. ער האָט געזוכט אַ רואיק פּלאַץ און אָנקומענדיק אויף דער טעראַסע האָט ער אַ זאָג געטאָן: פּורטאַן...* מיט פאַרמאַכטע אויגן איז די געל־שוואַרץ געפלעקטע זון געוואָרן די זעלבע וואָס זי האָט אַמאָל געזען אויף אַ לייוונט נעבן וועלכן אַ קינד האָט גע־פרעגט דעם פאָטער, פאַרוואָס טראָגט דאָס בילד די איבערשריפט „סאָלעי ברוּלאַן".** פרווונדיק ענטפערן אויף דעם קינדס פראַגע האָט דער פאָ־טער געזאָגט ניט מער ווי „פּורטאַן" און איז פאַרשוויגן געוואָרן. ס'האָבן זיך דערהערט ניט זיכערע טריט און: זשע ט'עם טוזשור..."

ווען ער זאָל געוועזן זאָגן: „זשע ט'עם ביען" אַזוי ווי מען זאָגט וועגן קעז אָדער געזייערטע עפּל, וואָלט עס געווען פּשוט, אָן סובטעקסט. האָט ער אָבער געזאָגט „זשע ט'עם טוזשור" איז אויפגעשווימען אַ פראַגע „צו וועמען רעדט ער?" דעמלט האָט זי די פראַגע אַראָפּגעדרוקט ערגעץ טיף אין אונטערבאַוווסטזיין, אָבער איצט שוועבט זי ווי אַ דורכזיכטיקע

---

*) דאָך

**) ברענענדיקע זון

ספערע אויפן פאסטעל־בלויען הימל־פונקט אזוי ווי דער אוויאָן נאָר אָן
אָנרעשיקע, אָן אָנגענעם שטילע. איצט צעפליסן זיך די ליידנשאפטן נאָך
איידער זיי באקומען א קלאָרן פראָפיל און די פארגאנגענהייט בלייבט
יענע ווען נפשל — דאָס פרעכע יינגעלע — איז נאָך געווען נפשל, ווען
ווייגדער איז געקומען צום ערשטן מאָל אין דער קולטור־ליגע.

ער פלעגט שטיין אין א ווינקל אָנגעשפארט אין וואנט מיט א פאר־
וואָרפענעם קאָפ אויף ארונטער, מיט איבערגעקרייצטע פיס און דער ארויס־
רופנדיקער בליק האָט שפאצירט פון פערעלעס גאָלדגלאנציקע האָר צו
הוהלעס שווארצע, ווי הייסער אספאלט, ביז ביידע האָבן זיך פאררויטלט.
העכער פון דעם באָרדגריבעלע האָט זיך באוויזן א פאלשער שמייכל ווייל
ווייגדערס נצחון איז געווען א לייכטער, אָן יסודותדיקער און די איראָניע
אָן אלוועלטלעכע, איינשליסנדיק אויך אים אליין. אין א קרומער ליניע
פליסט ער און פארלירט זיך אין דער מאמע ערד ווו ער זוכט אָן אָנשפאר.
ער איז ניט ווי אלע אנדערע. אלץ צעפלייצט ער, רייסט שטיקער, ווארפט
זיי אין פארשידענע ריכטונגען, לאכט אָדער בייזערט זיך, שפארט פון זיין
געלעכטער א טיפער טרויער און פון זיין בייזערן זיך א שרעקלעכע אומ־
באהאָלפנקייט. זי פארשטייט ניט, אָבער ס'איז ניי און עס זעט אויס שיין.
אין קינאָ, אויף דער גאלעריע ליגט ער אן אויסגעצויגענער, אָנגעשפארט
אויף אן עלנבויגן, קוקט ווער ווייסט וווהין, אויפן לייוונט יאָגן כוואליעס,
דער ציגיינער צעגייט זיך אין א וואלס, ער שפילט דעם „בלויען דוניי״,
פרוווט מאכן רעדעוודיק די שטומע בילדער, אין זאל א טיפער קרעכץ
פון צו דעקאָלטירטע קליידער, פון ווייסע ציטערדיקע ברוסטן און צע־
שמעטערטע הערצער. ער: „נעבעך, ליליאן גיש! וועקט מיך אויף ווען דער
סיראָפ וועט נעמען אן ענדע״, און דאָס פובליקום: „דער וואגאבונד!״.
זיינע קארדינאל־פונקטן זענען ניט פיר און ניט פינעף, שווארץ איז ניט
שווארץ, בלוי איז ניט בלוי, רויט איז ניט רויט און איינער מיט אדל־
אָפשטאמונג קאָן האָבן איבערצייגונגען, געפילן און אנצאָליקע אנדערע
מעלות. דערפאר זאָל געוועזן שטאמלען א פון דער גילאָטינע אָפגעשני־
טענער קאָפ, אריינפאלנדיק אין פון שטרוי־געפלאָכטענעם קויש: „אָא״.
אין פלאָנטער פון אירע געדאנקען טויכן אויף פראגעס וועגן נפשלס —
איר קלענסטן ברידערלס — כח הדמיון, וועגן זיין פון ווייגדערס — דעם
שטאלצן בחורס — גורל. וואָס האָט אייגנטלעך נפשל — דאָס נאָך אין זיין
אייגענער מאמען פארליבטע יינגעלע — געקאָנט פארשטיין פון איר הייסן
אָטעם. דעמלט ווען זי פלעגט אהיימקומען שפעט אין דער נאכט, אים

וועקן פון שלאָף און פליסטערן ווערטער אָן זין? ער פלעגט ניט מער ווי פארדרייען דאָס קעפּעלע, שיצן דאָס קינדערישע פנימל פון איר ברענענ־דיקן אָטעם. און וויגדער? זאָל עס טאקע זיין אמת, אז א קרבן פון זיינע אייגענע פאַרשטעלונגען, איז ער געשטאָרבן שטאמלענדיק אָבער ניט ווי א פרינץ?

דער אוויאָן באווייזט זיך ניט. אפשר איז צו פרי אָדער צו שפּעט, זי הויבט זיך לאנגזאם אויף פון ליגשטול, הילט זיך אין דער מאָהאאיר דעק און שפּארט זיך אָן אין דער קאלטער פאַרענטשע. די קלאַרקייט מיט וועלכן עס קייקלט זיך דאָס טייכל וואָס רינט אין טאָל וויל איבערצייגן אז ס׳איז א לויטערס, ווייסט זי אָבער אז ס׳איז ניט אזוי. א קלויסטערל פון אָפּגעברענטע העלצער מיט א מאָדנער ארכיטעקטור דראָוט מיט א שווארצן פינגער. די אויסערלעכע דראָונג איז אן ענטפער אויף אן אנדערער, אויך אן אויסערלעכע, ווייל אינעווייניק הערשט פרידן. אזוי דערמאָנט זי זיך. דער מאָלער האָט געמאכט טיפער א פון ביזאנטינישער דאָגמע פאַר־געשריבענעם שטריך און צוגעגעבן דעם הייליקן אסקעטיזם עפּעס פון ערדישער פרייד. דער טונקעלער קנייטש אויף דעם העלפאנטביין־פּנים איז ניט קיין רוחניותדיק פרומער, ס׳איז א קנייטש פון ערדישן פארשטאנד.

מיט צוויי אָדער דריי יאָר צוריק האָבן זיך נאָך דאָרט געפונען די מאָלער. א ביינערדיקע פרוי און א מאן א ריז מיט שיטערע האָר פון אן אומבאשטימטער פארב וועלכע האָבן קוים באדעקט די שפּיציקע באָרד. מיט דער האק אין האנט האָט ער אויסגעזען ווי א כאכאָל. זיי האָבן גע־בויט א געריסט פון אלטע ברעטער.

— עמעצער אנדערש וואָלט דאָס געקאָנט בויען, האָט אים געפּרוווט עצה׳ן א פריינט.

— ניין, דאָס טו איך מיט מיינע אייגענע הענט, האָט ער געענט־פערט טראָציק. עס זענען געווען אויך הייליקע טעסלער, האָט ער געזאָגט וועקלייגנדיק די האק. ער האָט גענומען א באלקן און אים אָנגעהויבן זעגן מיט ברייטע באוועגונגען. צוזאמען מיטן זעגעכץ האָט זיך פאַר־שפּרייט א גערוך פון יונגער יאָלקע. ער האָט א וויש געטאָן דעם שווייס, די פרוי האָט אים דערלאנגט א ברעט און אזוי ווי זי האָט געקוקט צו אים פון אונטן ארויף האָט זי אויסגעזען מאגדאלעניש פרום — א הייליקע אויך אין איר זנות.

ניין. דאָס פלוגצייג האָט ניט פארשפּעטיקט. עס קומט ווי געוויינט־לעך. עס וואונדערט זי איר בלאָנדזשען אין צייט, לאָזט זי דאָס פליען

איינזאַם, באַגלייט דאָס ניט פֿון האַריזאָנט צו האַריזאָנט, פּאַרקערעוועט דעם בליק פֿון קלויסטער־טורעם, זוכט און געפֿינט יאַלקעס און דעמבעס, סאָסנעס, בעריאָזקעס און ווערבעס אַלץ ביימער אָן פּרוכט. זי גייט לאַנג־זאַם אין צימער און אין דער האַלב טונקלקייט באַווייזט זיך אַן אַנדער קלויסטער.

בעטאָן־פּליטן אין גרינע גראָזראַמען, אָן אַלייע פֿון נוסבוימער, די ליכט אין קלויסטער איז די זעלבע, נאָר דער דערליייזער איז אַן אַנדערער. „ער איז געווען אַ צו טרויריקער וועגן שלום צייטן״, דערקלערט דער שומר און עס שיינט אַז ער איז איינשטימיק מיט די וועלכע האָבן אים געביטן. אַמאָל פֿלעג זי איבערטרעטן די שוועל נאָר נאָך דעם וואָס זי פֿלעגט אויסטרייסלען מיט אַ פֿאַרשנדיקן בליק דעם אַרום. פֿלעגט זיך צוריקציען אין אַ ווינקל (אין יענעם פֿון רעכטס), קניען (די פּאָדלאָגע־ברעטער האָט מען ניט געביטן), צומאָל פֿלעגט זי וואַרטן, צומאָל איז געפֿינען אויף די קני מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. ער האָט ניט געקאָנט פֿאַר־טראָגן דעם בליק פֿון דער איקאָנע. ער איז געווען אַ גלויביקער און האָט ניט געקאָנט אונטערשיידן חסרונות פֿון מעלות, זינד פֿון מצוות. „ער האָט געפּרעדיקט שלום״, האָט ער געזאָגט אין אַ טאָג ווען מען האָט גערעדט וועגן געווער. „ער האָט אָנגעזאָגט אַז דער שלום וועט געבוירן ווערן אין בלוט״, האָט זי געענטפֿערט. „אָן אַנדער שלום״. „ער וואָלט געטאָן דאָס זעלבע, מעגלעך אַז ער טוט דאָס דורך אונדז. טראָגן מיר דען ניט אין אונדז אַ טייל פֿון זיין נשמה?״ זי האָט געוואָלט באַרואיקן אַ גלויביקן וועלכער ווייסט ניט ווו עס הויבט אָן עבודה זרה, אים העלפֿן זיך אויפֿהויבן מיט אַ טרעפּ העכער אויף דער גלויבנס־לייטער, איז ער אָבער געוואָרן פֿול חשד.

„דו ביסט ניט קיין גלויביקע, האָט ער געזאָגט, אפֿשר גאָר אויך ניט קיין קריסטלעכע״. זי האָט ניט געענטפֿערט. אירע געדאַנקען זענען געווען ביים שטראָם וועלכער האָט זי אַהער פֿאַרטראָגן, ביי די פֿון פּאַניק פֿאַרכאַפּטע שטעט, ביי די וועגן ווי ריזן־וועריעם, ביי דעם וואָס איר פֿאַר־האַלטן זיך דאָ איז פּונקט אַזוי צופֿעליק ווי דאָס פֿאַרהאַלטן זיך ערגעץ אַנדערש, כאָטש אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זיין, ווייל אַלע וועגן פֿירן צום ים, און ווייל דאָ האָט עס געוואַרט אויף איר ניט ווייסנדיק אַז אויף דעם זעלבן פּלאַץ וועט זי וואַרטן אויף אים, אַז דאָס איז אַ טייל פֿון שפּיל וואָס ענדיקט זיך. זי האָט געטראַכט אַז אין אַ קורצער צייט וועט מען מער ניט אָנלאָדן קינדער אויף לאַסטוואָגנס און נאָך אַ שעה אָדער

צווי — אזוי פיל וויפל ס'איז נויטיק אז איינער אין א ווייסן כאלאט זאָל ארויסציען מיט א סטערעליזירטער נאָדל דאָס „שמוציקע" בלוט אויף עס צו ריייניקן אין ריין ראסיקע אָדערן — זיי צוריקברענגען און ווארפן פארחלשטע אויף די טראָטוארן, פון וו עס וועלן זיי קלויבן די עלטערן גליקלעכע וואָס זיי קאָנען זיי מקבר זיין אין היימישער ערד. ביי אָט דעם לעצטן געדאנק האָט זי דערפילט אז זי, א צווילינג, קאָן מער ניט לעבן מיט א פערטל נאָרמע ליבע און אויך דאָס א געגנבעטס ביי א ניט געגלוס־טער פרוי. מיט אמאָל האָט זיך איר פארוואָלט אלץ, און אלץ האָט געהייסן א קינד.

ביי דעם זעלבן קלויסטערל, אויף די זעלבע פליטן איז ער געשטאַ־נען מיט אן אָנגעצונדענעם ציגיייער אין דער לינקער האנט, דערנאָך האָט ער גענומען דעם ציגיייער אין דער רעכטער, געדרייט, געפרוווט מאכן פון רויך א ראָד און פון ציגיייער אן עקבויר. האָט זי פארשטאנען אז ער וויל איינאָרדענען געדאנקען, פאנאנדער פלאָנטערן דעם קנויל און איז ניט אומשטאנד. „איל נע פאָ פא, האָט זי געזאָגט, זאָרג ניט, דאָס קינד איז מיינס". אויף א מאָל האָבן זיך זיינע געדאנקען געלייטערט און דער קנויל איז פארשוווּנדן. נאָך צוואָנציק יאָר מיט דעם בליק אויף א לייוונט מיט געלע און בלויע פלעקן האָט ער געזאָגט „זשע ט'עם טוזשור" און זי האָט געענטפערט „פורטאן"...

— ווי ס'ע ביען יסי, איל י א דיו סאלעי,* האָט געזאָגט דער פראנצויז וועלכער האָט סוף־כל־סוף באשלאָסן אז די טעראסע לוינט אים.

— ווי ס'ע ביען, האָט געענטפערט מיין שוועסטער מעכאניש ווייל זי האָט געמיינט אז ער וויל וויסן איר מיינונג, אז ער וויל זיך מיט איר ראָטן.

וועך קאָן זאָגן נאָך אזא געדאנקען געמיש אז איך בין ניט גערעכט. אָבער אזעלכע איז זי מיין צווילינג־שוועסטער. די אנדערע, די עלטערע איז ניט אזוי. זי איז א געזעצטע, אן איבערלייגטע. זי האָט אויך אירע מאָדנע אייגנשאפטן, אָבער אנדערש. צומאָל איז זי א שלעכטע. אזוי האָט זיך מיר אויסגעדאכט דעמלט ווען כ'האָב געהערט ווי זי ווארפט איינעם אין פנים אריין שרעקלעכע ווערטער. דו, האָט זי געזאָגט, ביזט געבוירן

*) יאָ, ס'איז אין אָרדנונג. ס'איז א זוניק פלאץ

געוואָרן מיט א פינצטערער מינע. אזוי ביסטו ארויס פון דיין מאמעס בויך. דאָס פלאָץ האָט דיר ניט געפעלן, ס׳האָט זיך דיר געדאכט א משופּע־דיקס. און דו צו נידריק. פון דעמלט האלטסטו זיך אין איין מוטשען ארויף צו קריכן אויפן שפּיץ בארג און אויב מעגלעך מיט א בייטש אין דער האנט. אן אנדערש מאָל, כ׳קאָן מיך מער נישט דערמאָנען מיט וואָס פאר א געלעגנהייט, האָט זי א זאָג געטאָן: דו, ווען די זאָגסט „מיטלויפער״ טראכטסטו ווייניקער צו דעם אז זיי באגלייטן דיך, אז אָן זיי איז ניט מעג־לעך א דיר צו טאָן דעם וואָגן פאָרויס, ווי צו דעם מאָמענט ווען דו וועסט זיי זען ארויספאלן פון וואָגן. אפשר איז זי גאָרניט געווען אזא שלעכטע, ס׳האָט איר פשוט געטרעטן אויף די נערוון זיין אופן פון ברוגזן זיך אין אלע זייטן מיט טיפע קנייטשן ווי א שלעכט געגארבטע ציגנפעל. מעגלעך אז ס׳איז איר געווען שווער זיך צוצופאסן. די וואס האָבן זיך שווער ארייגעפאסט אין טאָגטעגלעכן לעבן זענען צו יענער צייט געווען געצייל־טע האָט זי אויסגעזען אינטערעסאנט. היינט, זייט די שליאכן זענען אס־פאלטירטע, איז די וועלט פול מיט זיי, אזוי אז זי איז ניט מער אינטע־סאנט. כאָטש צומאָל כאפט זיך ביי איר ארויס א טיפער געדאנק. צוריק מיט א פאָר וואָכן האָט זי מיר געזאָגט אזוי אין מיטן דרינען: ווייסט, עס זענען דאָ מענטשן מיט א היסטאָרישן בליק, און אזא קוק האָט ניט און קאָן ניט האָבן פארשטאנד ניט פאר פארברעכן און ניט פאר מענטשלעכער שוואכקייט. זיי זעען זיי פשוט ניט.

מיין צווילינגשוועסטער וואָלט קיין מאָל ניט געזאָגט קיין מענטשן שווערע ווערטער, פשוט דערפאר ווייל עס אינטערעסירט זי נישט. „אויב יענעם געפעלט, איז לאָז אים צו אלדע...״ זי אליין איז אויך אזעלכע, אזוי ווי עס פאלט איר איין: היינט יאָ, מאָרגן ניין. אויך איר אָנטועכץ איז שטענדיק געווען א באזונדערס. ניט עקסטראוואגאנט, גיכער גלייכגילטיק, אָבער א פערזענלעכע גלייכגילטיקייט. איצט איז עפּעס אנדערש...

כ׳מיין אז אלץ האָט אָנגעהויבן אין יענעם טאָג ווען מען האָט זי גערופן אויף א געוויסן פלאַץ. עס שיינט מיר אז גערופן האָבן זי דאָק־טוירים וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט זכרון פראגעס, אָדער עפּעס ענ־לעכס. נאָך דעם האָט זי צוויי אָדער דריי טעג געהאלטן אין איין ריידן וועגן א טשערעפּאכע וואָס זי האָט געזען אין גרויסן שיינברון גאָרטן: טשערעפּאכע אהין, טשערעפּאכע אהער, ביז איך האָב מיך משער געווען אז גערופן האָט מען זי אין א גרויסן זאל, וווּ די ספּעציאליסטן האָבן גע־רעדט וועגן דערשיינונגען, וועלכע האָבן געהאט א באציאונג צו איר, אָבער

ניט וואָס אָנבעלאַנגט איר צווילינגשאַפט. אפשר האָט דאָס דאָך געהאַט אַ שייכות, נאָר זיי האָבן וועגן דעם ניט גערעדט, אויסגעמיטן אַזוי ווי מען טוט געוויינטלעך: דעם סוביעקט, דעם קראַנקען הייסט עס, דאַרף מען ניט זאָגן. דערנאָך האָבן זיי געלייענט אין אינפאָרמאַציע צוזאַמענגעשטעלט פון אירער אַ חברטע פון די יונגע יאָרן — זיי האָבן פאַרבראַכט אַ צייט צוזאַמען — און איר חברטע ווי עס זעט אויס אויך אַ ספּעציאַליסטקע האָט געקאָנט דערקלערן מיין שוועסטערס אויפפירונגען אפילו יענע וועלכע זענען ניט געווען אין גאַנצן משונהדיקע.

ווען מיין שוועסטער האָט דערזען די שריפט האָט זי דערפילט צוויי הייסע שטראָמען. איינער האָט געשפּאַרט פון די פיס און דער צווייטער האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס אין די שלייפן. געקומען זענען די שטראָמען פון צוויי גרויסע געפעסן און זייער פאַרב האָט איינגעראָמט אַן אָנגענעם געפיל. ווי אויף להכעיס האָט זי אָבער אָנגעהויבן שטיקן. אפשר דערפאַר ווייל אין דער שריפט פון וועלכער זיי האָבן געלייענט איז געווען די רייד פון געשעענישן וואָס זענען קיין מאָל ניט געווען באַשטימט פאַר דער עפנטלעכקייט און אין זאָל האָבן זיך געפונען אַזעלכע וואָס האָבן געשפּיצט די אויערן. איר חברטע האָט געשריבן אַז אין דער צייט ווען זי האָט זיך מיט איר באַפריינדט פלעגט זיך מיין שוועסטער לייכט אָפּזאָגן פון אַ מיטאָג אָדער פון אַ וועטשערע כדי צו גיין אין קינאָ, טעאַטער אָדער צו ווער ווייסט וואָס פאַר אַ ספּעקטאַקל. ס'האָט אויסגעזען אַ נאַריש פלאַפּלערײַ און די חברטע אירע איז ניט געווען קיין פּלאַפּלערן. אָבער ווי עס ווייזט אויס איז עס געווען נויטיק צו דעם דיאַגנאָז. קאָמיש איז נאָר אויסגעקומען וואָס אָט די איינצלהייט האָט דעם עלטסטן פון די דאָקטוירים געטראָפן ווי אַ דונער און אויסשרייענדיק: ווי איז עס מעגלעך?! איז ער אַראָפּגעפאַלן פון בענקל, זיך געוואָלט שנעל אויפהויבן און צוריק געפאַלן אויף דער פּלייצע, אָנגעהויבן מאַכן מיט הענט און פיס און וואָס מער ער האָט זיך געמאָרדעוועט אַלץ שווערער איז אים געווען זיך אויפצוהויבן. אין אָט דער קאָמישער לאַגע (וואָס מען זאָל ניט זאָגן קומט עס דאָך אויס קאָמיש ווען אַ פּראָפעסאָר מאָרדעוועט זיך אַזוי אומגעלומפּערט) האָט ער דערמאָנט מיין שוועסטער אין דעם טשערעפּאַכעלע פון שיינברון גאָרטן.

...אַ טשערעפּאַכעלע זאָל שפּאַצירן אויף דער הויפּטאַלייע אין אַ דעצעמבער טאָג איז אַ וווּנדער. ס'איז געווען אַ וואַרעמער ווינטער, אַן אָנשנייאיקער, מיט אַ לויטערן הימל. די זון האָט געשיינט. דער פּאַלאַץ

איז געבליבן ערגעץ לינקס, ווייט רעכטס אלעגאָרישע ריזנגרופּן פאַרזינ־קענע אין זייער אייגענער באַטייטונג, די שפּרינגברונעמס פאַרשוויגענע, איבער דער פון טיראָלער פויערים געגראָבענער ערד האָט זיך געצויגן א דורכזיכטיקע פאַרע מיט א גערוך פון פייכטקייט און פאַרפוילטע בלעטער. צווי רייען דענקמעלער לענגויס דער אליי, באַהאַלטענע צווישן אָפּגעבלע־טערטע בוימער האָבן געקוקט מיט געבויגענע קעפּ צום רויך פון ברענענ־דיקע אויסגעטרוקנטע צווייגן וואָס האָט זיך געשפּרייט ביי זייערע פיס. א מינוט האָט זיך זיי געדאכט אז עס איז א ווייערעך־רויך האָבן זיי זיך גע־וואונדערט: „ווידער?״. דאָס טשערעפּאַכעלע איז אַרויפגעקראָכן אויף א שטיין, אַראָפּגעפאַלן און געבליבן ליגן אויפן רוקן זוכנדיק מיט די שוואַרצע פיסלעך אַן אָנשפּאַר. זעענדיק ווי עס מוטשעט זיך האָבן זיי א שפּאַן געטאָן, באַצייטנס שטיין געבליבן, שיר־שיר ניט אַראָפּגעפאַלן פון זייערע פיעדעסטאַלן. מיין שוועסטער האָט איבערגעדרייט דאָס טשערע־פּאַכעלע מיטן שפּיץ שוך און די סטאַטועס האָבן בגנבה א שפּאַן געטאָן צוריק צושמייכלענדיק איר מיט א מינע וועלכע האָט פאַראַטן א דערגענ־טערונג, גלייך זיי וואָלטן זי געוואָלט דערמאָנען אז זי איז מיט זיי ווייטע קרובים. זי האָט געלאָזט דעם פּראָפעסאָר זיך מאַרדעווען ווי דעם לעצטן אויסוואורף, זי איז געווען צו אויפגעבראַכט אויף דעם נפש וואָס קאָן ניט פאַרשטיין אזא פּשוטע זאַך ווי זיך אָפּזאָגן פון א מיטאָג און געהאַלטן אז ער איז ניט ווערט מען זאָל אים העלפן אפילו מיטן שוך־שפּיץ. ער קאָן ליגן.

זי איז אוועק מיטן געדאַנק אז דער נצחון איז אירער, אין דער אמתן אָבער האָט זי געליטן א מפּלה, ניט קיין גאַנצע, ס׳איז אויסגעקו־מען ניט מער ווי אז מען האָט ניט אָנגענומען א פּון איר דערוויזענעם אמת און אָפּגעשוואַכט ווי זי איז צו יענער צייט געווען איז זי מער צו זיך ניט געקומען. דאָס וואָס זי איז געווען פריער איז ווייזט אויס פאַר־לוירן געגאַנגען אויף אלע אייביקייטן.

איצט זענען מיר ווידער אין א סאַנאַטאָריע. איר לאַגע פאַרשאַפט מיר גרויסע זאָרגן, זי דערמאָנט מיך אין דער מאַמעס ווערטער אז ווען זי איז נאָך געווען זייער קליין האָט זיך איר געדאַכט אז מיין שוועסטער האַלט אין איין שטאַרבן, אז ס׳איז א לאַנגזאַמער טויט וועלכער האָט אָנ־געהויבן אין טאָג פון געבוירן.

די סאַנאַטאָריע איז צווישן צווי געדיכט באַוואַלדעטע בערג. עט־וואָס נידעריקער, לענגאויס דעם וואַסער, א געפלאַסטערטע גאַס מיט ברייּ־

טע טראָטוארן, הייזער מיט שפּיציקע דעכער וואָס שפּיגלען זיך אין וואַסער. בלאָזט א ווינטל ציטערן זיי אויף, זעט עס אויס א מוזיי אונטער דעם פרייען הימל. דריי שעה אינדערפרי און דריי שעה נאָכמיטאָג שפּאַצירן די געסט, ווער מיט דער פרוי, ווער מיט א מיידל, ווער מיט א טראַנזיסטאָר, נאָר איך איינער אליין. מיין שוועסטער בלייבט אין צימער, ליגט כמעט די גאַנצע צייט אין בעט. מערקווירדיק ווי די מיט די טראַנזיסטאָרס שפּאַצירן. דער אָפּשטאַנד צווישן זיי זעט אויס א געמאָסטענער. ס'איז מיר איינגעפאַלן אז עס באַצאָלט זיי די פאַרוואַלטונג, אז זיי זענען באַוועגלעכע לויטשפּרעכערס ווייל אלע האָבן אָנגעשטעלט די אַפּאַראַטן אויף דער זעלבער כוואַליע וואָס פאַרשפּרייט אינדערפרי טרויעריקע און נאָכמיטאָג טענצלדיקע מעלאָדיעס. אפשר איז עס אזוי נאָר אין די טעג ווען איך גיי שפּאַצירן און דאָס קומט ניט פאָר זייער אָפט ווייל די גרעסטע טייל פון צייט בלייב איך זיצן ניט ווייט פון מיין שוועסטער. ניט אין איר צימער כדי איך זאָל זי ניט שטערן. לעצטנס איז זי זייער נערוועז. ס'איז פאַרשטענדלעך: ניט אָנגענעם און זייער ניט לייכט איז ניט מער צו זיין דאָס וואָס מען איז געווען, אפילו ווען מ'איז ניט געווען ווער ווייסט וואָס, על אחת כמה וכמה מיין שוועסטער...

אריינגייענדיק אין עס־זאַל, דעם דריטן פאַרנאַכט נאָך אונדזער אָנקומען אויפן קוראָרט, האָבן מיר באַמערקט גרויסע פאַרענדערונגען. אויפן פּלאַץ פון די איינגאונצוואָנציק טישלעך זענען געווען דריי לאַנגע טישן געדעקטע מיט קאָלירטע טישטעכער, מיט ניי געפעס און מיט בלומען־וואַזן. עפּעס יום־טובדיק. דער דירעקטאָר פון דער סאַנאַטאָריע האָט זיין באַזונדערן סדר, ווי ער אליין זאָגט, צו מאַכן קענטשאַפט מיט די געסט און צו באַקענען די געסט צווישן זיך. דאָס איז די יום טובדיקע זייט פון אָנטמאָל, די אנדערע איז וועגן אָנווייזונגען ווי אזוי א גאַסט דאַרף זיך אויפפירן. ביי אָט די לעצטע ווערטער שמייכלט ער צווידייטיק, איז ניט קלאָר צי איז דאָס א מין אַנטשולדיקן זיך אָדער ער ווייסט וואָס ער ווייסט· עטלעכע האָבן פאַרשפּעטיקט (דער אינטענדענט האָט פאַרגעסן מיטצוטיילן די איבריקע האָבן געוואַרט. איינער אַן עלטערער, אַן אומגעדולדיקער, האָט פון צייט צו צייט א כאַפּ געטאָן בגנבה, מיט צוויי פינגער, א טאָמאַטנרייפטל און אויך בגנבה געקייט, גלייך ווי ער וואָלט זיך שעמען וואָס ער האָט קיין ציין ניט. קייענדיק האָט זיין פּנים אויסגעזען נאָך פערדישער און האָט ארויסגערופן א נאָך גרעסערע פאַרוואונדערונג ווייל ווער ווייסט ניט אז פערד מעלה־גרהן ניט. כ'האָב זיך ארומגעקוקט און דערזען

אז די מערהייט האָט אזעלכע פּנימער. כ'האָב געמיינט אז זיי וועלן אָנ־הויבן שאָקלען מיט די קעפּ אראָפּ און ארויף אזוי ווי עס טוען אלע פערד ווען זיי ווילן פארטרייבן פליגן אָדער אָפּקילן זיך.

אין עס־זאל איז געווען א שרעקלעכע היץ, זיי אָבער זענען געזעסן שטייפע פון רוגז וואָס זיי דארפן ווארטן אויף די ניט דיסציפּלינירטע געסט. ענדלעך זענען געקומען אלע און דער דירעקטאָר האָט אונדז פאַ־מעלעך באגריסט, האָט געגעבן אָנווייזונגען, גערעדט וועגן טעלער, גלע־זער, גאָפּלען, היגיעניש פּאַפּיר און נאָך אזעלכע זאכן וועלכע געהערן דער סאנאטאָריע און ס'איז א גלייכע זאך זיי זאָלן דאָרט בלייבן. פּלוצעם האָט מיין שוועסטער אויסגעשאָסן אין א געלעכטער, האָב איך זי געמוזט אָפּפירן אין צימער. ווען זי האָט זיך בארואיקט האָב איך זי געפרעגט וואָס ס'איז געשען, וואָס איז דאָ צו לאכן, האָט זי מיר געענטפערט אז אזוי האָט געלאכט צום לעצטן מאָל נאָטעלע, נאָטען האָב איך געקענט, אזוי אז איך האָב מער קיין פראגעס ניט געשטעלט, כ'האָב פארשטאנען אז זי מוז זיך אויסרוען. האָב איך געבראכט א גלאָז יאגורט, דאָס געשטעלט אויף דעם נאכטקעסטל טאָמער פילט זי הונגער זאָל זי עפּעס געפינען.

דעם אנדערן טאָג זענען מיר געגאנגען שפּאצירן ניט ווייט פון דער סאנאטאָריע, כ'האָב זיך ניט דערוואַרט אז זי זאָל רעדן. כאָטש איר דער־ציילן האָט געהאט א צוזאמענהאנג, אויסגעזען לאגיש, קלאָר, פארשטענד־לעך האָב איך דאָס ווייניק וואָס פארשטאנען. כ'האָב אָבער אלץ רעגיס־טרירט פּינקטלעך אין זיכרון. דער אופן פון איר דערציילן האָט מיר איינ־געראָמט אז כ'דארף זיין זייער אויפמערקזאם, אז ס'איז וויכטיק צו פאר־געדענקען וואָס מער איינצלהייטן, אויסדרוקן, ווייל ס'איז מעגלעך אז...

ווען ס'איז די רייד פון איר, קאָן איך דאָס וואָרט ניט ארויסרעדן. כ'ווייס אז ס'איז א נארישקייט, אז איבערגלויבן איז א בושה, איבריקנס בין איך נישט איבערגלויביש, אָבער ווען עס האנדלט זיך פון איר קאָן איך ניט. כ'האָב מורא צו בלייבן אליין א שוואכער און בלייכער, ווייל זי, מיין צווילינג־שוועסטער, האָט שוין ניט וואָס איבערצולאזן, אירע כוחות זענען צו ענדע.

— אזוי האָט ער געלאכט דאָס לעצטע מאָל. ניט מיט זיין געוויינטלעכן געלעכטער. זיי זענען געזעסן א וואָך... דערציילט זי אין דריטער פּערזאָן. עס קומט איר אויס לייכטער. אזוי האָט זי אויך דערציילט מיט יאָרן צוריק ווען מיר זענען געווען יונג. דעמלט פלעגט זי מיר דערציילן א סך זאכן, אָדער אפשר פלעגט זי גאר זיך אליין איבערדערציילן די גע־

שעענישן און איינצייטיק געוואַלט הערן וויאַזוי זיי קלינגען אין א פרעמדן אויער.

— אין דער צייט פון הונגערמאַרש איז זי געגאַנגען צוזאַמען מיט מאַשאַן.

איך האָב פאַרשטאַנען אַז די וואָס איז געגאַנגען מיט מאַשאַן איז געווען טאַקע מיין שוועסטער, אַנדערש וואָלט זי געווען געזאָגט א נאָמען, ווייל די וועלכע איז געגאַנגען מיט מאַשאַן האָט דאָך אויך געמוזט האָבן א נאָמען.

— מאַשאַ האָט איר געזאָגט זי זאָל זיין פאָרזיכטיק. ס'איז מעגלעך אַז די פּאָליציי זאָל זיך אריינמישן. אין שטאָט איז זי געווען א פרעמדע, די אַגענטן האָט זי ניט געקענט, האָט מען זי ארעסטירט. ניין טעג האָט מען זי אָפּגעהאַלטן אין פּאָליציי קעלער. זי האָט דאָרט געפונען פיל פרויען האָט זי געמיינט אַז אויך זיי האָט מען פאַרנומען פון הונגערמאַרש. זי האָט ניט געוווּסט אַז זיי, די פרויען, גייען טאָג טעגלעך אויף א הונגערמאַרש, יעדע פאַר זיך, אינדיווידועל. זי האָט זיך נאָר געוווּנדערט וואָס איינציקע גייען, אַנדערע קומען, גלייך ווי דער מאַרש וואָלט זיך קיין מאָל ניט ענדיקן, גלייך ווי ער וואָלט זיין אַן אייביקער. אין א טאָג האָט מען געבראַכט א מיידל א שיינקייט אָנגעטון מיט א ווייס, ווייס קלייד. אַזעלכע האָט זי ביז דעמלט ניט געזען. מ'האָט זי אריינגעוואָרפן אין צעלע, זי איז געפאַלן אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע, האָט געשריגן, גע־שאָלטן, געחלשט, ווידער געשריגן, אָבער קיינער האָט איר ניט געהאָלפן. זי האָט געפרוווט אויפהויבן דאָס מיידל, האָבן די איבריקע געלאַכט: „בהמה, האָבן זיי געזאָגט, זעסט ניט אַז זי איז שיכור?"

„שיכור?!" צוערשט איז עס אויסגעקומען אומפאַרשטענדלעך, דער־נאָך האָט זיך אָנגעהויבן בלעטערן א בוך מיט צייכענונגען פון כל־ערליי העלגעפאַרבטע מיקראָבן און ווירוסן. זי האָט זיך ארומגעקוקט און פאַר־שטאַנען פאַרוואָס די לופט איז אַזאַ געדיכטע, פאַרוואָס אין קעלער אָטעמט זיך שווער, דערפילט ווי עס קריכן אין מויל, אין די נאָזלעכער און אין די אויערן טשעכאָטקע און סיפיליס־מיקראָבן און ס'האָט זיך איר גע־דאַכט אַז אָט, אָט פאַלט זי אַוועק נעבן דער ווייסגעקליידטער אין א טויט חלשות. זי האָט זיך קוים דערשלעפּט צום פענצטערל, געוואָלט זען די לופט פאַר דעם שלינגען זי אין די לונגען. זי האָט ניט געוווּסט וויפל צייט זי איז געבליבן א צוגעקאָוועטע מיטביידע הענט צו די גראַטעס ביז מען האָט זי גערופן און אָפּגעפירט אין א צימער מיט א מאָדנע בענקל.

דריי מענער אין ווייכע כאַלאַטן האָבן זי געוואַלט צווינגען אַרויפקריכן אויף דעם בענקל, האָט זי זיך אַנטקעגנגעשטעלט מיט אַזאַ כּוח, און געשריגן מיט אַזעלכע קולות, אַז אַפילו זיי האָבן זיך דערשראָקן און מען האָט זי אָפּגעשיקט אַהיים אין איר שטעטל, צו פֿוס אין באַגלייטונג פֿון זשאַנדאַרמען. אַ צייט לאַנג האָט מען געזאָגט אַז זי איז אַפּאַטיש. פֿאַרשטייסט? נאָר ניין טעג און זי איז געבליבן אַ צייט אַפּאַטיש. צי אפֿשר אַפֿילו ניט קיין ניין, אָבער ניט ווייניקער ווי צוויי, אַזוי פֿיל וויפֿל זי איז געבליבן אין פּאָליציי־קעלער נאָך דעם וואָס מען האָט געבראַכט די מיט דעם ווייסן קלייד. אפֿשר איז זי געבליבן אַפּאַטיש נאָר פֿון געראַנגל מיט יענע דריי אין ווייסע כאַלאַטן. פֿאַרשטייסט?

איך האָב איר געזאָגט אַז איך פֿאַרשטיי, דער אמת איז אַז איך האָב ווייניק וואָס פֿאַרשטאַנען. ס׳איז מיר אַפֿילו אויסגעקומען אַביסל קאָמיש וואָס זי שטרייכט אונטער ניין טעג, צי נאָר צוויי, צי נאָר יענע פּאָר מינוט. וואָס האָט דאָס אַלץ צו טון מיט בלייבן אַ צייט אַפּאַטיש? איצט דערציילט זי נאָר וועגן אַכט טעג און איך ווייס ניט צי וועל איך פֿאַרשטיין מער פֿון דער נייער געשיכטע, אָבער זאָגן זאָג איך גאָרניט. איך שאָקל נאָר צו מיטן קאָפּ אַ שוויַיגנדיקער.

— זיי זענען געווען דריי: נאָטע, חנה און זי (ווידער זי). איך האָב זי גערופֿן דאָרא. פֿאַר דעם באַפֿרייען האָט מען זיי אַלע דריי אַרויסגערופֿן צום עלטסטן פֿון דער זיכערהייטס־פּאָליציי. דער עלטסטער איז דאַכט זיך מיר דעמלט געווען נאַנו. איבעריקנס איז דאָס ניט וויכטיק.

זי שווייגט אַ רגע, ס׳איז איר שווער צו רעדן אָדער אפֿשר איז איר יאָ וויכטיק ווער ס׳איז דעמלט געווען דער עלטסטער, ווייל זי זיך דערמאָנען, זען דאָס פּנים. צי זי האָט זיך דערמאָנט ווייס איך ניט, ווייל זי זאָגט מיר ניט.

— דער עלטסטער זאָל רופֿן פֿאַר דעם באַפֿרייען, שמעקט מיט גע־פּאַר. דאָס האָט געקאָנט זיין דער אָנהויב פֿון אַ נייער אַנקעטע אָדער ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ פּראָוואָקאַציע. אין וואַרטצימער האָט זיי אויפֿגענומען אַ קאָמיסאַר. אויפֿפֿאַלנד איז אויסגעקומען זיין העפֿלעכקייט. ער איז פֿאַרשוונדן אין נאַנוס אַרבעטצימער, תּיכף צוריקגעקומען געלאָזט הינטער זיך די טיר אָן אָפֿענע ווי איינער רעדט, נאַנו וואַרט, איז דער גאַנצער עסק געוואָרן נאָך פֿאַרדעכטיקער.

נאַנו האָט באמת געוואַרט. אויסגעזען האָט ער מיד, אויסגעמאַטערט ווי נאָך אַ ניטגעשלאָפֿענער נאַכט. ווען זיי זענען אַריין אין אַרבעטס־

צימער איז ער אויפגעשטאנען פון בענקל, א זאָג געטאָן דעם קאָמיסאר: „כ׳וויל מען זאָל אונדז ניט שטערן“ און זיך צוריק אוועקגעזעצט. זיי וואָלטן געווען געדארפט פּראָטעסטירן, ניט צולאָזן אז א פּאָליציי באאמטער, מעג ער זיין אפילו נאנו, זאָל רעדן וועגן זיי מיט א טאָן און אויסדרוק וו׳עלכע שטעלן זיי מיט אים אויף דער זעלבער שטופע. זיי זענען רעוואָלוציאָנערן און ער איז ניט מער ווי א הונט, וואָס היט אן אָרדנונג. אלץ האָט זיך אָבער אָפּגעוויקלט אזוי אומדערווארט אז זיי האָבן פארשפּעטיקט צו רעאגירן. די טיר האָט זיך פארמאכט הינטער דעם קאָמיסאר און נאנו, גלייך ווי ער וואָלט געווען לייענען זייערע געדאנקען, האָט זיך געאיילט זיי בעטן זיך זעצן. פּראָטעסטירט ניט, האָט ער צוגעגעבן. איך בין מיד און ס׳וואָלט זיין נאָר פארלוירענע צייט און אפשר אויך אן איין־און־איינציקע געלעגנהייט. קאווע, זאָגט ער, האָב איך ניט באשטעלט, כ׳ווייס אז מיט מיר וועט איר ניט טרינקען, אפשר זענט איר גערעכט. אין אונדזערע געגנטן איז קאווע געוואָרן מער ווי א פּשוט טרינקעכץ. „אין אונדזערע געגנטן“ האָבן זיי איבערגעחזרט אין געדאנק, ניט פארשטאנען דעם מיין, אויפגעריסן די אויגן און געבליבן זיצן מיט א שטארן קוק. צעקנייטשטע, ניט געוואשענע פון אכט טעג, מיט גרויסע שווארצע רעדער ארום די ברייט צעעפנטע אויגן האָבן זיי אויסגעזען אויף די ווייכע בענקלעך וואָס ארום ריזיקן פלאָרענטינער שרייבטיש ווי נעבעכדיקע שאָטנס, אָדער ווי מענטשן וועלכע מען האָט געכאפּט ביי א גנבה. דורך די שווערע פירהאנגען האָט זיך געזיפּט א געל ליכט, דערמאָנט אז אויף דער אנדערער זייט פענצטער הערשט א שרעקלעכע יולי־היץ, פון דער גאס האָט זיך דערטראָגן דאָס צעצויגענע קול פון א פויער וואָס האָט געלויבט זיין סחורה מיט שוואכער איבערצייגונג. צוזאמען מיט דער שטימע האָבן אריינגעדרונגען אין צימער די גאס, דער טראמוויי, דער גערוך פון איבערגעהיצטן אספאלט, דעם פויערס געשפּאָלטענע פּיאטעס און געבויגענע פּלייצע, א קאזיאָנער שטויב האָט זיך לאנגזאם געלייגט אויף דער דעק פון פלאָרענטינער שרייבטיש, זיך געשיט צוזאמען מיט דעם אָפּגעשוואכטן ליכט איבער דעם פארמאטערטן עלטסטן וואָס האָט אויסגעזען ווי א פארגעלטער פון ארכיוו ארויסגעשלעפּטער דאָקומענט.

נאנו האָט גענומען פון טיש א בראָשור, זיך א רגע פארטראכט, אָפּגעשטויסן מיט א ביטול־גרימאסע א געדאנק וואָס האָט געפּרווט בליצן. ניין, האָט ער געזאָגט, ס׳איז ניט קיין בראָשור וואָס איז געדרוקט געוואָרן אומלעגאל. ס׳איז ניט מיין כונה אייך פאָרצוווארפן דאָס אָפּדרוקן זי.

ס'איז „דער 18־טער ברומאר פֿון לודוויג באָנאפּאַרט". איר קענט זי? ניין? אויך דו חנה קענסט זי ניט? „דער פּאָליציימאַן האָט באַזיגט די פּרעטענזיעס אויף געשליפֿנקייט, ניט דוצן קאָן ער ניט", האָט א טראַכט געטאָן חנה און האָט געהאַט א טעות. ער האָט איר געשטעלט די פֿראַגע דירעקט ווייל ער האָט געוווּסט אַז איר פּלאַץ איז צווישן דער באַזע און שפּיץ, דאָרט ווו מען וואָלט געדאַרפֿט וויסן וועגן דער בראָשור.

נאַנו האָט געהאַט זיין אייגענע אָנשויונג וועגן דער וועלט, א באַרג פֿון פֿאַרשיידענע געאָמעטרישע פֿיגורן, זעלטן קובישע אָדער ספֿערישע, די מערהייט קאָנוסן און פּיראַמידן. אַזוי האָט ער אויך געזען די אָרגאַניזאַציעס מיט וועלכע ער האָט זיך אָפּגעגעבן, און אָפּגעגעבן האָט ער זיך מיט אַלע. דאָס פּלאַץ פֿון די וועלכע דאַרפֿן, אָדער מוזן, וויסן איז געווען לויט זיין מיינונג צווישן דער העלפֿט פֿון מיטלען און העלפֿט פֿון אויבערשטן דריטל פֿון דער פּיראַמידע. דאָס דוצן איז אַזוי אַרום געווען גיכער א צייכן פֿון גלייכקייט צווישן מענטשן וועלכע געפֿינען זיך כמעט אויף דער זעלבער שטופֿע, ווייל אויך די לאַנדפֿאַרוואַלטונג האָט נאַנו געזען אין דער פֿאָרם פֿון א פּיראַמידע און זיין פּלאַץ בערך אויף דעם זעלבן ניוואָ ווי חנה'ס אין איר אָרגאַניזאַציע, אפֿשר אַביסעלע העכער. פֿון איר קוק האָט ער פֿאַרשטאַנען אַז אין עפּעס איז ער זיך טועה, מיט וואָס איז אים ניט געווען קלאָר, ער האָט געטראַכט אַז אין פֿאַרלויף פֿון שמועס וועט ער דאָס אויפֿקלערן. אויפֿגעבן דעם שמועס האָט ער ניט געוואָלט און ניט געקאָנט. ער האָט געמוזט רעדן און ניט פֿאַר אַבי וועמען, ער האָט געדאַרפֿט האָבן פֿאַר זיך אויערן וואָס קאָנען הערן, וועלכע קאָנען פֿאַרשטיין דעם פֿאַרנעם פֿון דעם וואָס מוטשעט אים. נאַנו איז געווען א ציניקער, אָבער דאָס מאָל האָט זיך אים די שפּיל אויסגעוויזן א צו ריזיקירט'ער.

ער האָט געקאָנט פֿירן דעם שמועס אויך מיט אַזעלכע וואָס געפֿינען זיך נענטער צום שפּיץ פֿון דער פּיראַמידע. מיט זיי איז אָבער נאַנון ניט אינטערעסאַנט צו שמועסן. ער האַלט אַז זייערע מיינונגען זענען גיכער רעטעניש. ביי זיי מוז מען טרעפֿן דאָס וואָס זיי דערזאָגן ניט. שטייט מען צו איז מען א גראַביאַן, א מענטש אָן פּאָליטישן חוש. דערפֿאַר האָט ער אויסגעקליבן דווקא זיי דריי. ביי דעם ניוואָ איז נאָך ספּאָנטאַנקייט א מעלה.

— ס'האָט אויף מיר געמאַכט א געוואַלטיקן איינדרוק דאָס פֿאַרשטיין פֿון מאַכט־מעכאַניזם, זיינע פֿאַרשידענע אימפּליקאַציעס און קאָנ־

סעקוועגצן. איר וואָלט געזאָגט א געניאַלער אַנאַליז, איך קאָן דאָס מיר ניט דערלויבן. איבריקנס האָב איך קיין גאונים ניט ליב. זיי האָבן אויף מיר א האַמעוודיקן איינפלוס, ער האָט אָנגעהויבן לאַכן און אין דעם מאָ־מענט פאַרשטאַנען אין וואָס עס באַשטייט זיין טעות אין אָפּשאַצן חנה׳ן. זי איז ניט קיין ציניקערן. זיין געלעכטער איז געוואָרן נערוועזער.

— איך האָב אייך גערופן צופעליק אָבער איצט זע איך איין אַז מיין אינטואיציע האָט מיך ניט אָפּגענאַרט. דער מאַכט־מעכאַניזם איז אייך פרעמד, אינטערעסירט אייך ניט. איר זענט ניט מער ווי אומרואיקע מענטשן. רעוואָלטירטע, איר קאָנט זיך ניט איינפּאַסן אין דער געזעל־שאַפט, איר קאָנט מיט איר ניט שלום מאַכן ניט וויסנדיק פאַרוואָס. חנה האָט זיך א ריר געטאָן אויפן בענקל, געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט נאָנו א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי א גלייכבאַרעכטיקטער אָפּאָנענט, וועלכער פאָדערט מען זאָל אים לאָזן אַרויסזאָגן זיין מיינונג. מען דאַרף דאָס ניט פאַרשטיין ווי א פאָרוווּרף. פאַרקערט, דערפאַר זענט איר דאָס זאַלץ פון דער וועלט, אָן אייך האָט זי קיין טעם ניט. מיין פליכט איז אויפצולייזן אָט דאָס זאַלץ. עס פאַרשאַפט מיר ניט שטענדיק קיין פאַרגעניגן. נאָנו האָט זיך ווידער צעלאַכט, דאָס מאָל האָט אים ניט געאַרט וואָס זיין ציניזם איז אַזוי אויף דער האַנט, וואָס זיין געלעכטער קלינגט ניט נאַטירלעך. ווי איר זעט האָט יעדער זיינע קאָנפליקטן, זיינע געוויסנספראַגן, זיין אייגענעם גורל. מיין גורל איז אויפצולייזן. די געזעלשאַפט דאַרף און מוז האָבן איר סטאַבילקייט, זי דולדט אייך אַלס ספּעקטאַקל אָבער ניט מער. זי וויל פעסטן באָדן אונטער די פיס אָדער כאָטש אַן אילוזיע פון קביעות, פאַר אָט דער אילוזיע באַצאָלט זי מיך.

נאָנו האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און אָנגעהויבן שפּאַצירן איבערן צימער. נאָטע האָט באַמערקט ווי ער שפּיגלט זיך אין דאָראַס שוואַרצאַפּל האָט עס אים דערמאָנט אין בוטנאַרון, אַן אייגנטימער פון א בריטשקע מיט צוויי פערד, איז ער געווען א סטאָלב פון די פּאַרטייען ביי דער מאַכט. שפּאַצירן פלעגט אים געפעלן דווקא אין דער מיטן גאַס. מעג־לעך אַז ס׳איז געווען ניט מער ווי א געוווינהייט, אויף דער קאָזלע איז אים שטענדיק אויסגעקומען צו זיין אויף דער מיטן גאַס. מענטשן האָבן דאָס אָבער אויסגעלייגט אַנדערש, ווייזט אויס מחמת זיין בויך וועלכן ער פלעגט טראָגן מיט צו גרויסן כבוד, אָדער זיין נייגעריקייט צו וויסן וואָס עס טוט זיך לענגאויס די גאַסן, צי גאָר דערפאַר ווייל ער פלעגט אָפּט שטיין און אָנקוועלן פון דעם אין דריי קאָלירן געפאַרבטן סטאָלב, וואָס

אין הויף פון דער זשאנדארמעריע. דאָס ראַנגלעניש פון מענטשעלע וואָס אין דאַראָס שוואַרצאַפּל איז אים אויסגעקומען קאָמיש, ס׳האָט זיך אים געוואָלט א ווייז טאָן דערויף מיטן פינגער, האָט ער אָבער דערהערט נאַ־נוס קול.

— ניין, קיינער דאַרף אייך ניט. אַן עם־קשה־עורף זענט איר, אומ־באַקוועמע מענטשן.

זיך צוריקגעזעצט, א פּיר געטאָן דעם בליק איבער די ווענט, גלייך ווי ער וואָלט עפּעס זוכן, געלאַכט דריבנע כמעט קינדעריש.

— אויב איר מיינט אז אונטערן טיש איז אַן אַפּאַראַט וואָס רעגיס־טרירט אונדזער שמועס, אז דורך די ווענט קוקן צענדליקער אויגן, נאַרט איר זיך אָפּ. דאָס וועט זיין שפּעטער, דעמלט וועט אויך דער זיכערהייטס־פּאָליציי־שעף ניט וואגן זיך צו דערלויבן אזעלכע ספּעקולאטיווע געדאַנ־קען בקול רם. פּילט אייך פרייער, ער האָט גענומען פון טיש א גלעזל קאָניאַק, א שמעק געטאָן ווי א ייד נאָך הבדלה פון בשמים פּושקעלע. נאָטע האָט באַמערקט, אז נאַנו האָט לאַנגע דינע פינגער און א טראַכט געטאָן „כמעט מיידלישע״. ניין, עס וועט ניט זיין קיין צייט פון ווידוי. זשע סיו ביען פּלאַסע פּור לע סאַוואַר.*

זיי זענען געזעסן אויף די בענקלעך און געקוקט צו דעם מענטשן וואָס האָט גערעדט גלייך ווי ער וואָלט זיך געפינען פאַר א גרויסער אוידיטאָריע. די טערמינען פון דער עקוואַציע ווערן פון טאָג צו טאָג קלאָרער האָט נאַנו פאָרגעזעצט זיין פּאַרטראַג, אפשר דערפאַר האָט אויף מיר געמאַכט אזא איינדרוק די בראָשור. עס וועט קומען א טאָג אין וועלכן איר וועט זיך דערמאָנען אין מיינע רייד, אז איר וועט זיך דערמאָנען איז קיין ספק ניט. מעגלעך אז איר וועט לאַכן. ס׳זאָל געשען אזוי און ניט אנדערש וואָלט מיר הנאה געטאָן. מיר זענען פיינט, אויסגעשפּראָכענע פיינט און דאָך ווינטש איך אייך ניט דעם טאָג אין וועלכן איר וועט קו־מען צום באַשלוס אז נאַנו איז ניט געווען שיכור און אויך ניט משוגע. כ׳האָף אז איר וועט זיין גענוג שטאַרק אויף ניט צו באַגיין זעלבסטמאָרד. איר זענט דאָך ניט קיין פּאָעטן!

נאַנו האָט אָפּגעוואַרט א צייט, געוואָלט זען דעם עפעקט פון זיינע רייד, איז אָבער זיין וואַרטן געווען אומזיסט. ס׳האָט זיך אים געדאַכט אז זיינע ווערטער בלייבן הענגען אין צימער, אז זייערע אויערן זאַפּן זיי

---

*) פון אָרט אויף וועלכן איך געפין זיך קאָן מען וויסן.

ניט איין. „זיי זענען ניט אומשטאנד", איז אים איינגעפאלן, „טיפשים, כ'־וואָלט זיי געדארפט ארויסווארפן פון צימער, ניט פארלירן די צייט". ארויסגעוואָרפן האָט ער זיי ניט. ער האָט געוווסט אז אנדערע, אזעלכע וואָס געפינען זיך נעענטער צום שפּיץ פון דער פיראמידע קאָן ער ניט רופן. זיי זענען ניט קיין באזעסענע פון אומרו. די אומרו־וועלט איז זיי פרעמד און אפשר איז בעסער אזוי.

— עס קומט אן עפּאָכע פון שטרענגע רעזשימען, אָן געזעצן אויב ניט קעגן־געזעצן. איך האלט זיך פאר א דעמאָקראטיש געשטימטן מענטשן כאָטש ס'זענען פאראן אזעלכע וואָס לייקענען דאָס, וועלכע זענען איבער־צייגט אז ס'איז ניט אזוי. לויט זייערע איבערצייגונגען שליסט דעמאָ־קראטיע אויס דעם אנטיקאָמוניזם און איך בין אן אויסגעשפּראָכענער אנ־טיקאָמוניסט. מיר שיינט אָבער אז אנטקעגן דעם וואָס קומט וועט אלץ וואָס געווען פריער אויסזען ניט מער ווי א גראָטעסקע שפּיל. אויטאָ־דא־פע, אפּאָקאליפּס...

א צעקוועטשטער מיט פארדרייטע אָפּגעברענטע בלעטערשפּיצן האָט דער ציגאר אויסגעזען ווי אן אָפּגעשאָסענער דום־דום פּאטראָן (נאנו איז געווען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה), א סימבאָל, און נאנו האָט ניט געפּרווט פארהוילן זיין מורא.

— איך גרייט צו א נייע בריגאדע. ס'איז נאָך א סוד אָבער איך קען דעם עולם, ס'איז א באנדע מיט וועלכער מ'האלט קיין סודות ניט. אינגיכן וועט מען זיי אָנווייזן מיטן פינגער, ווי נאָר זיי וועלן זיך באַ־ווייזן. זייער האלטונג, זייער ברוטאליטעט פאראַט זיי. ניט שווער צו אָרגאניזירן בריגאדן. וועגן זייער ווירקזאמקייט איז ניטאָ וואָס צו רעדן. ער האָט דאָס געוווסט פּינקטלעך, האָט נאנו געזאָגט אָנווייזנדיק מיטן פינגער די בראָשור. א בריגאדע קעגן די אומרואיקע, קעגן די וואָס קאָ־נען זיך ניט איינפּאסן אין אינסטיטוציאָנאליזירטן לעבן. עס דאכט זיך מיר אז דאָס קאָמישסטע אין דעם איז וואָס אָט די בריגאדע וועט זיין מיין דויערווערק. זי וועט איבערלעבן אלע רעזשימען.

א שווערע שטילקייט האָט אָנגעפולט דאָס צימער. די זון האָט גע־שיינט אין אנדערע פענצטער, דאָ איז דאָס ליכט געווען פויל און די לופט האָט באקומען א שלעכטן גערוך.

אויף דער גאס האָבן אלע דריי אָפּגעאָטעמט. נאָך אלע צען שפּאן האָט נאָטע אויסגעשאָסן אין א הילכיק געלעכטער און ניט מיד געוואָרן

איבערצוחזרן: „א משוגענער, א פאַלנע משוגענער, וואָס וויל מ'זאָל מיינען אז ער איז א פילאָסאָף". חנה האָט נאָר געזאָגט: „אזא מנוול!"

— און ווען האָט ער געלאכט דאָס לעצטע מאָל? פרעג איך מיין שוועסטער כאָטש איך ווייס אז צופיל רעדן שאדט איר.
— ווער?
— נאָטע.
— אהא נאָטע! דאָס לעצטע מאָל א סך שפעטער. כ'האָב אים באַגעגנט אין אן אינדערפרי. ער האָט זיך געאיילט. מיר א מאך געטאָן מיט דער האנט און פארבייגעגאנגען. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט און געפרעגט: דו געדענקסט די געשיכטע מיט נאנון? וועלכע? האב איך גע־פרעגט. כ'האָב אינגאנצן פארגעסן. דעמלט האָט ער געלאכט דאָס לעצטע מאָל. א מאָדנע געלעכטער. און קיין פאָעט איז דאָך נאָטע באמת ניט געווען.

זי אָטעמט שווער. זי איז מיד. כ'בעט זי זי זאָל שווייגן, זי זאָל זיך אויסרוען, זי זאָל שלאָפן, מאכט זי מיטן קאָפּ: יאָ, יאָ, און רעדט ווייטער.

— אייגנטלעך ווייסט מען ניט וואָס ס'איז גוט און וואָס שלעכט. שרהלע האָט געכאַוועט נינאָן אויף א מאָדערנעם אופן, ווי א חברטע. זי האָט איר געהאָלפן זיין ,אומאָפהענגיק און איצט איז זי אייפערזיכטיק. הייסט עס אז אזוי איז אויך ניט גוט.

מיין שוועסטער דרייט זיך אויס מיטן פנים צו דער וואנט און איך זיץ אן אומבאהאָלפענער, עס דאכט זיך מיר אז זי פארלירט דאָס באוווסט־זיין. פון דער גאס דערטראָגט זיך א שפרינגענדיק לידל: „פרונדזע ווער־דע מעטערגונע, מ'א פאקוט מאמא סוב לונא, סא פיו פלין דע וואַיע בונא" (בלעטער גרינע אויף א ביידל, און מיין מאמע אָן א קליידל, גע־בוירן מיך אין א הינטערגעסל, און געהייסן לעבן ווי א פרעס־פרעסל). און מיר וויל זיך שרייען אז די גאנצע ערד זאָל הערן: לאָזט דעם צווי־לינג געמאך...

שוין איבער צוויי וואָכן אז איך קלינג. איך פרווו פארשידענע המצאות און שפיצלעך, דער רעזולטאט איז דער זעלבער. קיינער ענטפערט ניט. איך קלויב צוויי ציפערן, וואַרט ביז עס הערט זיך א קליק, קלויב שנעל דריי און נאָך צוויי לאנגזאמער, לייג דאָס טרייבל צום אויער,

קלינגט איין מאָל קורץ, א פויזע, נאָך דעם קלינגט עס לאנג און ווידער א פויזע, ווידער לאנג אזוי פינעף מאָל, צען מאָל, צוואַנציק מאָל. אין דער צייט פון פויזע, דאכט זיך מיר, אז ביי דעם צווייטן עק דראָט אָטעמט עמעצער, אָט וועט ער ארויסרעדן א וואָרט, א הוסט טון, הויבט אָבער ווי־דער אָן קלינגען. לייג איך אוועק דאָס טרייבל און וואַרט. לאנג קאָן איך ניט וואַרטן, פּרוּוו נאָך אמאָל אָבער ניט אין דעם זעלבן סדר. איך קלויב שנעל דריי ציפערן, וואַרט כ׳זאָל הערן דעם ניט אנגענעמען קליק, גלייך עמעצער וואָלט זיך אריינמישן, נאָך דעם לאנגזאם אָבער אָן איבעררייס פיר. הערט זיך ווידער דער זעלבער גערויש, איין מאָל קורץ און זעקס אָדער צען מאָל לאנג און קיינער ענטפערט ניט. קלויב איך אלע זיבן ציפערן לאנגזאם, קוים באוועגנדיק דאָס ציפערבלאַט, אָבער אָן איבעררייס, ווייל אויב אָן איבעררייס הערט מען מער גאָרניט און דעמלט איז נאָך ערגער ווי ווען עס קלינגט. ווען איך הער קלינגען ווייס איך אז דאָרט ביי דעם צווייטן עק דראָט כוואַליעט און גיסט זיך א שאַרפער קלאנג, ער פּולט אויס דאָס עסצימער, קריכט אין שלאָפצימער, אין קיך, אין פּאָדערצימערל, אין באָד, פארפלייצט די גאנצע וווינונג פון אונטן ביז ארויף צו דער סטע־ליע עס בלייבט ניט קיין ליידיק ווינקעלע, עס קלינגט איבעראַל און דער טיש, די בענקלעך, די שאפע, דאָס בעט, די בלומענוואַזן, די בילדער אויף די ווענט, אלע הערן און וואַרטן, זיי וואַרטן ניט אויף דער האנט וואָס דאַרף אויפהויבן דאָס טרייבל, ניט אויף דעם קול וואָס דאַרף ענטפערן. זיי ווייסן אז די טריט זענען פארגליווערט געוואָרן, אז די האנט איז אוממעכ־טיק, דאָס קול אויף אייביק פארשטומט. זיי שטייען אָדער הענגען קאַלט־בלוטיקע, וואַרטן מיט גערולד אז דאָס אומגעלומפּערטע קלינגען זאָל אויס־לעשן לאנגזאם, ארויסרינען פון דער וווינונג אז אין אלע ווינקעלעך זאָל ווידער הערשן שטילקייט, דער שטויב זאָל פאלן איבער אלץ, זיך לייגן אויף אלע פלאכן, א ניט געשטערטער פון גלעקל־כוואַליעס. איך וויל אָבער ניט. קלויב איך ווידער די ציפערן, קומט אריין א שוועסטער אַנגעטון אין א ווייסן פרישגעפּרעסטן כאַלאַט, אירע טריט הערט מען ניט, נאָר דאָס שורשן פון געקראָכמאָלעטער לייוונט, פיל איך איר אָנוועזנהייט, פּרוּוו שמייכלען שולדיק, זאָגט זי:

— שוין ווידער?

פון דער טיפעניש פון אירע אויגן שפּראָצט מיטלייד, זי וויל אויס־וואָרצלען דאָס באליידיקנדיק געוויקס און איז ניט אומשטאַנד.

נאָך א צייער יונגע די קראנקנשוועסטער.

# אזוי איז שמואליק ניט געוואָרן קיין למדוואָווניק

— ווער קאָן זאָגן וויאַזוי עס פאַרפּלאָנטערן און צעפּלאָנטערן זיך די געשעענישן, האָט אַ פרעג געטאָן משה פילאָזאָף, וואַרפנדיק אַ העלצל אויפן פייער.

דערשראָקענע פון הונדערט טויזנט פונקען האָבן די בוימערשאָטנס אויפגעציטערט און זיך לייכט אַ ריר געטאָן איין מאָל רעכטס און איין מאָל לינקס; פאַרוואונדערטע האָבן נאָכטפייגל זיך אָפּגעריסן פון די פעלדזן, אַ מאַך געטאָן מיט די פליגל און זיך ווידער געזעצט מיט בלינדער אומ־רואיקייט אונטער די פעדערן; פאַרזאָרגטע איבער ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שוידערלעכע סודות האָבן די בוימער אַ קרעכץ געטאָן. צווישן די כמארעס האָט זיך דורכגעריסן כהרף־עינדיק אַ לבנה־שטראַל, דער אויס־געלאָשענער בליאַסק פון שטאָלענע האַלץ־זעגן האָט דערמאָנט אַז די אַר־בעטסטעג האָבן קיין ענדע ניט, אַז זייער אָנהויב פאַרלירט זיך ערגעץ פאַר ששת־ימי־בראשית, אַזוי אַז דער עולם, כאָטש אַ מידער און דער־שלאָגענער, האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פייער, געלאָזט דעם רוקן אויף דער השגחה פון די שומרים, וועלכע וואַכן איבעראַל זיצנדיק, ליגנדיק, צי גאָר ציילנדיק די טריט פון דער אייביקייט: „אויסשלאָפן זיך וועט מען סיי ווי סיי, משה פילאָזאָפס אַ מעשה איז ווערט וואָך זיין אַ נאַכט״.

— שטעלט אייך אַ רגע פאָר, הויבט אָן משה רירנדיק פילאָזאָפיש די קוילן מיט אַ גרין צווייגל און ציענדיק זעלבסטבאַוווסט יעדעס וואָרט, אַ מוטער מיט אַ קינד אין שטאָטגאָרטן אין אַ זומער פרימאָרגן. זי זיצט אויף אַ געל געפאַרבטער באַנק, מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און פאַרמאַכטע אויגן, אָן געדאַנקען וועלכע וואָלטן געקאָנט רייצלען דעם שטערן און לאָזט די זונענשטראַלן טונקלען איר פון ווינטער־חדשים געבלייכטע הויט. פון צייט

צו צייט וואַרפט זי א בליק אויף דעם דרייצן חדשימדיקן זינדעלע וועלעכס פרוווט גיין אויף די אייגענע פיסלעך. אָט טוט ער א שפּאַן און נאָך איי־ נעם, בלייבט שטיין א פארוווּנדערטער פון אויפטו, ער קאָן ניט פארשטיין וויאַזוי עס איז געשען, קוקט צו דער מאמען, לאכט פון איר גוטמוטיקן שמייכל און טוט א פאַל אויף דעם ווייכן הינטערל: בוף! וויל זיך אויפ־ הויבן, קומט אים די מאמע צו הילף, שטעלט אים אויף די פיסלעך, בויערט ער מיט בלויע אויגעלעך וועגן אויף וועלכע ער זאָל זיך א לאָז טון. געשעט אָבער אז א מורי מורנו, אן אינסעקט אזא, גרויס ווי א מערישקע־ קעפּל, פּעקלט זיך אריבער מיט איר שווערן בויך — אן איבערגעפּולטן מיט כמעט א מיליאָן אייעלעך — איבער דעם אספאלטירטן סטעזשקעלע, ווייל איר דאכט זיך אז דאָרט אויף יענער זייט געפינען זיך די ערד־מקלט וווּ זי וועט קאָנען ראַטעווען איר מין. זי איז די איינציקע וואָס האָט איבער־ געלעבט דעם פון א מיתה־משונהדיקן אינסעקטיציד ארויסגערופענעם קאטאקליזם. אין דער צייט וואָס מורי מורנו שלעפּט זיך קוים מיט די טויזנט פיסלעך געלינגען דעם קינד גאנצע פינעף שפּאַן און זייערע וועגן קרייצן זיך. דאָס קינד ציט אויס דאָס רעכטע הענטל אין דער ריכטונג פון מורי מורנו, עס וויל זאָגן דער מוטער: זע נאָר! פארלירט עס דאָס גלייכגעוויכט, טוט ניטווילנדיק א זעקסטן שפּאַן און פארענדיקט די עק־ זיסטענץ פון די מורי מורנו׳ס.

פארלוירן געגאנגען דער מין אויף אלע אייביקייטן.

די ערד האָט א ציטער געטאָן און דער הימל האָט זיך געזעצט א שווארצער. דער בית דין של מעלה האָט זיך דערמאָנט אז די זעקסאונ־ דרייסיק גערעכטע זענען שוין זקנים, וועמען עס פארלאָזן די כוחות, און א קוק געטאָן מיט פאָרוורף אין א געוויסער ריכטונג. אייגנטלעך האָט דאָס בויען און צעשטערן וועלטן צווישן יאָ, יאָ און ניין, ניין, דעם הימל דערעסן, אזוי אז ער האָט פארציכט אויף מישן זיך אין מענטשלעכע ענינים, באשטימט זיי לאָזן האנדלען לויט זייער אייגענעם אָרעמען שכל מיט איין אויסנאם: די זעקס און דרייסיק זענען געבליבן אין זיין קאָמפּעטענץ ווייל פון זייער גורל הענגט אָפּ אין א געוויסער מאָס — און אפשר מער ווי נאָר אין א געוויסער מאָס — די עקזיסטענץ פון דער וועלט. טראָגן זיי ניט אויף זייערע פלייצעס הימל און ערד? אזוי אז דער פאָרוורף איז ניט געווען גלאט אין דער וועלט אריין — דאָס האָט ער געמיינט די דרייער־קאָמיסיע וועלכע איז געווען פאראנטוואָרטלעך פאר דער ענין למדוואָווניקעס און האָט פארנאכלעסיקט איר ארבעט. דערפילט דעם הימלס מוטנעם בליק האָבן

זיי פארלאָזט דערשראָקענע יענץ ווינקל פון דער גאלאקסיע ווו זיי זענען געזעסן אין זייער געוויינטלעכן באהעלטעניש און געוואָרפן קאָרטן: גע־וואָלט טרעפן וועלכער וועט זיין דער וועלטס־גורל איבער זיבן שמיטות. זיי האָבן זיך אלע דריי א לאָז געטאָן מיט אימפעט ביז אין דער געגנט פון טטעפ און דאָרט לייכט אראָפּגענידערט אויף די צירוס כמארעס, וועלכע האָבן זיך קוים געשלעפּט איבער דעם שטעטל מאָנקאלם.

דער הימל ווייסט פינקטלעך ווי עס האלט מיט יעדן איינעם פון די למדוואָוניקעס, ווען, ווו און אויף וועלכן אופן יעדער איינער פון זיי וועט פארלאָזן די נישטיקע וועלט. כאָטש אזוי, צי אפשר טאקע דערפאר האָט ער באשטימט מען זאָל פארצייכענען אין א פּנקס די נעמען פון אלע מעגלע־כע פארטרעטער און איבערגעגעבן א שליחות דריי אָנגעזעענע הייליקע נשמות זיי זאָלן מאכן א פינקטלעכע רשימה, זי פאָרלייגן דעם בית־דין של מעלה וועלכעס זאָל באשטימען מי ומי. אָט דאָס איז די דרייער קאָ־מיסיע וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט איבער מאָנקאלם, ווייל דאָרט האָט געלעבט דער חשובסטער קאנדידאט, שמואל שניידער. באמערקט האָבן זיי אים נאָך דעמלט ווען ער איז געזעסן אין א ווינקל פון תפיסה־הויף און געזינגען מיט א האלב־קול: אוי וויי מאמע, קאטשקעס שווימען און זיי מאכן מיט די פיס...״

דאָס לידל האָט שמואל געזונגען א טאָג, א וואָך, א חודש און נאָך מער. צוערשט האָט דער עולם פון תפיסה אים כמעט ניט באמערקט: זיצט איינער אין א ווינקל און זינגט, איז זאָל ער זינגען, נאָך דעם האָט מען געשמייכלט מיט אן אָנשטעל פון רחמנות ווי איינער רעדט „נעבעך״, און סוף־כל־סוף זיך דאָך צוגעהערט און שמואל — ווי זיי האָט זיך געדאכט פארביסנקייט, כמעט נארישע עקשנות — האָט געוווּנען: דער ניגון איז גע־וואָרן א מין שלאגער. פאר אלעמען איז דאָס לידל געוואָרן א צייט־פארטרייב, א מעגלעכקייט צו קירצן די צייט צווישן איין ניט צו דער זאט עסן און צווייטן, א הונגער לידל מיט דעם טראָפּ אויפן „אוי וויי״, ביי שמואלן אָבער האָט עס געהאט א מיין, אן אונטערטעקסט. ס׳איז אין דעם געווען א שלשלת וואָס האָט יעדעס מאָל אונטערגעשטראָכן עפּעס אנדערש: אָט דעם טייך וואָס אונטער די קאטשקעס, אָט דעם ווייטיק פון א קוואָטשקע וועלכע האָט אויסגעפירט שווימענדיקע עופהלעך, צי גאָר דעם פראָסט וואָס בלייכט די פיסהייטלעך.

די דרייער־קאָמיסיע האָט דעם ניגון פארשטאנען אויף איר אופן, ביי איר האָט ער געקלונגען ווי א תפילה, א לויב געזאנג פון א מענטשן,

ווענמען די וועלט איז ניחא אזא ווי זי איז, אָן בעיות, אָן קשיות, אָן אָן תיקוס און טאקע דערפאר אים אָפּגעגעבן דאָס בכבודיקסטע אָרט. צווישן די נאָכפאָלגער פון די זעקסאונדרייסיק אַנאָנימע וועלטטרעגער.

דעם הימל איז ניט געלונגען אינגאנצן אָפּצוטרייסלען זיך פון מענטשלעכער שוואכקייט: די זעקסאונדרייסיק זענען ווייטער געבליבן אָנגעמענדיקע, אָבער די דרייער־קאָמיסיע איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרן פון דריי נשמות, יעדע איינע פון זיי מיט א שם וואָס האָט איבערגעלעבט יאָרהונדערטער. די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דער קאָמיסיע איז אויסגע־פאלן אויף רבי עקיבא. איצט פאר דעם אונטערשרייבן דעם ענדגילטיקן פסק האָבן זיך אלע דריי אראָפּגעלאָזט איבער דעם שטעטעלע מאָנקאלם, א לעצט מאָל א קוק טון אויף דעם אויסדערוויילטן, זען ווי ער שטייט אין ווארשטאט, אים אונטערפירן אהיים אויף דעם ניט געפלאסטערטן געסל און זיך מיט אים צוזאמען פרייען, ווען עס וועט אים געלינגען ארויסצו־באקומען די פאלד אזוי ווי ער האָט זי יענע נאכט געחלומט באשיינענדיק דער טאָכטערס קליידעלע, אָן איבערגעמאכטס פון עלטערן זינגדלס הייזלעך. שמואליק איז באמת געקומען אהיים, עפעס גענומען אין מויל אריין, אָפּגעווישט דעם טיש, אָפּגעטרייסלט דעם פאָרעך פון איין שטיקל געוואנד נאָך דעם אנדערן, זיי אויסגעלייגט אויף דעם טישברעט. גענומען א לינעאל, אָנגעצייכנט מיט קרייד פארשיידענע פיגורן און אויסגעשטרעקט די האנט נאָך דער שער... אומגעדולדיק האָבן זיך די דריי אראָפּגעלאָזט נענטער, זיך געזעצט אויף א זונענשטראָל וועלכער האָט זיך אָנגעשפאַרט אין שמואליקס פענצטער (זיך דערלויבט אים א פעסטע טון מיט מענטש־לעכער פארציעניש, אויך הייליקע נשמות לאָזן זיך באאיינדרוקן פון אָרעמער תמימות) און געוואַרט אז צוזאמען מיט דעם ערשטן שניט זאָלן זיי הערן דעם ניגון. און דאָ איז געשען א גאָר אומדערוואַרטע גע־שעעניש...

די שטימע, וואָס זינגט, איז נישט שמואליקס. דאָס קול דרוקט ניט אויס שאפונגספרייד (די פרייד פון זיין נישטיקער שאפונג פלעגט ביי שמואלן אָננעמען דעם זעלבן פארמעסט ווי דער ששת ימי בראשיתדיקער כי טוב ביי גאָט אַליין). ניין! ס'איז דאָס קול פון א מענטשן וועלכער האָט אראָפּגעוואָרפן א ניט דערטרעגלעכן עול פון קאָפּ. אלע דריי האָבן זיך א וואָרף געטאָן אויפן קאנט פון קלאנג וואָס איז צו זיי דערגאנגען. דער וואָס האָט אָנגעהויבן מורמלען דעם ניגון איז ניט געווען אבי ווער, די שטימע איז געקומען פון קאפיטאַליום.

קראפּטיקוס האָט געפּרוווט אָפּווישן פון שטערן דעם טיפן קנייטש פון שווערער פאַראַנטוואָרטלעכקייט מיט דער ברייטער דלאָניע, א קרעכץ האָט זיך ארויסגעריסן, דער „אוי וויי״ נאָכשלעפּנדיק פון א זכרון־ווינקל די ווערטער „קאַטשקעס שווימען״ און שמואלס אומשולדיקן בליק. ביי דער דערינערונג איז דער קנייטש אינגאַנצן פאַרשוווּנדן און ער האָט א פרעג געטאָן: ווו איז שמואליק? רבי עקיבא און די אַנדערע צוויי האָבן פאַרשטאַנען אז די געשיכטע פאַרקערעוועט אויף א נייעם וועג, וועלכער קאָן באַדייטן א נייעם נסיון פאַר זייער ליבלינג.

פאַרשרייבן שמואל שניידער אויפן צעטל, און דערצו נאָך אויפן ערשטן פּלאַץ האָט מען געמוזט אָפּלייגן.

משה האָט א טאַפּ געטאָן די קעשענע, געזוכט א ציגאַרעט און צו־פעליק באַגעגנט יאַנקעלעס חוזק בליק.

— מעגלעך אז די געשיכטע קלינגט עמעצן מיסטיש, האָט ער גע־זאָגט כלומרשט אין דער וועלט אריין, ניט אָפּקערנדיק זיין בליק פון יאַנ־קעלען. ניט מסכּים זיין, הייסט אָבער ניט איגנאָרירן, ניט וועלן וויסן און פאַרשטיין וואָס דער קעגנער וויל. לויט מיין מיינונג הייסט עס פּונקט קאַפּויער, וויסן, און אים גובר זיין, מיט זיינע אייגענע אַרגומענטן.

נאָך א פּויזע אין וועלכער ס׳איז אים געלינגען ארויסשלעפּן פון קעשענע א האַלב אויסגערויכערטן ציגאַרעט, טיפער אריינרוקן אין פייער דאָס גרינע צווייגל, אָפּוואַרטן ביז דער שפּיץ זאָל אָנהויבן ברענען ווי א ליכטל, אָנצינדן דעם ציגאַרעט און פאַרציען טיף דעם רויך, האָט ער א לאַך געטאָן צו זיינע אייגענע געדאַנקען איבער דעם מחלוקת וואָס דויערט צווישן אים מיט יאַנקעלען צופיל יאָרן. אוועק מאַכן מיט דער האַנט קאָן מען ניט און אויפקלערן אויך ניט, פּשוט ווייל ס׳איז ניטאָ וואָס אויפצו־קלערן. די שפּיל פון ווער־וועמען האָט ניט איין מאָל אָנגענומען פאָרמען וועלכע האָבן געקאָנט דערפירן צו שנאה, ווען ניט... וואָס „ווען ניט״ קומט אים ניט אויפן רעיון און ער פאַרציכט צו בויערן זיך אין ענין...

— כדי צו פאַרשטיין ווירעמער שמואל שניידערס ניגון קומט אין קאַפּיטאַליום, וועלן מיר זיך אומקערן מיט אַן אַנדערטהאַלב צענדליק יאָרן צוריק...

— — — — — — — — — — — —

די באן רייסט זיך מיט אימפעט איבערן סטעפ. לויט שמואלס חשבון דארף מען באלד אָנקומען אזוי אז ער קאָן ניט פארשטיין וואָס איז דאָס איילעניש. פלוצעם טויכט אויף און פארשווינדט א סטאנציע, איר נאָמען געשריבן מיט גרויסע שווארצע בוכשטאבן געלינגט אים אָפצולייענען מער פון אויגנטיפקייט ווי פון באלויכטענעם ווייסן שילד: נאגאדאגא — די לעצטע סטאנציע פאר דעם צענטראלן וואָקזאל פון דער הויפטשטאָט. דאָס הארץ טוט א לייכטן צאפל, הויבט אָן קלאפן שנעלער, און ער פילט אז די נערוון רויטלען אים דאָס פנים. ער הויבט זיך אויף פון נעבן פענצטער ווו ער איז געזעסן דעם גאנצן וועג און וויל נעמען דעם טשעמאדאן, זעט ער אז די איבריקע פאסאזשירן זיצן רואיק אויף זייערע פלעצער און ווארפן נייגעריקע בליקן אויף דעם יינג וואָס ווייסט נישט אז צען מינוט — וויפל עס דויערט דער וועג פון נאגאדאגא ביז צום צענטראלן וואָקזאל — פארלויפן אין ניט ווייניקער ווי צען מינוט.

שמואל זעצט זיך ניט צוריק, ער לאָזט זיך צו דעם אָפטרעט, ערשטנס כדי אויסצומיידן פראגעס וועלכע מ׳שטעלט געוויינטלעך א פראָווינציעלן, און אז ער איז א פראָווינציעלער איז שוין אלעמען קלאָר, דאָס האָט ער פארראָטן מיט זיין א הויב טון זיך פון פלאץ נאָך נאגאדאגא, און צווייטנס ווייל ער פילט אז ער מוז זיין מיט זיך אליין כאָטש איין מינוט, זאמלען כוחות וועגן דער באגעגעניש מיט דער גרויסער שטאָט. פארמאכט הינטער זיך די טיר האָט שמואל דערזען דעם שפיגל און אין אים א פנים מיט א פליישיקער נאָז א באזאָטלטע מיט א דין כמארעלע זומערשפרענקעלעך.

„עס דערנענטערט זיך דער פרילינג“. טראכט ער און דערזעט די מאמען ווי זי שטייט אויף דער שוועל מיט אראָפגעלאָזטע הענט. דאָס הארץ טוט ווידער א צאפל אָבער אנדערש ווי אין וואגאָנאָפטייל. א צאפל אָן נערוון, אָן רויטקייט אין די באקן. ער דערמאָנט זיך אין דער מאמעס טרויעריקן בליק איבער דעם שמייכלענדיקן פנים און איר האָפנונג אז די נסיעה — א שרעקלעכע, ווי יעדע נסיעה — וועט זיין מיט גליק. ער זעט אויף דעם געזיכט וואָס אין שפיגל שפראָצט א שמייכל און ווייסט ניט וועמען ער מיינט, די מאמע אין איר טרויער, צי גאָר די קלייען אויף זיין פנים וועלכע דערמאָנען אז דער פרילינג איז ניט ווייט.

די טיר פון וואגאָנאָפטייל עפנט ער אביסל זיכערער. די פאסאזשירן שטייען שוין מיט די טשעמאדאנעס אין די הענט. איצט איילט ער זיך ניט מער, וואָס ווייניקער מענטשן עס וועלן בלייבן אויף דעם פעראָן וועט אים לייכטער זיין צו געפינען דעם וואָס דארף אים אָפווארטן אויף דעם וואָקזאל.

דער צוג גליטשט זיך לאנגזאם לענגאויס דעם פעראָן. פארבלענדט פון ליכט, באמערקט שמואל אז ער איז שטיין געבליבן, ערשט דעמלט ווען ער זעט אז די פאסאזשירן פארלאָזן דעם וואגאָן. אראָפנעמענדיק דאָס רענצל פון דער פאָליצע דערפילט ער נאָכאמאָל אז ס'איז אומגעלומפערט גרויס. ער פארמאָגט סך־הכל צווי פאָרלעך וועש, איין האנטוך, איין זייפל, איין ציינבערשטל, צוויי פאָר זאָקן און א פאָר שטעקשיך. אים האָט זיך גע־וואָלט מאכן פון דעם אלעמען א פעקעלע, דאָס איינוויקלען אין פאפיר און ארומבינדן מיט א שטריקל. איז אָבער די מאמע צוגעשטאנען: „נעם קינד, נעם דאָס רענצל. דאָרט וועסטו עס אָנפולן". נאָך גרעסער האָט דאָס אים אויסגעוויזן ווען ס'האָט אים א שלאָג געטאָן אין די אויערן א שרעקלעך געפילדער וואס איז געקומען פון דער אָנגעזאמלטער מאסע־מענטשן אויפן וואָקזאל. פעסטשטעלנדיק אז עס איז א מאניפעסטאציע פון די עקסטרעמע רעכטע מאָנארכישע—אנטימאָנארכיסטן איז ער א רגע שטיין געבליבן ביי דער טיר. א משונהדיקע אומרואיקייט איז אים גע־קראָכן אין די אָדערן. זי שוועך באוועלטיקנדיק איז ער אראָפ די טרעפ און ס'האָט זיך אים גע'דאכט אז שנעלער ווי מען דאַרף.

געווען איז עס דאָס דריטע יאָר קעניגן פון פערטן דור פון דער די באסטיע כאכאכא. איבער דער צוקונפט פון לאנד האָט געברענט א מחלוקת צווישן צוויי עקסטרעמע גרופירונגען, ביידע אויף דער פעריפעריע פון דער אינסטיטוציאָנאליזירטער געזעלשאפט: די רעכטע מאָנארכאָ־אנטימאָ־נארכיסטישע גרופירונג וועלכע מ'האָט מער געדולדעט וויל איר אנטי־מאָ־נארכישע שטעלונג איז געווען א מער מאָמענטאנע, געווענדט קעגן דעם קעניג וואס האָט אין יענער צייט פארנומען דעם טראָן, אָבער בשום אופן ניט קיין אלגעמיין אנטימאָנארכישע. די גרופירונג האָט געהאלטן אז א קיסר שאדט ניט, פארקערט, זי האָט געהאלטן אז ס'איז א נויטיקע אינסטיטוציע. די אנדערע גרופירונג, א רעפובליקאנישע מיט א דעמאָקראטיש־דיקטאטאָ־רישן פראָגראם האָט מען שרעקלעך פארפאָלגט אלס איינע וואס איז אין איר עצם קעגן מאָנארכישן גייסט, קעגן וועזן פון דער קאָנסטיטואירטער און אינסטיטואירטער געזעלשאפט. שמואל האָט אין זיך איינגעקנעלט די פאָרדרייטע פאָרמולירונגען נאָך אין מאָנקאלם. אין פרינציפ איז ער גע־וואָרן אָן אָנהענגער פון דער צווייטער. א שניידער, האָט אים אָנגעהויבן שלאָגן צום הארץ דאָס נייען קאָסטיומען נאָר דעם באנק־דירעקטאָר — א קליינע ליי־און־שפאָר־באנק וועלכע האָט אין אָנהויב דרייסיקער יאָרן אָנ־געזעצט און געלאָזט א מאסע כלה־מיידלעך אָן נדן; דעם פאָליציי־שעף, דעם

ריכטער און דעם שולדירעקטאָר אין די צייטן אין וועלכע ער איז אויך געווען בירגערמייסטער. זיין חלום איז געווען צו פאָרן אין דער גרויסשטאָט, ארבעטן אין א מאָדע־סאלאָן, דאָרט ווו עס נייען זייערע קליידער אקטיאָרן, שרייבער און פּאָעטן, רעזשיסאָרן, זינגער און גלאט באָהעמען, וועגן וועלכע מען זאָגט אז זיי זענען מענטשן מיט פאנטאזיע און דערצו האָבן זיי אויסגעטאָקטע קערפּערס. ביי אזעלכע געדאנקען פלעגט ער זיך פילן א באַגראָבענער לעבעדיקערהייט, פילן ווי דאָס שטעטל ווארגט אים און זיך נאָך אמאָל איבערצייגן אז זיינע חלומות קאָנען פארווירקלעכט ווערן נאָר דורך א ראדיקאל איבערקערן פון אלע ווערטן און אזא איבערקעריעניש זענען פאָר די רעפּובליקאנער א. א. וו.

אין איינעם א טאָג איז אראָפּגעקומען קיין מאָנקאלם (פון ווו מען זאָל ניט קומען, קומט מען קיין מאָנקאלם אראָפּ) א חבר. געקומען איז ער דווקא פון דער הויפּטשטאָט און געווען איז ער צופעליק א דעמאָקראטיש־דיקטאטאָרישער רעפּובליקאנער. דאָס האָט ער צוגערעדט שמואלן ער זאָל א שפּאַן טאָן אין חלל, פארלאָזן דאָס שטעטל און פאָרן אין דער הויפּטשטאָט.

— ווייסטו גאָר וואָס, האָט ער אים געגעבן מוט, איך וועל דיך באזאָרגן מיט א וווינונג און מיט אן ארבעטספּלאַץ. אז מען וויל שלאָגט מען זיך יאָקאָש אדורך. ער האָט אויך געזאָגט אז באַגעגענען אים וועט ער שיקן עמעצן אנדערש, ער איז צו באקאַנט דער חברה וואָס גייט זיך אָפּ מיט פארפאָלגן די באוועגונג, אזוי אז ס'איז איבערהויפּט ניט „רעקאָמאנדאבל" מען זאָל זיי זען צוזאמען. איצט דערהערנדיק די לאָזונגען וועלכע קומען פון דער אָנגעזאמלטער מאכע, האָט ער דערפילט ווי די זומערשפּרינקעלעך גיסן זיך צוזאמען אין א גרויסן פלעק, ווי זיי זענען ניט מער אן אָנזאָגער פון פרילינג נאָר גיכער גאָר א מין קין־צייכן. ער האָט געוווּסט אז צווישן די וועלכע האָבן פארפּלייצט דעם וואָקזאל איז דאָ א גאנצע כאָפּטע וואָס האלט אז די קליינעדיקע זענען באשעפענישן וועלכע מען דארף און מען מוז פאראכטן און דאָס ריכטיקסטע וואָלט זיין זיי זאָלן זיך געפינען אויסערן געזעץ.

מיט פעסטע טריט ווי א סאָלדאט מיט א וויכטיקער מיסיע איז שמואל אוועק צום וואָקזאל־ארויסגאנג ניט ווארטנדיק און ניט זוכנדיק אפילו מיטן בליק דעם וועלכער האָט אים געדארפט אָפּווארטן. געוועלט וועגן האָטעל האָט ער ניט. דאָס וואָרט האָטעל הייסט ביי אים הונדערטער צי גאָר טויזנטער דראכמעס חוץ אנדערע שרעקליכע זאכן וועלכע האָבן קיין נאָמען ניט.

נאָר כאָטש אזוי וואָלט זער האָבן גזעלט... דזעם חברס אדרעס ווייסט זער אויך ניט. ווזען זער האָט אים א זאָג געטאָן וועגן אדרעס האָט יענער געענטפערט „בעסער ניט״ און שמואל האָט אויך דעמלט געפילט ווי עס רויטלט זיך אים דאָס פנים פאַר בושה. צוערשט א העלער פראָוויגציעלער רויטקייט דערנאָך מיט א טונקלער, ער וויל זיך ניט רעכענען מיט די עלעמענטארסטע קאָנספיראַציע־פּרינציפּן האָט זיך אים געדאכט ניט נאָר א בושה נאָר אויך א פאַרברעכן. איצט קומט אים אין זינען אז דער חבר וואָלט אים געוועזן באדאַרפט גזעבן דעם אדרעס פון דעם וואָס וועט אים אָפּוואַרטן אויפן וואָקזאַל. איז גיי רעד...

אויף די צו פיל באלויכטיענזע גאסן איז יעדער פאַרבייגייער א פּאָטענציעלער שונא. די אליינקייט שפּאַרט צום הארצן און הילט זעס איין מיט א געפיל פון פאַרראַט. לינקס איז א פינצטער פּוסט געסל, דאכט עס זיך אים היימישער און ער פאַרקערעוועט. לאנגזאַם פאַרשווינדט די אליינקייט, פון די אָנבלעטערדיקע בוימזער בלאָזט מיט וואָרעמקייט. ער פאַרלאַנגזאַמט די טריט, אין ריטעם פון קליינשטעטלדיקן גאַנג אָרדנען זיך די געדאַנקען אנדערש. קלאָר איז אים אז די ערשטע נאכט אין דער הויפּט־שטאָט איז ניט קיין איבריק ליכטיקע. ער האָט געהערט אז אין די מעט־ראָפּאָלעס שלאָפן מענטשן אונטער בריקן. וווּ־זשע נעמט מען א בריק? ארום וואָקזאַל זעט מען ניט קיין וואַסער און אויך ניט קיין בריקן. ער וואָלט געקאָנט שפּאַצירן די גאנצע נאכט, איז אָבער דער טשעמאָדאַן אן אומגעלומפּערטער און ווער ווייסט וואָס מ׳קאָן מיינען וועגן זיין טרעגער. און אויב שוין יאָ? וואָס־זשע וועט זיין דערנאָך? נאָך דעם, א גאנצן טאָג? צי אפשר גאָר, ווער ווייסט, אפשר וועט אים דאָס גליק א שמייכל טון כאָטש איין מאָל און ער וועט צופעליק באגעגענען דעם חבר?

ער הערט טריט און עס דאכט זיך אים אז אויך א שעפּטשען: שמואל, שמואל. נעמט ער זיך אָן מיט מוט און דרייט אויס דעם קאָפּ. עס איז א פרוי. „מ׳וואָלט געקאָנט א פרעג טון...״, טראכט ער אָבער נאָר א רגע ווייל אייגנטלעך ווייסט ער ניט וואָס צו פרעגן.

— שמואל, זאָגט די פרוי מיט ספקות.

— יאָ, ענטפערט שמואל. דערשרעקט זיך פאַר זיין אייגן קול און וויל אנטלויפן.

— וואָס לויפסטו? פרעגט זי און הויבט אָן לאכן.

— איך? וווּנדערט זיך שמואל. אים האָט זיך געדאַכט אַז ער שלעפּט קוים די פיס, אַז ער גייט אין ריטעם פון זיינע געדאַנקען און ער ווייסט זיכער אַז די געדאַנקען האָבן זיך קוים, קוים געוויקלט אין אַ שרעקלעך ענגן קרייז. שיינט אים אַז איר געלעכטער פּאַסט זיך ווי אַן אַרבעס אין דער וואַנט, קוקט ער אויף איר מיט קיילעכדיקע אויגן ביז זי שפּאַרט זיך אָן אויף זיין אָרעם און ער הייבט אויך אָן צו לאַכן. פּולט אויס זייער געלעכטער די פּוסטע גאַס, עפּנט עמעצער אַ פענצטער און זאָגט אין דער פינצטערניש: „משוגעים!״ שלעפּט אים דאָס מיידל מיט זיך און שפּעטער נאָך דעם וואָס זי באַוועלטיקט איר געלעכטער פרעגט זי:

— וואָס ביסטו אַוועק אַזאַ שטראַמער פון וואָקזאַל?

— ס׳האָט זיך מיר געדאַכט כוליגאַנעס.

— און אַז כוליגאַנעס, איז וואָס?

שמואלן וויל זיך זאָגן: „די זומערשפּרינקעלעך״, כאַפּט ער זיך אַז עס קאָן קלינגען נאַריש, צי גאָר פּחדניש און זי איז אַ מיידל. שווייגט ער.

— ס׳איז גוט, זאָגט דאָס מיידל.

— וואָס איז גוט?

— אַז מען לאַכט איז אַ סימן גוט, ענטפערט זי מיט אַ מין וועלכן שמואל פאַרשטייט ניט. שווייגט ער ווייטער.

דעם צווייטן טאָג, פאַר דעם איבערבייסן, יאָווערט זיך דער חבר און שמואל קומט צום באַשלוס אַז ס׳איז באמת ניט שלעכט ווען דאָס מזל שענקט דיר אַ שמייכל כאָטש איין מאָל און עס קומט אים ניט אויפן געדאַנק אַז ס׳וואָלט געקאָנט זיין מען זאָל דעם שמייכל דאַרפן אויך אַן אַנדערט מאָל. ער דערמאָנט זיך אַז פאַרבייגייענדיק אויף די באַלויכטענע גאַסן האָט ער באַמערקט אַ וויטרינע מיט שלאַנקע מאַניעקינען, אָנגעטאָענע אין וווּנדערבאַרע רעגנמאַנטלען און ברוינע קאָסטיומען. „שלאַנקע קונים האָט ווייזט אויס דער סאַלאָן״, האָט ער געטראַכט מיט קנאה, ניט אַזעלכע ווי ער האָט געזען אין מאַנקאַלם. זיינע בעלי־בתים (אין מאַנקאַלם זענען אַלע גלאַט מענטשן, נאָר די וואָס טראָגן גאַנצע קאָסטיומען זענען בעלי־בתים) זענען געווען בייכיקע. איצט ווערט ער פון זיי פּטור, מעגלעך אַז דער חבר האָט אים געפונען אַן אַרבעט־פּלאַץ טאַקע אין יענעם סאַלאָן. אויפן געדעקטן טיש באַווייזן זיך געפּרעגלטע אייער, קאַקאַאָ מיט מילך, דינע רייפטלעך ברויט באַשמירטע מיט אַ גראָבער שיכט פּוטער. „אין שטאָט לעבט מען, ווייזט אויס, אין אַן אייביקן יום־טובֿ״, קיצלט אים אַ געדאַנק. מען זעצט זיך צו טיש און דאָס מיידל דערציילט לאַכנדיק ווי

זי איז געלאָפן נאָך דעם גאַסט ביז זי האָט אים דעריאָגט און אהיימגע־בראַכט. דער חבר הערט צו מיט אַן אפיטרופּס־שמייכל, רעדט קיין וואָרט ניט. נאָך דעם דערציילט זי וערנסט וויאַזוי ס'איז פאַרלאָפן די כוליגאַן־דעמאָנסטראַציע, דערלויבט זיך א ווערטל: „דאָס האָבן זיי אים צוגעגרייט א קעניגלעכן אויפנעם", קוקט אויף שמואלס חבר, וויל טרעפן צי דאָס ווערטל איז א געלונגענס. ווען דער פּערמאַנענטער קריזע, ווען דער באַוועגונג, רעדט שמואלס חבר. אין מיטן שמועס גיט ער א פרעג:

— ווייסט וואָס מיר האָבן בדעה?

— ווער? רופט זיך אָפּ שמואל, נאָר דערפאַר ווייל דעם חברס בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט א דרינגענדיקער אויף אים.

— וואָס הייסט ווער? וווּנדערט זיך זיין חבר און שמואל פילט ווידער ווי א העלע רויטקייט באַדעקט זיין געזיכט און תיכף נאָך איר א טונקעלע. מיר דאַרפן האָבן א טיפּאָגראַף... און דו...

— איך בין א שניידער, איילט זיך שמואל מיטן ענטפער.

— דאָס ווייסן מיר. דער חבר האָט אים באַטראַכט מיט פאָרוואורף און שמואל האָט פאַרשטאַנען אז דעם חברס באַשליסן מוזן זיין און זענען קאַטעגאָרישע. ער האָט באַמערקט אז דאָס מיידל קוקט אויף אים מיט רחמנות און פאַרוואונדערונג און ערשט איצט תופס געווען דעם פאַרנעם פון שמועס וואָס זיין חבר האָט מיט אים געפירט אין מאָנקאַלם, אז דער פאָרשלאַג צו קומען אין דער גרויסשטאָט האָט געהאַט אַנדערע, פיל טיפערע סיבות, ווי נאָר די פשוטע זאָרג פאַר זיין, שמואלס, לאַנגזאַם אָפּשטאַרבן אין שטעטל.

— לייענען קאָנסטו דאָך — איז צו אים דערגאַנגען פון ווייט דעם חברס שטימע און אויסגעדאַכט האָט זיך אים אז עס איז א פריינטלעך שעפּטשען וואָס קומט פון טיפעניש פון טייך ווי דעמלט ווען ער איז אָפּגעשטאַנען א גאַנצן טאָג אויפן ברעג און זיך ניט געקאָנט זעטיקן פון אונטערטינקען און אויכטייכן פון שוואַרץ־געלע קאַטשקעלעך, וועלכע האָבן זיך אומדערמידלעכע געיאָגט נאָך אָפּנאַרערישע זונשטראַלן — ווי עסטו אויך אויסלערנען קלויבן און זעצן די בוכשטאַבן.

וואַרשטאַט, סאַלאָן, אויסשטעלונג האָבן פאַרענדיקט זייער עקזיס־טענץ אין א קעלער שטיבל.

...זיצט ער אויפן בעט זעט ער דורך דעם האַלבן פענצטער פיר מיט א האַלבן שטאָק פון דעם אַקעגנדיקן הויז. די העלפט פון בלאָק איז שטענדיק א בלינדע, די פענצטער פון דער אַנדערער העלפט

ליעשן זיך איינס נאָך דיעם אנדיערן. ווען עס לעשט זיך אויס דאָס ליעצטע, זעצט יער זיך איביער אויף א ביענקל נעבן טיש. פון דאָ זעט ער די אויבערשטע העלפט פון דער געביידע וואָס פארענדיקט זיך מיט א טורעמל מיט פיר שויבן. אין ייעדיער שויב איז א באלויכטענע ציפער. אלע צוזאמען מעסטן שעהן און מינוטן. זעלטן קוקט יער צו די שעהן. מער אינטערעסירן אים די מינוטן. און ניט אזוי די מינוטן ווי דער אופן ווי יעס פארשווינדן די ציפערן. יער וויל דערגיין דיעם סוד פון זייער באוועגן זיך: צי איז עס א גראָדליניקע אָדער גאָר א באוועגונג און קרייז. אים וויל זיך עס זאָל זיין א צירקולערע, די ציפערן זאָלן זיך קאטשען, פארשווינדן אויף „א יענער זייט" אזוי ווי יעס פלעגט פארשווינדן אין מאָנקאלם די זון: זיך א קאטשע טאָן און באהאלטן זיך אויף יעניער זייט בארג און איביערגעשראָקענע פון בין־השמשות וועלכער פלעגט זיך אריינגנבענען אין שטעטל קומענדיק פון דער פארקערטער ריכטונג מיט א מעסער צווישן די ציין אָדער א באגנעט אויף דיער ביקס. אז אזוי פליעגט קומען דיער בין־השמשות איז אָן שום צווייפל, ווייל ווען ניט, וואָלט ער זיך ניט געוועזן באהאלטן צווישן די הייזער, ניט געקראָכן ליענגאויס די ווענט און די זון ווען זי זאָל ניט געווען מורא האָבן וואָלט זי ניט געוועזן פארשווינדן מיט א שוידער וואָס האָט געפרעסטלט די הייזער, די בוימער, די יערד און אלע ליעבעדיקע און ניט ליעביעדיקע נפשות. ווייל עס בענקט זיך אים נאָך אָט דיעם שוידער, נאָך אָט דיעם מין פריעסטליען, וואָלט ער געוואָלט אז די ציפערן זאָלן זיך באוועגן ניט גראָדליניק נאָר קייליעכדיק.

קאטשען זיך די מינוטן ביז אכט. ווען עס באווייזט זיך דאָס קעפעלע פון דער ניין, הויבט אָן ציטערן די נעבן שטייענדיקע ציפער, וואקלט זיך צווישן יאָ און ניין ביז די צייט גיט איר א שטויס, שפרינגען זיי ביידע ערגעץ אין חלל. שמואל הערט דאָס ווידערקול פון שוידער, נאָך וועלכן עס בענקט זיך, יעפנט לאנגזאם דאָס טירל וואָס פירט אין קעלער פארמאכט דאָס נאָך לאנגזאמער, נידערט אראָפּ די טרעפּ, צינדט אָן דאָס ליכט און דער בלאָנדזשענדער בליק שטעלט זיך אָפּ אויפן בעט. ווען ער באמערקט עס וואונדערט אים: איינער פון זיי ביידע שיינט אים צו זיין איבעריק. ס'דערמאָנט זיך אים אז אין דער היים פלעגט ער געפונען דאָס בעט א צוגעגרייטס. ערשט איצט זעט יער איין ווי אָנגעגעבן ס'איז צו געפינען דאָס בעט אָן אויסגעגליעטס. זעט ער דער מאמעס הענט ווי זיי גליטשן זיך איבערן לייליעך, פילט א ווארעמען הויך אין קעלער, זוכט

די שפּאַרינ'ע דורך וועלכ'ער ד'ער הויך האָט זיך אַריינגעגנבעט און פאַר־לעשט דאָס ליכט: מ'קאָן דאָס חס־וחלילה פון ערגעץ באַמערקן.

אַז יער פאַרלעשט דיעם לאָמפּ וואָס היענגט איבער דער מיט קעל'ער, צינדט זיך אָן אַן אַנד'ערער א פּיל קלענ'ערער איבער ד'עם ב'עט. דאָס איז דעם 'עלעקטריק'ערס דערפינדונג, אַז ער זאָל ניט בלייבן אין ד'ער שטאָקפינצ־טער. ג'עשעט ער זאָל בלייבן אין ד'ער פינצטער, פילט ער דעם דרוק פון קעלער, א דרוק וואָס דעפּרימירט, וואָס יאָגט אָן יאוש.

שמואל לייגט זיך, דאָס לעמפּל וואָס איב'ער ד'עם בעט איז א האלב טונקלס, ד'ערמאָנט עס אין אַן אַנדער ליכט אויך א שוואַכס. ד'ער זיידע איז ג'עשטאָרבן. פון אלטקייט. אָפּגעלעבט זיינע יאָרן און געשטאָרבן אין שוואַרצ'ע מלבושים האָבן אַלע אויסגעזען אַביסעלע טויטע, נאָר דאָס ווייס'ע ליכט און די ג'עלע פלעמעלעך ז'ענען געווען לעבעדיקע. בר'ענ'ענדיק טאָג און נאַכט א חודש צייט האָט ד'ער נר־תמיד אָנגעהויבן סאַמעווען מיט ד'עם זיידן איידער מען האָט אים צוגעדעקט מיט א שוואַרצער דעק. פון ד'ער סט'עליע, פון דער פאַדלאָג'ע און פון די ווענט רינט א נאַסע קעלט, זאַמלט זיך אין ד'ער מיט קעלער און וואַקסט ווי א גראַניט סטאָלב ביז צום אויסגעלאָשענ'ער לעמפּל. „דאָ אין ווינקל איז גוט", מיינט שמואל, ציט אַרויף די קאָלדרע ביז אַרום דעם האַלדז, פילט ער ווידער די וואַ־רעמקייט פון ד'ער מאַמעס הענט און א שמייכל בליט אין ווינקל פון מויל, ער שמייכלט צו ניט ד'ערפילטע גלוסטעניש. זיי'ערע שאָטנס שוועבן אין ד'ער געדיכטער אַטמאָספער. זיי'ט א צייט קומען זיי יעד'ע נאַכט. ס'איז ג'ענוג א רוף טון און זיי וואַקסן אויס. ער ברענגט זיי מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט אָפענע אויגן, מיט שטאַרן בליק. זיי קומען איינציקווייז, י'עד'ע מיט איר פאַרוואָרף און שמואל פאַרשטייט ניט ד'עם פאַרוואָרף זייערן. „ווען עס זאָל ג'עווען געשען אַנדערש וואָלט איר דאָך ג'עוועזן באַקו־מען פלייש און ביינער און וואָלט ניט געקאָנט אַריינדרינג'ען ניטבאַ־מערקטע דורך אַזויפיל פאַרשלאָסענע און פאַרריגלטע טירן און אוי'ערן. ניט גשמיותדיקע ווי איר זענט, און דאָס נאָר ווייל ניט דערפולט'ע, קאָנען אייך ניט אָפּהאַלטן די נאַסע ווענט, די גרויע סטעליע, די שוואַרצ'ע פאַדלאָגע". אַזאַ באַרועדעוודיקער ווערט שמואל ווען ער טרייסט די שאָטנס פון ניט דערפולטע גליסטעניש און זיי די שאָטנס, גלייך ווי זיי פאַרשטייען אים, זענען מסכים מיט זיין טרייסט.

זי זעצט זיך אויפן עק בעט, נעמט זיין האַנט אין איר'ער. „א שיינע האַנט האָסטו שמואל. נאָר גראָב פויעריש געוואָרן האָט זי ג'עגל'עט. ווייסט

אפילו ניט ווי ווען זעט אויס א מיידלישע ברוסט. א נאקעטע זעט זי אויס ווי א רויז״.

„וואָס הייסט ניין? ווער האָט דיר געזאָגט? אלע געחלומטע מאָדעלן האָב איך אויף דיר געמאָסטן.״

„דו ביסט א ליגנער, שמואליק. ווען ס׳זאָל געווען זיין אזוי וואָלסטו געווען געזאָגט״.

„צו וואָס זאָגן? וווּנדערט זיך שמואל. וואָלט איך געווען זאָגן וואָלסטו ניט געוווּסט״.

זי צעפלעכט די רויטע האָר מיט פוילע רייצנדיקע באוועגונגען. דאָס בלייכע ליכט פון נאכטלעמפל ווארפט פילפארביקע שטראלן אויף די קאלטע ווענט. די נאסע קעלט פארשווינדט פאוואָליע אזוי ווי די נאכט־קילקייט דעמלט ווען די זון פלעגט זיך ארויסיאווען פון יענער זייט שטעטל אויף דעם זעלבן פלאץ וווּ מיט א נאכט צוריק האָט זיך באוויזן דער בין־השמשות מיט א באגנעט אויף דער ביקס, צי גאָר מיט א סערפ צווישן די ציין. די זון פלעגט זיך באווייזן מיט א נצחון־קרוין, ווייזט אויס דערפאר ווייל זי האָט באמת מנצח געווען. וועמען האָט זי עס מנצח געווען? די ליכט שפארט גאָר פון זייד אין וועלכן זי האָט זיך איינגעהילט ווי א פארפירערישע בתולה. דאָס איז גאָר איר הויט אזא הויל זיידענע. ניין! זי איז א טונקל־סאמעטענע.

אין וועלדל וואָס הינטער דעם שטעטל, אויף יענעם זייט בערגל, איז רחל. דעם וואלד־היטערס טאָכטערס הויט איז געווען א ווייסע. ס׳איז אָבער ניט רחלע, ס׳איז גאָר דאָס מיידל וואָס האָט גערופן שמואל. שמואל אויף דער טונקלער גאס וואָס נעבן צענטראלן וואָקזאל, דעמלט ווען ער האָט נאָך געטראכט וועגן סאלאָנען און ווארשטאטן. זי לאָזט אָפּ זיין האנט מיט אן אָנהויב פון בושה. „וואָס איז זיך דאָ צו שעמען?״ זי שפּיליעט אויף די קנעפּלעך פון לאנגן קלייד און ענדיקט ניט מיטן אויפשפּיליען. די פינגער לויפן פון איין קנעפּל צום צווייטן מיט א ווילדער געשווינדקייט גלייך זי וואָלט שפּילן אויף א פּיאַן. דעם גאנצן וואלד פארנעמט די פּיאַן. זי שפּרינגט איבער די קלאַווישן, רירט אָן מיט שפּיץ פינגער נאָר די ווייסע. ארויפשפּרינגענדיק הילט פּייער איר שמאָל געזיכט, אראָפּשפּרינגענדיק הויבן זיך אירע רויטע האָר ווי פלאמען. שמואל פּרוּווט עפענען די אויגן און זעט צווישן די וויעס ווי זי פארשווינדט אין איינגעשלינגענע פון דער נאסער קאלטער גליטשיקער וואנט ווי א זשאבע־הויט. אין דעם ליכט פון נאכט־לעמפּל איז אלץ פאנטאַ־

מאטיש. דער טיש אין מיטן קעלער, די באָסטאָן דרוקמאשין פון ווינקל, דער בוכשטאבן־קאסטן וואָס איז אָנגעשפּארט אין דער וואנט...

זיבעצן טרעפּ פירן ארויף פון קעלער ביזן צימערל. זעצט זיך שמואל אויף א בענקל נעבן טיש, פון וו מען זעט דעם שפּיץ פון אקעגנ־דיקן הויז און קוקט צו די ציפערן וואָס ציילן די מינוטן און ער וואָלט וועלן זיי זאָלן זיך רירן ניט ליניאר נאָר אין קרייז. ער פירט איבער דעם בליק, מיט א שרעקלעכער פּוילקייט, צו די ציפערן וואָס ווייזן די שעהן און דערמאנט זיך אז ס'איז שוין צייט. ער מוז זיך צואיילן. פינעף מיט דרייסיק, און דאָס וואָס קומט ווייטער קאָן זיך מאכן ס'זאָל זיין טאָג. ס'גלוסט זיך אים ראזירן, די באָרד האָט אָנגעוואקסן א שיטערע און ער פילט זי ווי א לאסט. דער טאָג קאָן אָנהויבן גרויען און ער טאָר איב, שמואלן, דאָ ניט געפינען, פונקט אזוי ווי עס טאָר אים ניט געפינען דער טאָג־איינוווינער פון צימערל, דער וואָס האָט דאָ זיין ווארשטאט. אויפן פנים וואָס אין שפּיגל זענען פארשוווּנדן די זומערשפּריגנקעלעך וואָס האָבן זיך געצויגן פון די באקנביינער און זיך אריבערגעוואָרפן ווי א זאָטל איבער דער פליישיקער נאָז. „ווייזט אויס אז ס'קומט דער ווינטער. ס'איז שוין איבער א יאָר“ אין די ערשטע צוויי חדשים האָט ער זיך פאמיליא־ריזירט מיט די פארשיידענע פאָרמען בוכשטאבן, מיט קלויבן, זעצן און אויסשטעלן א זייטל.

יעדן דריטן טאָג פלעגט קומען דער וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט אלס וואמווו („א נאָמען“!) — א יונגער מיט געלע וואָנצעס, פאררויכערטע ברילן און א ברעט פון אונטער וועלכן ס'האָט זיך ניט ארויסגעזען קיין איין איינציקע האָר („קאָפּ־רעומאטיזם“), פלעגט אויסקלויבן א זייטל פון א בוך וואָס ער האָט מיטגעבראכט צום ערשטן מאָל, באשטימען די בוכשטאבן און די ווערטער אויף וועלכע עס זאָל פאלן דער טראָפּ מיט ציצערא אָדער אלדינען, באשטימען דעם טאָג ווען ס'דארף זיין פארטיק און פארשווינדן. ווען שמואל האָט אָנגעהויבן צוגרייטן דריי פארשיידענע „מאָדעלן“ האָט וואמווו געזאָגט: „דו קענסט שוין בעסער פון דיין לערער“, און האָט זיך אָפּגעזעגנט דריקנדיק די האנט שטארקער ווי געוויינטלעך, מער האָט אים שמואל ניט געזען. ס'איז געקומען אן אנדערער, א מיטעלייעריקער מיט געדיכטע וואָנצעס וועלכע האָבן אויס־געזען צו זיין עכטע, זילבער־האָר, ער האָט געליטן פון א מאָגן־קראנק־קייט, (ווי עס האָט זיך אויסגעדאכט איז אויך דאָס לײדן געווען עכט, ווייל עס זענען געווען טעג אין וועלכע ער האָט ניט געליטן, דעמלט

פלעגט ער לאכן, ווערן בארעדעוודיק, דערציילן געשעענישן), געזאָגט האָט ער אז מ׳רופט אים טאָטאָ („א נאָמען״!). ער פלעגט מיט זיך מיטברענגען א באגייסטערונג וואָס פלעגט באלויכטן דעם קעלער, קאָמענטירן דעם טעקסט מיט ברען אזוי אז צומאָל פלעגט זיך אָנצינדן דאָס רויטע לעמפל וואָס האָט געהייסן „אכטונג״. יעדעס מאָל ווען ס׳פלעגט עמעצער קומען האָט דאָס לעמפל געוואָרנט שמואלן ער זאָל זיך ניט שרעקן ווען ער וועט הערן אראָפגיין די טרעפ. די באגעגענישן מיט טאָטאָן זענען אים געפעלן. ניט נאָר טאָטאָ נאָר אויך זיינע פירושים צום טעקסט וועלכע פלעגן באקומען קורסיווע צי גאָר אלדינע פאָרמען.

שמואל ווייסט עד היום ניט צי ס׳איז געווען טאָג אָדער נאכט ווען דאָס לעמפל האָט אָנגעזאָגט „די גרויסע הפסקה״. דאָס האָט געהייסן בלייב אין קעלער ביז א נייער צייכן וועט דערלויבן קריכן אויף די שימלטרעפ. ער האָט אָנגעדרייט דעם וועקער וועלכער איז ביז דעמלט געשטאנען א ניטגעניצטער, האָט אָנגעשטעלט די ווייזערס אויף צוועלף, גענומען א ווייס פאפיר און אָנגעשריבן א גרויסע נול. ווען די ווייזערס האָבן זיך באגעגנט צום צווייטן מאָל, פיראונצוואָנציק און אזוי ביז הונדערט זעקסאונדרייסיק. ניט וויסנדיק צי עס איז טאָג אָדער נאכט, האָט ער אָפגעלייגט זיין אוועקגיין מיט צען שעה. ער האָט געטראכט אז אוועק מוז ער איבער דעם הינטערהויף, ניט וויסנדיק צי דאָס הויז האָט א הינטערהויף. א שטוב אָן א הינטערהויף האָט ער זיך אָבער ניט געקאָנט פאָרשטעלן. פון דאָרט צום וואָקזאל און דאן א פרווו טון דאָס גליק אויף דער זעלבער גאס ווי ביים אָנקומען אין דער גרויסשטאָט. אז ער וועט די גאס דערקענען האָט ער ניט געצווייפלט. ער האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אין וועג אריין, אין טעפל איז נאָך געווען א וואסער־רעזערוו מיט וועלכער מען האָט זיך געקאָנט אָפראזירן. א קוק געטאָן אויף דער באָרד און באמערקט אז די הויט פון פנים איז ווייסער פון דעם פאפיר האָט ער זיך דערמאנט אז אזעלכע פנימער רופט מען „טויטע געזיכטער״ און האָט פארשטאנען אז גיין איז ניט קיין פשוטער ענין. נאָך דריי שעה האָט א ווינק געטאָן דאָס לעמפל „אכטונג״. שמואל האָט זיך ניט דערשראָקן און אויך ניט דערפרייט, ער האָט פשוט אויסגעדרייט דעם בליק צו די טרעפ. אראָפגעקומען איז אן אומבאקאנטער, ער האָט מיטגעבראכט עסן און א מאָדנע פרייד. שמואל האָט די פרייד ווייניק פארשטאנען אָבער געפרעגט האָט ער ניט. דער אומבאקאנטער האָט אויסגעלייגט די מאכלים אויפן טיש, געזאָגט „איצט איז גוט״, זיך ארומגעקוקט און גע־

ווארט אז שמואל זאָל אים הייסן זיצן, אים פרעגן וועגן זאכן וועלכע קענען אינטערעסירן א ליעבעדיקן מענטשן, אָבער שמואל האָט געשוויגן, האָט זיך פון צייט צו צייט געריבן די רויטע אויגן, געקוקט אויף דעם אומבאקאַנטן און ווייטער געשוויגן. ווען דער אומבאקאַנטער האָט זיך געלאָזט צו די טרעפּ האָט שמואל א מאך געטאָן מיט דער האנט, געהייסן בלייבן, און נאָך א לאנגער פּויזע געפרעגט צי ס'איז טאָג אָדער נאכט „פארוואָס?" האָט זיך געוואונדערט דער אומבאקאַנטער. „אזוי, עס וויל זיך וויסן" האָט שמואל געענטפערט בלייך. אזוי האָט זיך שמואל דערוווסט אז ס'איז נאכט און דער אומבאקאַנטער איז אוועק א דערשראָקענער איידער שמואל האָט זיך צוגערירט צום עסן.

שמואל האָט זיך ניט אזוי גיך געזעצט צו טיש. ער האָט צוגעווארט ביז ער האָט פארשטאַנען אז דער אומבאקאנטער איז ווייט פון שטוב, נאָך דעם איז ער ארויף די טרעפּ, ציילנדיק זיי. אלץ זיבעצן. ער האָט פעסטגעשטעלט אז אין צימערל זענען פאָרגעקומען פארענדערונגען. נעבן פענצטער א שוסטער טישל, עטלעכע קאָפּעטעס, צוויי שאכטל הילצערנע צוועקלעך, מעסערס. ער האָט זיך געזעצט אויף דעם שוסטערבענקל, אויסגעזוכט דאָס העמערל מיט דעם שמאָלן העלדזל, גענומען די אָל, א שטיק גראָבע פּאָדעשווע־לעדער, געמאכט א לאָך, ארייַנגעשטעלט א האָלצפלעקל און א הויב געטאָן דאָס העמערל. פון קעגנאיבער שטייענדיקן טורעם האָבן צו אים געקוקט פיר שווארצע ציפערן אויף א געלן גרונט, האָט ער זיך דערמאָנט אז דאָ טאָר מען ניט מאכן קיין רעש, אז קיינער טאָר ניט וויסן אז ביינאכט געפינט זיך עמעצער אין צימער, אזוי אז ער האָט לאנגזאם אראָפּגעלאָזט דאָס העמערל נעבן שוסטערבענקל, אוועקגעוואָרפן דאָס שטיקל פּאָדעשווע און נעמענדיק עטלעכע האָלצשטיפטלעך א פרעג געטאָן: „רבי אהרון, איר געדענקט?" ס'האָט זיך אים אויסגעדאכט אז ס'זענען פארביי הונדערט יאָר.

...דער מעזיניק איז אלט א יאָר דרייצן. גייט ער איבער דער גאס זאמלען זיך ארום אים א כאָפּטע קינדער, הענגען אויף הענט און פיס און זינגען אין כאָר: „דער הינטן א פארלאטעטער און נאָך מיידלעך א פארסאפּעטער". טרייסלט ער זיי אָפּ, לויפן זיי אים נאָך און שרייען אָן אויפהער. ער, א יינג פון א יאָר דרייצן אין איין העמדל (אנדערע אין זיינע יאָרן טראָגן אן אנצוג, א רעקל מיט לאצן, א קראוואט) און הויזן באמת פארלאטעטע דאָרט ווי די קינדערלעך זאָגן, גייט אין מיטן גאס מיט צעשויבערטע האָר און מיט א חוצפּהדיק פארוואָרפן קעפּל ארויס־

פאָדערנדיק די גאנצע וועלט. ער איז גרייט איינוער אליין זיך איר אנטקעגנ־צושטעלן. אזא ווי זי איז גוּפּוּלט זי אים ניט, דרייט ער זי איבער מיטן הינטן ארויף, פארוויסט ער הייזוער און באפּעלקיערט דעכער, בוידעמעס, סטאָלבועס און טעלעגראף־דראָטן. גיצע דוער בריוטרעגער, א קלייניער און איינגעפינדעוועטער, גלועט די רויטע וואָנצעס און די קינדוער — זיבן פון וועלכע זעקס צווילינגן — לייגן האלב־זיצנדיק זייערע אינדערפריע־דיקע אייער, גלייך אויף דוער גאס, אין תחום פון איינגעהויקערטן שניי־ווייסן הייזל, פרייען זיך מיט זילבערן געלעכטוער ווען איינעם גוּלינגט איבועריאָגן די איבעריקע, פארנעמען דאָס ערשטע פלאץ אין אומפארשועמטן פארמעסט.

— פארטרייב זיי צו אלדע רוחות, הערט זיך דער מוטערס קול, ס'איז א בושה פאר לייט וואָס זיי מאכן דאָרט אָן. רייניקן, אויסגערייניקט זאָלן זיי ווערן, דארף אלץ איך. גיצע גלועט גלייכגילטיק די וואָנצעס, אפשר באהאלט ער אויף אזא אופן א שמייכל, ס'איז אים א שאָד שטערן די קינדוערס־שפּיל, לאָזט דער מוזיגעק אים מיט די עופהלועך אויף דער גאס און דאָס ווייב זיינס, וועלכע האלט אין איין שועלטן, פארווארפט ער אויפן פלויט א צעשויבוערטע. אין פריצישן הויף שניידן צוויי פּוֹעֲרים דאָס גראָז און דריי גראָבן די ערד, פארוואנדלט ער זיי אין גענדז, גאָנערס און קאטשקועס נאָך דעם וואָס ער האָט פארשליידוערט דעם פריץ אויפן דאך, פון ווו ער קוקט אראָפּ א דוערשראָקענער און אָנגעבלאָזענער ווי אן אינדיק.

פאר נחום וואסערפירערס כאטע דרימלט אן איינגועשפּאנטוע די אלטע קליאטשע, דאָס הייזל, מיט טרועפּ און גאנעק, איז דאָס נידריקסטע פון גאס. אויף יענער זייט שווארצער צעקרומטער טיר וויקלט זיך א סוד. ער בלייבט א רגוע שטיין, נחום וואסוערפירערס פלאץ איז אָדער אין הייזל אָדער אויף דער לינקוער האלאָבליע.

— צו דוער „מאָנאשקוע", שרייט אויס דוער וואסוערפירער ווי נאָר ער דערזעט אים. דאָס הייסט זיך זועצן אויפן פאס און אראָפּשמייסן מיט אים צום ברונעם. ניט יעדוער האָט דעם כבוד צו רייטן אויפן פאס. קאָן ער אָבוער ניט, עס ווארט אויף אים אהרן שוסטוער. שוין לאנג ניט געוועזן ביי אים. אינדערפרי האָט ער דערפילט א רוף, מוז ער גיין. פאר־לוירן א געלעגנהייט צו פאָרן מיט נחומען איז ער זיך נוקם אין זיידל דעם סוחר מיט דוער רויטער באָרד וואָס שטייט אויף דער שוועל פון געוועלב און פאריאָגט אים ווי א קויל פון ביקס אויפ'ן לאמטערן־סטאָלב,

ווי ער בלייבט הענגען א צעכראסטעטער ווי א געקרייציקטער צאפ. פלוצעם וואקסט אויס ראזע די קינא אייגנטימערן, באגלייט פון א בשמים־כמארעלע וואס מוטנעט דאס געמיט, צעחושט די געדאנקען. זי האט אים אמאל אנגעריסן די אויערן כאטש שולדיק איז ער ניט געווען. ניט ער האט אנגענעצט אונטער דער באנק. דאס יינגעלע נעבן אים האט דאס געטאן און תיכף געביטן דאס פלאץ. זייט דעם צעחושט זי אים נאך מער.

אהרון נעמט אויף דעם מעזינעק ווי אן אלטן גוטן ברודער, גיט א ווייז צום דרייפיסיקן שוסטערבענקל מיטן גלאנציקן געזעס. דא געפינט ער תיכף א באשעפטיקונג, קלויבט די צעשיטע הילצערנע פלעקלעך, שטעקט אריין איינס צווישן די ציין, זוכט א העמערל.

— דערצייל, וועמער פליט היינט העכער פון אלע? אהרון ווייסט, פאר אים האט ער קיין סודות ניט.

— מאדאם ראזע, ענטפערט דער מעזינעק און פאררויטלט זיך. אהרון קוקט פון אונטער די ברעמען, אין די אויגן ציגדט זיך אן א האלב חוזק פלעמעלע, לאזט ער זיי אראפ.

ווען דער מעזינעק גרייט זיך אין וועג אריין בעט ער אים צוהעלפן איינארדענען די קאפעטעס אויף דער פאליצע, דערציילט בשעת מעשה וועגן מלכותדיקן מעווע־שוועבן איבער צעבושעוועטע ים־כוואליעס.

„כ'געדענק, ענטפערט אהרון, וואס הייסט נישט געדענקען?" זעצט זיך אויפן קעפעלע פון דער ניין און פארשווינדט צוזאמען מיט דער ציפער שלעפנדיק נאך זיך שמואלס צווייטן ברודער, דעם גרעסערן, דעם וואס איז געשטארבן מיט פיר יאר צוריק. דאס שוסטער־בענקל זעט איצט אויס ווי א שבעה־בענקעלע און דער טאטע זיצט נעבן טויטן מיט אן איינגעפאלן פנים אוןליידיקן בליק...

ס'איז איבער א שעה אז משה פילאזאף דערציילט אן אנגעשפאר־טער אין צווי מעטער גראבן דעמב, מיט וועלכן ער איז כמעט צוזאמענ־געוואקסן. אויסגעשיילט פון שטאם זעט ער אויס א שלאנקער. א מאדנע אויסדרוק באקומט ער ווען ער בויגט זיך ווי א ווערבע צום פייער, נעמט מיט א שנעלער באוועגונג א ברענענדיקע קויל, ווארפט זי פון איין דלאניע אין דער צווייטער. אין ליכט פון טליענדיקן קיי־לעכל זעען אויס זיינע שטריכן ווי געטעסעטע אין שווארצער קויל. די אויגן גלאנצן ווי ביי א דראגירטן. ווען ער דערציילט וועגן שמואלן

איז שווער צו זאָגן צי עקזיסטירט א שמואל אָדער ער שפּיגלט זיין געשיכטע מיט זיינע אייגענע ווייטיקן. ער רעדט מיט א נידעריקן טאָן גלייך ווי ער וואָלט דערציילן דעם וואלד.

אייגנטלעך האָט שמואל ניט תופס געווען דעם פּארמעסט פון בילד זיין טאטע איז געזעסן ביים קאָפּ פון דעם אויף דער ערד אויסגעצוי־גענעם זון. די ווייסע ליכט אין מעשענע לייכטער האָבן פארשפּרייט א שווערן גערוך. די נאָזלעכער פון ארומיקן עולם זענען פארשווארצטע פון אין חלב רויכערדיקן ביינוול. פון שכנותדיקן הויז הערט זיך מוזיק. עמע־צער לאָזט שפּילן איין און די זעלבע פּאטעפאָנפּליטע מיט א שפּרינגענ־דיק לידעל. אן אלטע פּליטע, צי אפשר אן אלטע נאָדל האָבן דעם ניגון צוגעגעבן א ניט אָנגענעמען קריץ. „גיי זאָג, זיי זאָלן אויפהערן", האָט עמעצער א זאָג געטאָן מיט א האלב קול. דעם טאטנס ביז דעמלט בלאָנ־דזשענדיקער בליק, א פארפלויגענער צוזאמען מיט דעם זון אין אנדערע וועלטן, האָט זיך אומגעקערט אין האלבטונקעלן צימער, שטיין געבליב־א פארוואנדערטער אויף דעם וואס האָט געדעדט, ניט פארשטאנען פארן וואס ער וויל שטערן דעם גאנג פון די געשעענישן. א טאָג און א נאכט זייט ער זיצט פארזונקען אין א טיף שווייגן ווי דאָס שווייגן פון הבל, א טויט דערשלאָגענער פון זיין ברודער, וועלכער שטייט ניט ווייט פון אים מיט ברייט צעעפנטע אויגן. ווילנדיק פארשטיין די סיבה פון זיין עובדא און פון דעם טיף אין דער הויט איינגעבראָבענטן צייכן, קאָן ער קיין וואָרט ניט ארויסרעדן. אזא שווייגן איז אויך זיין טאטנס; א שטילשווייגן וואס האָט זיך לאנגזאם באַזעצט אין אלע אברים, זיך געגאָסן פּאמעלעך פון איינעם אין צווייטן ביז ס׳האָט פארפלייצט דעם מח און ארומגענומען דאָס הארץ מיט א בארויקנדיקער קילקייט. עס האָט אָבער קיין זין ניט צו באשולדיקן שמואלן וועגן אזא נארישקייט. מעגלעך, אז דאָס געהער צו זיין למדוואָדיקן תמימות. האָט ער אראָפּגענידערט אין קעלער צייל־דיק די טרעפּ און נאָך אמאָל פּעסטגעשטעלט אז עס זענען זיבעצן.

פארענדיקט דעם פאראנטעז מיט א פילאָזאָפיש איראָנישן שמייכל האָט זיך משה אומגעקערט צום שטאם, זיך געלאָזט איינהילן אין זיין וואר־רעמקייט און פארגעזעצט מיט האלב פארמאכטע אויגן, גלייך ער וואָלט אויסגעטראכט אין יענעם מאָמענט די איינצלהייטן צו זיין געשיכטע, צי אפשר צוליב דעם כדי ניט אויסלאָזן אייניקע פון זיי.

טאַטאַ האָט זיך מער ניט באַוויזן. איצט פֿלעגט קומען אַן עלטער־ער מענטש מיט שטענדיק פֿאַרדרייטע אויגן, מיט אַן אומרואיקן אין אַלע זייטן לויפֿנדיקן בליק. ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט שמואל געוואָלט איבערלייענען דעם טעקסט אין זיין אַנוועזנהייט, האָט אים יענער איבערגעשלאָגן מיט אַ קורצן „ניין!". „פֿאַרוואָס?" איז שמואל צוגעשטאַנען. „מיין פֿליכט איז איבערצוגעבן, ניט מער".

ס'איז שווער צו זאָגן אַז דאָס איז געווען די סיבה, איין זאַך איז קלאָר: שמואל האָט אָנגעהויבן לעבן אויף צוריק, ווייזט אויס דערפֿאַר, ווייל דער קעלנער האָט אים געוועלטערט. זיינע געדאַנקען האָבן זיך גע־דרייט אַרום די בערג וועלכע האָבן פֿאַרשטעלט אַ האָריזאָנט, אַרום דעם טייך, אַרום די גאַסן, די געצבויגענע הייזער און געלאַטעטע קליידער. איצט האָט ער געזען קלאָרער די איינוווינער פֿון מאָנקאַלם און ס'האָט אים געוווּנדערט פֿאַרוואָס עס דרייען זיך אַזויפֿיל לאַטעס אויף דעם שטעטלס גאַסן. איינגעשטעלטע מיט לאַטעס אויף די עלנבויגנס, בעל־מלאכות מיט העלפֿאַרביקע פֿלעקן אויף די קני און אויף די הינטנס, ראָמבוספֿאָרמיקע לאַטעס מיט ציטערדיקע ליניעס אויף איבערגעגאָסענע בריסטן, קינדער מיט שפּיגלביינע אָנצוגלעך פֿון אַלטע שטיקלעך געוואַנט און צווישן אָט די אַלע, די פֿרעמדע, די פֿון אים געצייטע אַנצוגער אויף דעם בייכיקן שופֿט, לולבדיקן באַנקדירעקטאָר און דערשראָקענעם בירגערמייסטער. ער האָט ווי די מאַמע זאָגט: „גילדענע פֿינגער האָט מיין זינדל", קלינגט עס ווי זי וואָלט אים אָפּשפּרעכן פֿאַר אַן עין הרע און זי ענדיקט מיט אַ תּפֿילה „ס'זאָל מיר זיין פֿאַר זיי", קלינגט עס ווי אַ קרבן.

איין מאָל ווען דער עלטערער מאַן מיט די לויפֿנדיקע בליקן וועל־כער האָט זיין נאָמען קיין מאָל ניט אַרויסגערעדט איז געקומען מיטן טעקסט, האָט אים שמואל געפֿרעגט צי ס'איז מעגלעך ער זאָל אים ברענגען אַ מאָדע־זשורנאַל.

— שרעקט אייך ניט, האָט געזאָגט שמואל, ווען ער האָט באַמערקט אַז דעם גאַסטס אויגן האָבן אויפֿגעהערט לויפֿן, זענען שטיין געבליבן מיט פּחד אויף דעם ווינקלהאָקן וואָס ביי שמואלן אין האַנט, שרעקט אייך ניט, כ'בין ביי אַלע געדאַנקען, אָבער כ'בין אַ שניידער. ווען דער שליח האָט איבערגעגעבן שמואלס באַגער, האָט ער אויך אַרויסגעזאָגט אַן אייגענע מיינונג: ס'שיינט מיר אַז ער איז קראַנק. זיינע ציין זענען געל־בלעכע.

אין איינער א נאכט, אין דער צייט וואָס שמואל האָט צוגעשניטן מאָדעלן וועגן די איינוואוינער פון געסל וואָס לויפט צום טייך, אינספּירירט ניט פון מאָדע־זשורנאל נאָר גאָר פון שווימענדיקע גענדז און קאטשקעס, האָט ער אָנגעהויבן זינגען אזוי זיך: „אוי ווי מאמע, קאטשקעס שווימען און זיי מאכן מיט די פיס“. דאָס רויטע וואָרנונגס־לעמפּל האָט זיך אָנגעצינדן, אָבער ער האָט דאָס ניט באמערקט. ער האָט ווייטער צוגעשניטן די מאָדעלן. אלע גאסן און געסלעך האָבן שוין געטראָגן נייע מלבושים. איניקע מאָדעלן האָט ער געוואָלט איבערמאכן, זיי בייטן מיט אנדערע, מאָדערנערע. אין זיין פאָרשטעלונג האָבן זיך די מאָדעלן געדארפט איינגלידערן אין אן אלגעמיין בילד פון שטעטל אין דעם מאָמענט ווען דער בין־השמשות נידערט איבער דעם מיטן סערפּ צווישן די ציין אָדער מיטן באגניט אויף דער ביקס, רוקט זיך אלץ נענטער צום טייך, פון וועלכן עס קריכן שוידערלעך פילדערנדיקע קאטשקעס. אין קעלערוואנט האָט ער פארטיילט אין גאסן און הייזער. פאר יעדער שטוב די גאנצע משפחה, אזא ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט. חוץ דעם וואָס אין מאָנקאלם זענען באמת זייער זעלטן אומפאלן אין וועלכע מ'קאָן פארלירן א האנט אָדער א פוס, איז אים ניט איינגעפאלן אז אנדערע געשעענישן האָבן געקאָנט עפּעס בייטן, ווייל אויך דאָרט אין קעלער זעצט ער שוין אזא לאנגע צייט טעקסטן וועלכע זענען זייער ענלעך איינער צום צווייטן. נעמענדיק דעם לעצטן מאָדעל און א שפּילקע כדי אים אָנצוהענגען פאר דעם הויז וואָס נעבן טייך, האָט ער אויפגעהויבן דעם בליק און דערזען דעם רויטן צייכן. שמואל האָט זיך ניט איילנדיק אָנגעהאָנגען דעם מאָדעל און זיך אויסגעדרייט צו דער טרעפּ, געווארט אויף זיין אלטיטשקן מיטן לויפנדיקן בליק, דערזען האָט ער אָבער דריי געפּלעפטע לייט מיט אויסגעצויגענע רעוואָלווערס. זיי האָבן אויך ניט פארשטאנען צו וואָס זיי דארפן די גאנציע ארטילעריע קעגן א מענטשן מיט א שער.

ווען ער איז ארויס פון קעלער איז געווען ניט נאכט ניט טאָג. א גרויער הימל איבער אומבאקאָנטע גאסן. ס'האָט זיך אים געדאכט אז ס'איז גוט אזוי, אז אזוי דארף זיין. דערנאָך האָט מען אים געפירט אונטער וואך איבער אנדערע גאסן אויך אומבאקאָנטע, אנטקעגנגעשטעלט פאר שרייענדיקע און וויניקער שרייענדיקע, ווילדע און וויניקער ווילדע, קאָלירישע און וויניקער קאָלירישע, נאָרמאלע און וויניקער נאָרמאלע אנגעשטעלטע וועלכע האָבן געוואָלט וויסן דאָס, וואָס ער אליין

האָט אויך ניט אינגאנצן געוווסט. אין תפיסה וו ער האָט געדארפט אָפזיצן לויט זייער מיינונג ניט ווייניקער ווי צען יאָר האָט ער קיין באַקאַנטע ניט באַגעגנט. ניט דעם חבר וועלכער האָט אים געראָטן צום שפּאָן אין חלל, ניט דאָס מיידל וואָס האָט געשעפּטשעט זיין נאָמען אויף דער פּוסטער גאס נאָך איידער זי האָט אים געזען, ניט וואמוון, ניט טאַטאָן און אויך ניט דעם עלטערן מיטן מורא־בליק. ער האָט געפונען א לויטערן הימל איבער א פייערדיקן הויף מיט הויכע ווענט, מענטשן אין געלע אוניפאָרמען מיט שווארצע פּאסן, וואס לויפן פון איין עק הויף צום צווייטן, מעסטן אים דעם גאנצן טאָג און קענען ניט דערגיין ווי לאנג און ווי ברייט ער איז. האָט ער זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקל (דער קעלער האָט אים אָפגעוווינט פון שפּאצירן) און געזיינגען פאר זיך, ווי איינער וואָס דאוונט ביחידות: אוי ווי מאמע...

מעגליך אז אין יענע טעג און אין די שפּעטערדיקע האָט ער ניט מער געטראכט צו זיינע מאָדעלן. (שמואל וועט זיך קיין מאָל ניט דערוויסן וויפל קאָפּצעבראָכעניש זיי האָבן פארשאפט דער גאנצער כאָפּטע פּאָליציי און זיכערהייטס־קאָמיסארן, וועלכע האָבן דווקא געוואָלט אז ס'זאָל זיין אן אומגעהויערער פּלאן ווי אזוי איבערצוקערן די וועלט און סוף־כל־סוף אָנגעשריבן איבער דער פּאָטאָקאָפּיע א רויטן פראגעצייכן — א מין קאָמיסארישן תיקו — און רעזיגנירט, ווייל זייער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג איז ניט אין מענטשלעכער מאָדנעקייט נאָר אין דעם בושעווען פון רעפּובליקאנער און דאָס האָט אין א געגנוגנדער מאָס באוויזן דער „באָסטאָן", מיט די טעקסטן). ער האָט געטראכט צום טייך, צו דער קוואָטשקע וועלכע קלאָגט זיך אויף איר גורל צו האָבן שווימענדיקע קינדערלעך, צו דעם נאריש מאיעסטעטישן שווימען פון די געגדז, צום שווינדלערישן רעש פון די רירעוודיקע קאטשקעס ווען עס געלינגט זיי אוועקגנבענען פון אונטער די געגדזן־שנאבלען א וואָרעם, צו זיין מאמען מיט די אראָפּגעלאָזטע הענט און צו איר מורא אז א זיי־געזונט־צייכן וואָלט קענען וועקן פינצטערע כוחות, ווען איר זינדל וועט זיין אליין אין דער גרויסער שטאָט. וועגן וויפל זאכן קאָן מען ניט טראכטן אז מען האָט אזוי פיל צייט וויפל ס'האָט געהאט שמואל שניידער...

משה שוויגט א לאנגע צייט, צוזאמען מיט אים די נאכט. אויך דאָס פייער טליעט א פארשטומטס. כאפּט זיך אויף א בלוי פלעמל, ליעבט

יעס א רגע און פאַרשווינדט צווישן די קוילן וועלכע האָבן דאָס געבוירן. ביין! יעס שלאָפט זיך ניט.

— לאָז געמאַך, זאָגט דעם הימל א לאַנגווייליקער זיענדיק ווי רבי עקיבא באַזעצט זיך טערקיש מיט די קורצע פיס אונטער זיך. א באַקאַנט שפּיצל. ער איז קעגן דעם געדאַנק, אַז שמואלן דאַרף מען אויסמעקן פון דער רשימה. און שטענדיק וועט ער וויל אַז זיינע אַרגומענטן זאָלן באַקומען א שווערערע וואָג זעצט ער זיך טערקיש און הויבט אָן דערמאַנען אויף אומוועגן זיינע גרויסע פאַרדינסטן דערציילנדיק צופעליק מיט אַן איכה געזאַנג (אפשר וויל ער געווינען אָנהייבנגער) די באַקאַנטע געשיכטע: „ארבעה נכנסו לפרדס בן עזאי, בן זומא, אחר־אלישע ורעקיבא...

— לאָז געמאַך מיט דיינע מעשות. דאָס זענען מענטשלעכע אויסטראַכטענישן, ס'וואָלט געווען א מעגלעכקייט צו רעהאַביליטירן אחר-אלישען. ער האָט געהאַט מער כח הדמיון.

ירמיהו האַלט קוים איין א געלעכטער.

— אין וואָס באַשטייט שמואלס שולד? פאַרוואָס זאָל ער טראָגן דאָס אחריות פאַר זאַכן פון וועלכע ער האָט קיין אַנונג ניט. ווער האָט אראָפּגעבראַכט דעם מבול — אונדזער תמימותדיקנס שטרויכלונג — קיין מאַנקאַלם, אין א שטעטל וואָס איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר א למדוואָווניק.

רבי עקיבא איז אַרויס פון די כלים. א ניט פּאַסיקע האַלטונג פאַר יענע ספערן. ירמיהו איז פאַרשטימט געוואָרן. ס'האָט אים אָפּגענומען דאָס לשון און ממילא דאָס געלעכטער.

דער הימל האָט פאַרציכט.

— לאָז שוין דו אויך געמאַך, האָט זיך אָפּגערופן יאַנקעלע. לויט דעם ווי ער האָט זיך געבויגן מיט אויסגעצויגענע הענט צום פייער האָט זיך משהן געדאַכט אַז ס'וויל זיך אים שלאָפן. דער גרויסער בער איז געלעגן מיטן דישל אויף נאָך חצות. א קאַלט ווינטל האָט א בלאָז געטאָן, און די וועלט־שומרים האָבן זיך געהילט אין די קאָזשוכעס. פילנדיק ווי די ערד שוועבט צווישן שטערן, האָט יאַנקעלע ניט געקאָנט ביישטיין

דעם ווילן ארויסצורעדן א וואָרט. ווי קומט ער ווידער קיין מאָנקאלם, אז ער איז גאָר אין תפיסה?

— ווער? האָט זיך געוווּנדערט משה און אונטערוואַרפנדיק א פּאָר שטיקלעך האָלץ אויפן פייער: אהא, שמואל! ביים טויער פון געפענגעניש האָט אים אָפּגעוואַרט דאָס מיידל וואָס האָט מיט צען יאָר צוריק געשעפּטשעט זיין נאָמען אויף דער פּוסטער גאַס. געזאָגט האָט זי אז מע רופט זי שפרה (און ס'האָט ניט געקלינגען ווי „א נאָמען", דאָס איז טאַקע געווען איר אמתער נאָמען, אזוי ווי זי איז געשטאַנען מיט א געפאַלענער ברוסט און אביסעלע צו גרויסע היפּטן, דערפאָרמירט פון וואַרטן. ווער האָט איר געהייסן וואַרטן?) זי האָט אים אָפּגעפירט צום וואָקזאַל — ניט צום צענטראַל — און פון אופן ווי זי איז אַריין אין וואַגאָן און זיך אוועקגעזעצט נעבן אים האָט שמואל פאַרשטאַנען אז זי האַלט זיך פאַר זיין ווייב און ער איז געווען מסכים. נאָך אין געפענגעניש האָט ער זיך דערוווּסט אז די עלטערן זיינע זענען געשטאָרבן. די שטוב אויף דעם ניט געפּלאַסטערטן געסל איז געבליבן אויפן פּלאַץ, א ניימאַשין האָט ער געפונען ביי אן אַלטן בלינדן שניידער. אין דער צייט האָט ער פאַרלוירן פון זיין געוועזענער געשיקטקייט, די פינגער זענען ניט מער געווען קיין גילדענע, דערפאַר אָבער האָט אים ניט געפעלט קיין שניידערישע שער און ניט קיין כח הדמיון. א מערקווירדיקע פאַנטאַזיע. נאָך דער אַרבעט אין וואַרשטאַט, נייט ער אינדערהיים קליידער פאַר זיינע אייגענע קינדער און פאַר אָרעמע לייט. די ערשטע צייט האָט מען שווער פאַרשטאַנען די פליענדיקע אַרבל, די הויזן פלאַנדערן, נאָר סוף־כל־סוף האָט מען זיך צוגעוווינט צו זיינע איינפאַלן איבערהויפּט ווייל זיי זענען געווען ביליקע און צומאָל גאָר בחינומדיקע. שמואלס אַרבעט האָט ווייטער געהאַט איר אייגענעם שטעמפּל אָבער אן אנדערן, כמעט א פאַרקערטן.

— די גאַנצע וועלט ווייסט אז דער וועג פון בעלפאַסט קיין פּרעטאָריע פירט ניט בעל כרחו איבער מאָנקאלם, זאָגט משה, דאָס מאָל מיט פילאָזאָפישן ערנסט. קיינעם פון די אַנוועזנדיקע איז ניט איינגעפאַלן אים אנטקעגנצורעדן, דער טאָן זיינער האָט אָבער געוואָרנט אז אזעלכס דאַרף און טאָר אפילו ניט איינפאַלן. משהן דאַרף מען ניט אנטקעגנרעדן.

— ביז היינטיקן טאָג ווייסט קיינער ניט ווי אזוי ס'איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל באָבאָ, דער אייגנטימער פון איינעם פון די גרעסטע מאָדע־הייזער. ווי מען האָט שפּעטער פעסטגעשטעלט האָט באָבאָ גענומען דעם אַוויאָן וואָס פליט פון בעלפאַסט קיין פּרעטאָריע. זיין שפּור ווערט

פלוצעם פארלוירן און אין א נאָכמיטאָג, דעמלט ווען דער עולם איז מער אויף דער גאס ווי אין די הייזער, האָט ער זיך באוויזן אין מאָנקאלם. זיין ערשטער איינדרוק איז געווען פון איבערראשונג. געוויינט גיכער צו זען די מלבושים ווי די מענטשן האָט אים איבעראשט דער שניט פון די קליידער וועלכע ס'האָבן געטראָגן א טייל פון דער באפעלקערונג. קליידער, הויזן, רעקלעך האָבן פאררעטן אן אָנהויב פון א חלום, פון א ניט פארענדיקטער שעפערישקייט. זיך דערוווסט ווער עס איז דער שניידער האָט ער זיך געלאָזט צום ניטגעפלאסטערטן געסל מיט דעם געדאנק: "מיין מענטש". ער איז געווען זיכער אז צו קיין אָפזאָג קאָן עס ניט קומען. א סך קלאפן אין טיר און בעטן זיך ארבעטן כאָטש איין סעזאָן. און באָבאָס „הויז". „געארבעט ביי באָבאָן" הייסט זיכערער דערפאָלג, הייסט פרנסה ברווח. אין דעם פאל אָבער איז ער דער וואָס פאָדערט, אזוי אז ס'איז ניטאָ וואָס צו טראכטן. דער יאָ, איז אין קעשענע.

ווען ער איז אריין צו שמואלן זענען גראָד געלעגן אויסגעשפרייטע אויפן טיש אלטע שטיקלעך געוואנט אָנגעצייכנטע מיט קרייד. א קוק געטאָן און גלייך פעסטגעשטעלט אז ער האָט א טעות געהאט. דער „חלום" בלייבט אן אייביקער סוד. פון דעם פונק צעברענט זיך ניט קיין פייער. וואָס מער ער מוטשעט זיך אויסצומאָלן זיין חלום אויפן געוואנט אלץ מער פארפלאָנטערט ער זיך אין די צייכנונגען, אלץ מער בלאָנדזשעט דאָס קרייד אין א וועלט וואָס ער קאָן ניט דערגרונטעווען. ס'איז אים קלאָר געוואָרן אז נאָר דאָ איז דאָס פלאץ פאר שמואלס פינקען וועלכע א געניטער מאָדעמייסטער קאָן דערפירן צום אמתן פייער. אזוי אז ער האָט אָנגעהויבן באזוכן שמואלן איין מאָל צי גאָר צוויי מאָל אין יאָר. באָבאָס אָנוועזנהייט אין מאָנקאלם איז געווען די סיבה פון סיכסוך צווישן הימל און רבי עקיבא. און דאָס דערפאר ווייל דער איינפלוס פון שמואלס שניט, פון זיינע „איינפאלן", פון זיינע פינקען, האָט זיך פארשפרייט נישט נאָר אויף דעם קליידונגסגעביט נאָר אויך אויף דעם אופן פון שערן זיך די האָר, שיך־מאָדעלן און טענץ. ישון איז די געשיכטע דווקא יאָ געפעלן. מענטשן האָבן אָנגעהויבן ווערן ענלעכער צון אים: לאנגע האָר, צעשויבערטע בערד, להכעיסדיקע נאָכלעסיקייט. דער הימל אָבער האָט געהאלטן אז דאָס שמעקט מיט אויסגעלאסנקייט און געוואָרפן די שולד אויפן אומשולדיקן שמואל. האָט זיך אָבער רבי עקיבא דעמלט געשלאָגן ווי א לייב און געווינען די שלאכט.

איצט, דערהערנדיק אז שמואלס נאָמען איז ארויסגערעדט געוואָרן אין קאפיטאָליום, איז ער דערציטערט געוואָרן. דער שטראל אויף וועלכן ער איז געזעסן געמיטלעך האָט זיך אומדערווארט א ריר געטאָן. די באוועגונג האָט אויסגעזען ווי פון א קראן וועלכן עס מאנעווירט אן אָנהויבער, אים א ווארפטויענדיק אין א נאָר אים באקאנטער ריכטונג.

אין יענעם טאָג האָט קראפטיקוס דער נייער פרעזידענט — עטלעכע יאָר נאָך שמואלס באפרייען זיך פון תפיסה האָבן די רעפובליקאנער געווינען די וואלן, פאריאָגט דעם קעניג, דעם לעצטן מיטגליד פון דער דינאסטיע כאכאכא — געארבעט ביז שפעט נאָכמיטאָג. אינדערפרי, צען אזייגער אָן פינעף מינוט האָבן אין זעקס קאבינעטן פון קאפיטאָליום א קוק געטאָן זעקס מענער אויף די האנטזייגערס, זיי פארגליכן מיט די עלעקטרישע וואָס אויף די ווענט און א דרוק געטאָן אויף די ווייסע קנאָפקעס, איבערגעגעבן די סעקרעטארשעס, וועלכע האָבן געענטפערט אויפן קלינג, די אונטערגעשריבענע פאפירן, די אָפגעלייגטע אויף אן אנדערט מאָל די קלאסירטע עד שיבא משיח, צוזאמען מיט די וועלכע וועלן אָפגעלייגט אָדער קלאסירט ווערן דאָס קונפטיקע מאָל, זיך אויפגעהויבן פון די ווייכע שטילן און זיך געלאָזט מיט כמעט מאיעסטעטישע טריט אין וועג אריין. די קאבינעטן האָבן זיך געפונען אין פארשיידענע פליגל פון קאפיטאָליום פון יעדן איינעם האָט געפירט צו דער צענטראלער טרעפ א ברייטער קאָרידאָר, די ווענט געדעקט מיט געלן זיידענעם טאפעט און די פאָדלאָגע מיט א גראָבן רויטן טעפיך. אלע קאָרידאָרן האָבן געהאט די זעלבע לענג, געמאָסטן מיט טריט פון מיטעלע מענטשן וואָס שפאנען ווי הויכגעוואקסענע. די מאָנומענטאלע, צענטראלע טרעפ איז געווען א ברייטע אזוי אז זעקס מענטשן זאָלן זי קענען גלייכצייטיק באטרעטן און איינער דעם אנדערן ניט שטערן. א מאָדנער געדאנק פון אן אלטמאָדישן ארכיטעקט כדי אויסצומיידן די מעגלעכקייט פון קנאה וועלכע קאָן דערפירן צו שנאה און הייבט געוויינטלעך אָן פון א נארישקייט ווי צום ביישפיל ווער זאָל זיין דער ערשטער. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט מיט דעם זעלבן פאָלקסמאיעסטעטישן גאנג — א ביסעלע א שווערער, ווייל די לאסט פון גרויסע פאראנטוואָרטלעכקייטן האָט שווער געדרוקט אויף זייערע ווי אזוי ניט ברייטע, דאָך ניט מער ווי מענטשלעכע אָרעמע אקסלען — צו קראפטיקוס קאבינעט.

דער לאָקיי האָט זיי באמערקט, אָפגעציילט ביז צען און קוים אָנגערירט א בלויען קנאָפ. די טיר האָט זיך לאנגזאם געגליטשט אין די זייטן,

פאַרשווונדן אין דער וואַנט, אַזוי אַז ווען זיי זענען אָנגעקומען איז געווען געגנוג פּלאַץ אַז אַלע זעקס זאָלן אַרײַן אין קאַבינעט אין דעם זעלבן אַטעמצוג. זיי האָבן זיך געזעצט אַרום טיש גרייט צו שמייכלען אָדער לאַכן, ווײַל זיי האָבן געוווּסט אַז קראַפּטיקוס׳ טבע איז אָנצוהויבן די דעבאַטן מיט אַ ווערטל. דאָס מאָל האָבן זיי זיך טועה געווען. זײַן בליק האָט געבלאָנדזשעט פֿון אײנעם צום צווייטן גלײַך ער וואָלט זיך מוטשען זיי צו דערקענען און זיי האָבן פֿאַרשטאַנען אַז עס וואַרט זיי אַ שווערע דעבאַטע, אַז קראַפּטיקוס פֿילט די נויטווענדיקייט צו ברענגען אַ רייע אַרגומענטן, דעבאַטירן מיט זיך און מיט זײַנע אייגענע ספקות און זיכערקייטן, אַז דער שמועס מוז זיך ענדיקן מיט אַ וויכטיקן דאָקומענט וועלכער דאַרף אונטערשטרײַכן אַז אַ תקופה האָט זיך געענדיקט און עס הויבט אָן אַ נײַע עפּאָכע. דאָס באַטײַט קאָמפּליצירטע סיטואַציעס, אומפֿאַרגעזעענע געשעענישן. אַקציעס וועלכע מ׳דאַרף אויסוועגן, פּראָוויסאָרישע אַלע מעגלעכע וואַריאַנטן. אַזוי איז באמת געשען. קראַפּטיקוס האָט אויסגעלייגט טעזן, אַרגומענטן פּראָ און קעגן, זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין און פֿעסטגעשטעלנדיק אַז די זעקס האָבן גאָרניט וואָס צוצוגעבן, אַז אַלץ איז קלאָר, האָט ער דערפֿילט אַן אײַנגענעמע אויסגעשעפּטקייט, אַ מחיהדיקע מידקייט, ווי עס וויברירט אַ יונגע אָדער, ווי עס זינגט עפּעס אין אים, ווי דער ניגון שפּאַרט פֿון די טיפֿסטע געדערעם. ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען ווו און ווען ער האָט געהערט אַזאַ געזאַנג באַפֿרײַט פֿון יעדן עול, האָבן די ליפּן אַ שעפּטשע געטאָן: אוי ווײ מאַמע קאַטשקעס שווימען... און ער האָט אַ פֿרעג געטאָן: „ווו איז שמואליק?“

די זעקס זענען געבליבן זיצן געפּלעפֿט. זיי האָבן דערפֿילט דאָס ממשות פֿון דעם וואָס מען רופֿט חרטה. זיי האָבן דאָס דערפֿילט ווי אַ מעסער אין די קישקעס. אויך זיי האָבן אַמאָל געזונגען דאָס לידל, אויך זיי זענען געווען אין תּפֿיסה צוזאַמען מיט שמואלן. ווו־זשע איז עס מעגלעך געווען זיי זאָלן אין אים פֿאַרגעסן? ער, קראַפּטיקוס, וועלכער איז פֿאַרנומען ביז איבערן קאָפּ, וועלכער מוז זיך שלאָגן מיט אייגענע ספקות, ער, אויף וועלכן עס ליגט די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון אַ גאַנצער מדינה געדענקט אים און זיי האָבן אים אינגאַנצן פֿאַרגעסן. אויף זײַן פֿראַגע וואָלט יעדער פֿון זיי געדאַרפֿט האָבן גרייט דעם ענטפֿער, אָנווײַזן דאָס פּלאַץ ווו עס געפֿינט זיך דער תּמימותדיקער פּאָלקסמענטש און זיי ווייסן ניט וואָס צו זאָגן, האָבן זיי ווידער דערפֿילט ווי די חרטה שנײַדט זיך אַרײַן אין זייער פֿלייש דאָסמאָל אין האַרצן.

אין דעם זעלבן טאָג איז באשטימט געוואָרן מ'זאָל אים שיקן אן אָפיציעלע איינלאדונג, ער זאָל געבראכט ווערן מיט פרוי און קינדער אין קאפיטאָליום. „אזוי פיל יאָרן געבידעוועט אינאיינעם...“ האָט געקלונגען דער אָפיציעלער דאָקומענט.

צו פארהוילן אין סודות זענען די הימלישע וועגן, קאָן מען קראפ־טיקוסן נישט באשולדיקן אז ער האָט ניט געוואָלט פארשאפן שמואליקן א פרייד, אז ער האָט ניט געמיינט פון גאנצן הארצן זיין טובה.

ווי געזאָגט, פירט ניט בעל כרחו דער וועג פון בעלפאסט קיין פרעטאָריע איבער מאָנקאלם. אנדערש איז אָבער די לאגע מיטן וועג וואָס פירט פון פרעצל קיין פלעצל. דער דאָזיקער וועג קאָן מאָנקאלם ניט אויסמיידן. דאָ איז געלעגן די סכנה וועגן וועלכער רבי עקיבא האָט אפילו ניט געחלומט. ער האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף דעם בלאָנדזשענדיקן זוניגן שטראל כדי נענטער צו באוואכן דעם קאפיטאָליום מיטן געדאנק אז פון דאָרט בלאָזט דער בייזער ווינט, אז פון דאָרט קאָן קומען דער נסיון פאר זיין ליבלינג וועלכן ס'איז אים איין מאָל געלונגען צו ראטעווען, דעמלט ווען מיט באָבאָ. געווינטלעך א שלום־נשמה וואָס האָט דעם כח צו זען די זאכן אזוי ווי זיי זענען און זיי לאָזן לויפן זייער וועג, אזוי ווי ס'־איז געשען אויך דעמלט ווען „ארבע נכנסו“, האָט רבי עקיבא פלוצעם דערפילט דעם טעם פון נצחון. אויב שמואל איז געווען ניט מער ווי איינער פון די קאנדידאטן צי אפילו איינער פון די בעסטע האָט אים דער זיג א הויב געטאָן צו דער מדרגה פון הבן יקיר לי. רבי עקיבא האָט אין דעם ניט געפילט די האנט פון אשמדאי און אפשר דערפאר זיך פארזינדיקט מער ווי אלע אנדערע. אין זיין אראָגאנץ האָט ער אונטערגעשעצט די פיינטלעכע כוחות, ניט באמערקט ווו עס שטעקט די גרעסטע געפאר, אז זי ליגט אן איינגעשפארטע ווי בלעמס אייזל, טאקע אויף דעם וועג וואָס פירט פון פרעצל קיין פלעצל.

— שוין ווידער? האָט א פרעג געטאָן יאנקעלע.

— שא, האָבן פראָטעסטירט עטלעכע שטימען.

— שלאָפסט ניט? דאָס פייער האָט זיך געשפיגלט איראָניש אין משה פילאָזאָפס אויגן.

— שטעל דיר פאָר אז ניין. כ׳האָב נאָר אראָפּג׳עלאָזט די פירהענג־ל׳עד.

— וואָס איז דאָס פאר אן אומרו וועלכער לאָזט דיך ניט שלאָפן? די שומרים היטן דאָך.

— דאָס וואָס מיין ׳עקזיסטענץ פליסט אונטער זייער בליק. אָדער פארקערט.

— זיי זענ׳ען ווייט, ווייטער נאָך ווי אן אינטערקאָנטינ׳ענטאלע ראקעט׳ע.

— וו׳ערט ד׳ערמיט זיי׳ער וו׳עזן אנד׳ערש?

משהן האט זיך געוואָלט ענטפ׳ערן בייסיק, אָב׳ער יאנקעלע האָט אים ניט געלאָזט.

— צו ד׳ער זאך משה! אן אומנאטירלעך געלעכטער האָט א קלוע־טער ג׳עטאָן צו די בוימ׳ערשפיצן, פון דאָרט זיך געקאטשעט אין ווייט׳ע געגנטן ווי גלייך ׳עס וואָלט וועלן ד׳ערמאנען אין אן אנד׳ערן סיכסוך וו׳עגן וועלכן נאָר זייביידע ווייסן.

— ווילסט אפשר כ׳זאָל זיך מתוודה זיין? מיינסט אז איצט איז דיין שכל דערוואקסן?

משהן האָט זיך ניט ג׳עגלוסט גיסן גאל אין א נארישן וויכוח, ס׳וואָלט אויסג׳עקומען, האָט זיך אים געדאכט, מחלל זיין שמואלס ליכטיקן אנדענק, כאָטש אזוי האָט ׳ער צוגעגיעבן ר׳עדנדיק ווי א פראָפעסאָר: דעם גייסט האָבן מיר ג׳ענומען ווי א טאטזאך, א פאקט. ווי מיר דאכט זיך האָבן מיר ניט גענוג געטראכט צו זיין אנטשטייאונג, צו זיינע פאָרמען און ווענדונג׳ען. ד׳ער קאמף איז צום באדויערן נאָר אויפן געביט פון ד׳עט׳ערמיניזם. אפשר קאָן ׳ער גאָר אנדערש ניט זיין. איז אָבער אונדזער נאכט א קלאָרע, די ערד א קאלטיע, די שטערן גאסטפריינטל׳עכ׳ע און מיר גליסט זיך שפילן. אויב דיין ד׳עט׳ערמינירט׳ע נשמה קאָן דאָס ניט אויס־האלטן, פארמאך די אויגן און שלאָף. איך צווינג דיך ניט צוצוה׳ערן און אונדזער ג׳עשיכט׳ע דורנ׳ענטערט זיך צום באדוי׳ערן סיי ווי סיי צום סוף.

ווי איך האָב געזאָגט, פירט ניט ד׳ער וו׳עג פון טאָקיאָ קיין קאל־קוטא איבער מאָנקאלם, דער שליאך פון פר׳עצל קיין פלעצל לויפט אָבער בעל כרחו — זייט מיר מוחל די פאָרמולירונגען, דאָס איז יאנקעלעס שולד — איב׳ער מאָנקאלם. און אין אָט די בייד׳ע שט׳עטלעך האָבן זיך ג׳עפונ׳ען א וועלט מיט מ׳ענטשן וועלכ׳ע האָבן פארבראכט א טייל פון זייער׳ע יאָרן אין געפענג׳עניש צוזאמ׳ען מיט שמואלן. ניט אל׳ע צוען, צי גאָר אכט יאָר,

ווייל ווי עס שיינט מיר, איז אונטערגעקומען אן אמניסטיע — נאָר א טייל פון זיי. דאָס נייעס וועגן דעם אז שמואלן האָט מען איינגעלאַדן אין קאפיטאַליום, איז אָנגעקומען קיין פריעצל און קיין פלעצל אין משך פון איין טאָג. איינער א פלאפלער האָט א פאָר געטאָן אהין און צוריק אין געציילטע שעהן טאקע מחמת דעם נייעס. גענומען האָט ער זיך צו דער נסיעה לאנגזאם מיט צייט, בדעה געהאט איבערצונעכטיקן אין מאָנ־קאלם, פאָרן דעם צווייטן טאָג קיין פלעצל און פון דאָרט זיך אומקערן קיין פרעצל מיט דעם דריי־אזייגערדיקן צוג, וועלכער גייט דירעקט און שטייט ניט גאנצע דריי שעה אויף מאָנקאלמער וואָקזאל. איבערגענעכ־טיקן האָט ער געטראכט ביי שמואלן מיט וועלכן ער איז אָפגעזעסן צוזאמען אכט חדשים. דער אמת איז אז אין שמואלס זיכרון איז געבליבן מער זיין געפלאפל, א מין באלא—באלא אָן קלאָרע ווערטער, איינער וואָס רעדט די גאנצע צייט, מעליצעט אָן אויפהער ווי א וואסערמיל ראָד. פון דער ערשטער מינוט ווען ער האָט זיך דערזען א פרעמדער צווישן הונדערטער מענטשן האָט ער זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקל און א לאנגע צייט געזונגען: אוי ווי מאמע קאטשקעס שווימען... ער געדענקט אים פשוט ניט, ער פעלט אים ניט, די תפיסה יאָרן קאָן ער אויספולן אָן זיין אָנוועזנהייט, די שפעטערדיקע אוודאי. כאָטש אזוי לאדט ער אים איין אויף מיטאָג יעדעס מאָל ווען ער באווייזט זיך אין מאָנקאלם. ס׳איז דער איינציקער פאל אין וועלכן שמואל רעדט איינס און טראכט עפעס אנדערש. אים זאָגט ער „ניט קיין מלכותדיקער מיטאָג אָבער וואָס טויג דיר זיצן אליין אין רעסטאָראנט?“ און טראכטן טראכט ער „דער מיטאָג איז דוקא יאָ א מלכותדיקער נאָר מיך ארט ניט אז ביי אזא מיטאָג זאָל ביים זיצן טיש א פלאפלער. הערן אים מוז איך דאָך ניט“.

אָנגעקומען קיין מאָנקאלם, ארויס פון וואָקזאל, האָט אונדזער פלאפלער באמערקט אז אין שטעטל קאָכט זיך, אז ס׳האָט פארלוירן דעם געוויינטלעכן „קאלם“. דער עולם איילט זיך שוויגנדיק צו דעם ניט געפלאסטערטן געסל און קערט זיך פון דאָרט אום א בארעדעוודיקער. אלץ אויסרופצייכנס און פרעגצייכנס: „הער נאָר,!“ „וואָס דו רעדסט?“ „טא, טא, טא!“ „עט, עט, עט“, „נו, נו, נו“, און נאָך אזעלכע פילבאדייטנדיקע פראזעס. זיך דערוווסט אז שמואל איז איינגעלאַדן אין קאפיטאַליום און דערצו נאָך פון קראפטיקוסן בכבודו ובעצמו, האָט ער זיך געאיילט א קוק טאָן אין שמואלס הייזל און פארשטאנען לויט זיין אומבאהאָלפנקייט, לויט שפרה׳ס בריענענדיק פנים, לויט די קינדערלעכס שפיגלען זיך אין

די שויבן אז ס'איז אמת. פאַרגעסן אַז ער האָט עפּעס צו טון אויך אין מאַנקאַלם, איז ער אַוועק קיין פּלעצל זיך אומגעקערט קיין פּרעצל אין משך פון עטלעכע שעה, געוואָלט זיין דער ערשטער שליח פון בייעס, דאָס איבערגעבן ווען מען דאַרף, מענטשן וועלכע פאַרשטייען פאַרוואָס און פאַרוועך. אַזוי איז געשען אַז אין יענעם זיבעצעטן מערץ האָט מען ניט אַזויפיל געדעדט וועגן דער קאָמונע ווי וועגן דער גוואַלדיקער געשעעניש. איבערהויפּט אַז הן אין פּרעצל הן אין פּלעצל זיינען געווען מענטשן וועלכע האָבן געקענט שמואלן פון די תפיסה־יאָרן. און דער שמועס וואָס האָט זיך איבערגעחזרט מיט ווייניקער ווי פערצן מאָל אין ביידע שטעטלעך איז געווען בערך אַזעלכער:

— האָסט שוין געהערט?

— וואָס זאָל איך הערן?

— מ'האָט שמואלן אַרויסגערופן אין קאַפּיטאַליום.

— שמואל? ווער איז שמואל?

— וואָס הייסט ווער איז שמואל? דער לאַטוטניק!

— ?!

— האָסט פאַרגעסן? אוי ווי מאַמע...

— אהא! שמואלן! און נאָך אַ ווײַלע: אַז מע רופט ווייזט אויס, מ'דאַרף.

דאָס זיינען געווען יענע אַרט מענטשן וואָס זיינען ניט קיין חפונים, וואָס איילן זיך ניט מיט כאַראַקטעריסטיקעס אפילו דעמלט ווען זיי האָבן אַן אויף אַלע זייטן אויסגעוואויגענע מיינונג. פּאָליטיקער. וואַרטן אויף אַ באַשטעטיקונג, אויב מעגלעך אַן אָפיציעלע. ערשט נאָך דעם וואָס דאָס נייעס איז באַשטעטיקט געוואָרן, נאָך דעם וואָס די איינלאַדונג איז געמאָלדן געוואָרן אָפיציעל, האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער ויכוח אויף צו דערגיין וויאַזוי ס'איז געשען. „ווייזט אויס ער האָט געשריבן". „שמואל און שרייבן!" „אויב ניט ער, איז ווער?" „שייך ווער?" „עס שמעקט גאָר מיט חוזק". „נאַ דיר אַ חכם! פאַרוואָס חוזק?" "ווייל ער איז אַ גאַרניט!" „אַ געזעסענער גאַרניט, איז ניט קיין גאַרניט!" „שאַ, רעג דיך ניט אויף, אַזוי רעדט זיך". „פאַר דעם רעדן גיב אַ טראַכט". „אויב דו האָסט מיט וואָס". „כ'לעבן אַז אייער רעדן איז ניט שיין". „איינס איז קלאָר: אויס לאַטוטניק, אָנגעכאַפּט גאָט ביי די פיס".

עלטערע לייט מיט אָפּגעשוואַכטע גופים און זכרונות, מיט פויגלקעפּ איבער לאַנגע ביינער, זיינען געשטאַנען שווייגנדיקע. געקוקט ווי

בלינד׳ע אָדליערס, אַנגעשטרענגט דאָס געהער, געוואָלט דערגיין דעם מיין פון דעם פייערדיקן שמועס. צומאָל א פרעג געטאָן: „וועמען? וואוהין? שמואל זאָגט איר? אהא! כ׳דערמאָן זיך ניט, איר ווייסט דער זכרון...“ און רירנדיק לאנגזאם די קעפּ אין די הענט אויסגעדריקט זייער אומבאַהאָלפנקייט.

געבליבן איז דער „אָנגעכאפּט גאָט ביי די פיס“ און די איבערצייגונג אז פון שמואלן וועט עפּעס ווערן. אזוי אז קנאה האָט זיך פארשפּרייט, פארפּעסטועט די לופט פון פלעצל און פרעצל מיט א שוועפלרויך. מעגלעך אז ביידע שטעטלעך וואָלטן געוועזן געהאט סדום׳ס גורל, ווען ניט דער רעגן. דריי טעג האָט געגאָסן, ממש א מבול, געצווינגען דעם עולם זיצן אין א מין אבלות, ווען ווען וועלכן זיי האָבן ניט געוווסט. דאָס איז געווען די מילדע נקמא פון הימל, ווייל זייער אומגעלומפּערטע קנאה א פּראָוואָצירטע ניטווילנדיק פון שמואלן האָט גורם געווען דאָס אויסמעקן אים אויף אלע אייביקייטן פון דער רשימה מיט די פּאָטענציעלן למד־וואָווניקעס.

א חודש איז ער אָפּגעזעסן מיט ווייב און קינדער אין קאפּיטאָליום, זיך באגעגנט מיט גרויסע און גרעסערע מענטשן וועלכע האָבן זיך דערמאָנט אין אמאָליקע יאָרן, געלאכט מיט גרויס פארגעניגן. שמואל האָט ווייניק פארשטאנען פון זייער געלעכטער, אָבער דאָך געשמייכלט גוטמוטיק, ס׳האָט איס געפרייט וואָס ער קאָן פארשאפן פרייד נאָך דעם האָט ער זיך אומגעקערט קיין מאָנקאלם, ווו ער שטיקעוועט אָרעם קליידונג זינגענדיק „אוי ווי מאמע“ און קיין למדוואָווניק איז פון אים ניט געוואָרן.

— דאָס איז אלץ? פרעגט יאנקעלע שפּאָטיש.

— שלאָפסט ניט? ניט אלץ.

— וואס ווייטער?

— ווייטער האָט א קו אן אייטער. נאָר אויב דו ווילסט יאָ וויסן וועל איך דיר זאָגן. רבי עקיבא׳ס כח הדמיון האָט זיך צעפלאקערט בעסער שפּעטער. ער האָט באשולדיקט דעם הימל אין גלייכגילטיקייט, געזאָגט אז דאס אלץ איז דערפאר ווייל ער מישט זיך ניט אין מענטשלעכע ענינים. אז ער פארשאפט זיך אליין אזעלכע סיורפּריזן, ער פארפלאָנטערט אזוי די געשיכטע אז אפילו די זוהרדיקסטע נשמות קאָנען זי מער ניט אויספּלאָנטערן. דער הימל, א ברוגזער איבער אזא שארפער קריטיק האָט אים באשטראָפט ער זאָל זינגען זעקס און דרייסיק יאָר: אוי ווי מאמע...

זינגט ער.

# אימפּולסן און קמעות

אָנגעקומען צום טויער האָט רובין ארויסגענומען פון קעשענע א פּאטשיילעכל, אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און נאקן, א טאפּ געטאָן די נאָז מיט דער אויבערשטער ליפּ (א געוווינהייט פון די קינדעריאָרן), אראָפּגענומען דיברילן, געווישט די גלעזער פּינטלעכדיק מיט די אויגן און ווען ער האָט פארלייגט די האָלאָבלעס הינטער די אויערן, דערזען ווי פּוסט עס איז דער קאזארמע־הויף. אָנשאַטנדיקע לאנגע באראקעס, אָן אָנשאַטנדיקע בודקע ביים אריינגאנג און נעבן איר אָן אָנשאַטנדיקער באַוואָפנטער זעלנער. אין גערוך פון טליענדיקן אספאלט און רויטלעך שימערדיקער לופט האָט די קאזארמע אויסגעזען ווי נאָך א שרפה.

„אייערנעכטן אָנגעקומען און שוין פארשוונדן?" דאָס נייעס אז די געוועזענע „אינטערבריגאדיסטן" זענען אין חיפה האָט א בליץ געטאָן איבער דער שטאָט און זיך פארלאָשן. לעבעדיק איז עס געבליבן נאָר ביי די וועלכע האָבן געהאט דערצו א שייכות. און רובין האָט געהערט צו אָט די געציילטע, ווייל ער איז געווען זיכער און דערנאָך האָט מען אים באשטעטיקט אז צווישן זיי געפינט זיך אויך אורי. האָט אים אָבער עפּעס צוריקגעהאלטן. און ערשט אויפן דריטן טאָג איז ער געקומען צום באַשלוס אז ס'איז א נארישקייט. דערזעענדיק די פּוסטקייט פון קאזארמע איז אים איינגעפאלן, אז די מעגלעכקייט זיי זאָלן שוין געווען אוועקפאָרן איז ניט אויסצושליסן, איז עס אים אויסגעקומען פארדריסלעך.

— „ווי אזוי האָט אורי געקאָנט פארבייפאָרן און מיך ניט זוכן?" דריי יאָר האָט מ'ען פארבראכט צוזאמען די זומ'ערנ'עכט נ'עבן ישראלס בודקע, וואָס אויף רחוב הרצל, און די ווינט'ערנ'עכט אין אוריס צימ'ער אויף א ג'עסל ווו 'עס 'ענדיקט זיך די נ'יי'ע און 'עס הויבט אָן די אלט'ע

שטאָט. די זומער נאַכט ליגנדיק ווי אויף א העסיבעט, איין העלפט אויפן טראָטואר און די צווייטע אויף דער גאַס, שטראָקנדיק פון צייט צו צייט די האַנט אויף אַרונטער, ישראל האָט שוין אַליין געוווּסט וואָס ער דאַרף דערלאַנגען אַן אייזקרעם פון „אייגענער פאַבריקאַציע" און וואָס אַן „עס־קימאָ". פלעגט מען אים צומאָל דערמאָנען: „סרול, זייט מוחל און האַלט דעם חשבון אַקוראַט ניט ווי אויף דודעשטי", דעמלט פלעגט ער דאָס געפּרוּווטע ניט מער אַריינשטעקן אין די אויף אַרונטער געשטרעקטע הענט נאָר עס אונטערטראָגן א פּאַרשוויצטער, מיט גריבעלעך אין די פון היץ רויטע באַקן און מיט פון בענקשאַפט פאַרצויגענע אויגן, האָט ער אויסגעזען ווי אַן אויסגעבר־ענטער עמוד האש.

— זאָרגט ניט, מען וועט אייך ניט באַראַבעווען.

ליגנדיק אויפן טראָטואר מיט צעכראַסטעטע העמדער און לעקנדיק געפרוירנס האָט מען גאָרדנט א וועלט. דער הימל א בלויער, באַהאַנגען מיט שטערן ווי גילדענע אַשנבעכערס, די איבערגעהיצטע לופט א פאַרגליווערטע קוים צום אָטעמען, לעקט מען אַן אייזקרעם פליענדיק מיט מוסאָלינים זון איבער עטיאָפּישע ברענענדיקע קוסטעס, אין וועלכע ס'ווערן פאַרקוילט האַלבנאַקעטע אַביסיניער, אַן „עסקימאָ" אויפן וועג וואָס פירט פון חיפה קיין עכו, דאָרט ווי די ענגלישע פּאָליציי האָט אויפגעריסן א פירשטאָקיקע געביידע, ווידער אַן אייזקרעם פון „אייגענער פאַבריקאַציע" מיטן אַרלאָס פּרעסטעס אין בראַזיליאַנישן דזשונגל און אַלץ אַזוי ניט באַמערקנדיק אַז די שטערן קריכן צום זעניט און לעשן זיך ווייל זיי אָרדנען איין א וועלט א גליק־ליכע, שניידן אַלע גאַרדיאַנישע קנופּן מיט מאַגישע פאָרמולן, טרייבן וועלט־פּאָליטיק.

— עס טאָגט, די הענער קרייען שוין, דערמאָנט זיי ישראל מיט אַן הגדה ניגון.

— ווו הערסטו זיי?

— הערן קאָן מען ניט, ווייל זיי זענען ווייט, אָבער משער זיין קאָן מען זיך.

—קומט אויס גיין שלאָפן.

— אַזוי פרי?

— מאָרגן אויף דער נאַכט אויפן זעלבן פּלאַץ, ישראל, גיב זיי מוחל אַכטונג מ'זאָל ניט פאַרנעמען אונדזערע פּלעצער.

— וואָס הייסט, פאַרנעמען אייער שטאַמטיש?! כ'וועל ניט צולאָזן.

אזוי פלעג אוועק דער זומער. אין די ווינטערנעכט האָט מען געטרונקען טיי מיט „זדאָבניעס"* ביי אורין אין שטוב. די זדאָבניעס זענען געווען אוריס פרויס ספּעציאַליטעט. א באַברילטע, עטוואָס פולינקע מיט צוויי בליקן, איינעם אן אויבערפלעכלעכן מיט א שמייכל וואָס וויל זיך פון גאָרניט מאכן קיין צרות און איינעם א טיפערן מיט א פאַרבאָהאָלטענעם זיפץ, ווייל דאָס מעל ענדיקט זיך, פלעגט זי אָנבאַקן א הויפן אָפּגעבאַרטע קיכלעך, וועלכע מען פלעג ווייקן אין טיי, טרינקען, צובייסן און מתקן זיין א גליקלעכע וועלט. צומאָל פלעגט זיך דערטראָגן פון קעגנאיבערדיקן פענצטער א פאַרביענקטע פרויענשטימע נאָך דעם שטעטל ביעלז. באַגלייט פון שווערע גיטאַרע־טראַפּנס און דורכגעוויקט פון דריבנעם ריעגן דרינגט דאָס קול אין צימער און וואַרפט אָן אן אומבאַשטימט געפיל, גיסט מען הייסן אָקריעפּ אין די גלעזער, ווייקט מען א זדאָבניע און מען מעלה־גרהט אין שפּאַנישן בירגער־קריג, אין פראַנצויזישן פאָלקספראָנט, אין היטלערדייטשלאַנד, אָדער אויף א פרישן קבר פון א געפאַלענעם ניעבן מאַדריד. פינקלט אויף א שטערן געזעגנט מען זיך ביז מאָרגן.

פון דעמלט זענען פאַרביי זעקס יאָר. ניין, ניט זעקס, כמעט זיבן. קנאַפּע זעקס זענען פאַרביי פון טאָג ווען זיי האָבן זיך געזעגנט אין פּאַריז, ווען אורי האָט אויסגעקליבן דעם וועג ווייטער און רובין דעם וועג צוריק. א צייט האָט אורי געפּרוווט דערגיין דעם עצם, געוואָלט פאַרשטיין ווי אזוי ס'האָט געקאָנט געשען אז אין דער לעצטער מינוט זאָלן זיך שיידן זייערע וועגן, אין וואָס עס באַשטייט דער סוד. אויפן אָרט פון אן ענטפער פלעגט דערשיינען דאָס פאַריזער „פּלעצל", רובין אן איינגעשרומפענער, אלץ האָט זיך געקאַטשעט אויף איינעוויניק ווי א מגילה, נאָך אויסן האָט געשפּאַרט א ניטפאַרשטענדלעכער אומרו. באַשולדיקן רובינען אז ער איז א פּחדן, האָט ער ניט געקאָנט. צופיל זענען געווען די באַווייזן אז ס'איז ניט אזוי און דאָס האָט דעם סוד געמאַכט נאָך סודותדיקער. אין אן אויפדערנאַכט האָט זיך אים אויסגעדאַכט אז ער איז צו עפּעס דערגאַנגען, אָבער קאָנקרעטיזירן דעם עפּעס האָט ער ניט

---

*) א געבעקס

געקאָנט. דאָס איז געשען אין א מאָמענט, ווען די פראַגע האָט אים שוין אייגנטלעך ניט זייער געמוטשעט, ווען ער האָט פון איר כמעט פאַרגעסן.

...ביים האָריזאָנט האָט דער ליכטשטרייף א צאַפּל געטאָן און זיך אויסגעלאָשן. די נאַכט האָט דעם הימל באַשטערנט און די ערד געהילט אין פינצטערניש, פאַרווישט גרענעצן, ווייטקייטן און פראָנט ליניעס. ס׳האָט א בלאָז געטאָן א ווינטעלע, דערטראָגן א געריוש פון טרוקן גראָז, האָט זיך אויסגעדאַכט עס זענען שאָטנס פון געפאַלענע וועלכע זוכן זייערע אייגענע טריט. קריכנדיק אָדער זיך רוקנדיק אויפן הינטן האָבן זיך סאָלדאַטן געזאַמלט ארום דעם אויסגעברענטן פייער. אורי האָט געהאַלטן אין דער האַנט איין עק פון א טרוקן פּריטקעלע דעם צווייטן אין פּריסיק. ווי נאָר עס באַווייזט זיך א פלעמל פאַרלעשט ער דאָס — א פלעמל אין דער נאַכט איז פאַררעטעריש — צינדט פון רויכערדיקן עק דעם פאַרלאָשענעם ציגאַרעט, דעם רויך בלאָזט ער צווישן די ציין, צישעט ווי א שלאַנג און שאַרט ווייטער דעם פּריסיק. ער ווייסט אַז דער שוואַרצער גראָבגעשניטענער טאַבאַק פאַרלעשט זיך נאָך יעדן פאַרצי. אַנדריי, דער קאָמיסאַר גייט אָפּ א פּאָר שפּאַן, שפּירט אויס די פינצטערניש, איז זי חושד אין אַלע מעגלעכע פאַרברעכנס און פעסטשטעלנדיק אַז זי איז ניט מער ווי פינצטער קערט ער זיך אום צום בערגעלע פּריסיק.

פינצטערער ווי די נאַכט זענען די דריי קאַנאָנען, מאָנומענטן פון אַבסאָלוטער מענלעכקייט, די וואַכפּאָסטנס איינגעהילטע אין דעקן זעען אויס ווי אין תפילה פאַרשטיינערטע פּריסטער. פון די אינפאַנטעריי־אָקאָפּעס דערטראָגט זיך א געזאַנג: א שפּאַניער לויבט די הייליקע יונגפרוי, דאַנקט איר פאַר צוויי טעגיקער רו אויף דעם פראָנט אָפּשניט. אין ליכט וואָס פילטרירט זיך דורך דעם דינעם שיכט אַש זעען אויס די סאָלדאַטן ווי הייליקע ארום א טליענדיקן טיש פון וועלכן עס שפּראָצן פון צייט צו צייט זילבערנע קינזשאַלן. דער קאָמיסאַר פילט אַז די שטימונג איז ניט אַזעלכע וואָס זאָל סטימולירן זעלנערישע קעמפערישקייט, די שטילקייט איז צו מיסטיש און אַזוי ווי קיין איינפאַלן פעלן אים ניט, קומט ער מיט א פאָרשלאַג מען זאָל דערציילן וועגן דעם מאָמענט וועלכער האָט באַשטימט דאָס לאָזן זיך אויפן וועג פון פרייוויליקייט, אין וואָס ס׳איז באַשטאַנען דער „אימפּולס“. פאַלט דער גורל אויף הערנאַנדעזן, א זיבעצן יעריקער שפּאַניער.

— איך, זאָגט ער, נאָך דעם וואָס ער האָט אויסגעהערט מיט גרויס ערנסט דעם קאָמיסאַרס דערקלערונגען, ווייס ניט פּינקטלעך וואָס עס

באטייט דאָס וואָרט אימפּולס, נאָר אויב ס'קאָן אויך הייסן „עסטימולאָ“ קאָן איך מיר פאָרשטעלן וואָס דו מיינסט. ביים וואָרט עסטימולאָ פּולט ער אָן די לונגען מיט א קוביק מעטער לופט, בלאָזט זיך זיין ברוסט ווי ביי אן אינדיק וואס גרייט זיך צו ענטפערן אויף דער פראגע ווען ס'איז פורים, זעט ער אז אלע זענען מיט אים מסכים אז ער האָט פארשטאנען דעם עצם פון ענין. אויב אזוי זאָגט ער. ווייס איך ניט צי ס'איז די רייד פון אימפּולס, מיר שיינט אז ס'איז פשוטער. א געבוירענער בין איך אין דער סיערא. בערג, סקאַלעס, שטיינער, וויפל מע זעט מיט די אויגן. ערד, פּרוכטבארע ערד, איז ווייניק, און דאָרט וווּ ס'איז ווייניק ערד איז אויך ווייניק ברויט. בין איך געקומען.

דעמלט האָט זיך געדאכט אורין אז ער האָט געפונען דעם ענטפער ער האָט זיך דערמאָנט אין די פּאָר הונגער חדשים וועלכע ער האָט פארבראכט אין פאריז, אין זיין פריינט — א מאָלער — וועלכער האָט אים פארשאפט ארבעט טאָג־טעגלעך מיטאָג און וועטשערע, וויאזוי ער פלעגט רייניקן מיט גלאָז־פּאפיר טירן און פענצטער, א זאטער מיט אן איבער־געפולטן מאָגן, ווי דאָס האָט אים אויפאמאָל צוגעגעסן, ווי ער האָט איבערגעלאָזט זיין פריינט אן איבערראשטן פון פלוצעמדיקן באשלוס, זיך צו לאָזן אין וועג אריין.

„ווייזט אויס אז איינער וויל צו ווייניק ברויט, און איינער וויל צופיל... האָט ער א טראכט געטאָן. און רובין? ווער ווייסט?“

דער סוד איז ווייטער געבליבן א סוד, אָבער נאָר אזוי זיך, איינער פון טויזנט אנדערע, אויף וועלכע אמאָל האָט מען געענטפערט מיט תי־קו און היינט מיט „קליינבירגערלעך גריבלען זיך, ס'זענען דאָ וויכטי־קערע פראגעס“. די שטילקייט ארום נידערט א טיפערע, צוזאמען מיט דער דרימל־שטימונג וועלכע אנדריי האָט געוואָלט צעשטרייען ווייל ער ווייסט אז די פיינטלעכע פּאָזיציעס מאכן א גרויסן בויגן און זענען גרייט איינצושליסן דעם קרייז. ער ווייסט נאָר ניט אז אויך פאר די, וואָס זיצן ארום הייסן פריסיק, איז עס קיין נייעס ניט. אפשר דערפאר האָט אורי אין יענער נאכט מער ניט געטראכט צו רובינען, די געדאנקען האָבן זיך ניט געקלעפּט צו נעכטן, זיי האָבן מער געזאָרגט פאר דעם מאָרגן....

איצט שטייט רובין א פארבלענדטער פון דער זונען־שיין, טראכט ווי אזוי אָפּצונארן דעם זעלנער וואָס נעבן דער בודקע און אריינגנבענען זיך אין קאזארמע, א קוק טון אפשר איז אורי ערגעץ אין איינער פון

די באראקעס. נאָך עטלעכע שפּאַן, ווען ער האָט באמערקט אז דער זעלנער זעט אים ניט, האָט ער א זוך געטאָן דעם אייגענעם שאָטן און אים ניט געפונענדיק — ווייל געזוכט האָט ער אים זייטיק — האָט ער פעסטגעשטעלט אז א וועלט אָן שאָטנס איז שרעקלעכער ווי איינע מיט, און ס׳איז אים אויסגעקומען פריקרע, וואָס ער טרעט אויף א טונקעלעם פלעק און וואָס די זון שטייט איבער זיין קאָפּ.

אורין האָט ער געפונען אין איינער פון די באראקעס א האלב נאָקעטן. ער האָט זיך געגרייט אין שטאָט אריין. די פרייד איז געווען אָן עכטע, מען האָט זיך געוואָרעמט, אורי עטוואָס צו ברוטאל קלאַפּנדיק מיט ביידע הענט איבער רובינס פּלייצע, אז עס זענען אים שיר ניט אראָפּגעפאלן די ברילן פון דער נאָז. קיין ווערטער האָט מען ניט געפונען, מער געברילט, זיך אָפּגעשטויסן כדי זיך צו באקוקן פון קאָפּ ביז פיס און זיך ווידער געוואָרעמט, אזוי עטלעכע מאָל ביז ס׳איז ענדלעך געקומען צו רייד.

— ביסטו הייסט ׳עס דאָ!

— שוין דעם דריטן טאָג. אָבער אין שטאָט האָבן זיי ניט געלאָזט, געהאלטן מכלומרשט אין קאראנטין. קאַלאַניאַלע כיטרעקייט. ערשט איצט איז אָנגעקומען א דערלויבעניש.

— אזוי איז קלאָר. ס׳האָט מיך געוואונדערט דעם זעלנערס בלינדקייט. מיר האָט זיך געדאכט, אז כ׳האָב אים אָפּגענארט. צום סוף...

קלאָר איז אים אייגנטלעך געוואָרן, פארוואָס אורי האָט אים ניט געזוכט. א רגע האָט זיך אים געדאכט, אז ס׳איז צייט אויפקלערן זייער שיידונג, ניט לאָזן די זאך ביי דער אומגעלומפערטקייט מיט וועלכער זי האָט זיך געענדיקט אין פאריז אויפן „פּלעצל“. רובין האָט ווידער א טאפּ געטאָן די נאָז מיט דער אויבערשטער ליפּ, א באוועגונג ביי וועלכער זיין פּנים האָט באקומען א קינדעריש אויסזען און ניט געפּאסט צו דעם אטלעטישן קערפּער, און איבערגעחזרט זיין פעסטשטעלונג.

— ביסטו הייסט ׳עס דאָ.

— ווי דו זעסט. ניט אלע זענען געבליבן דאָרט. אוריס טאָן איז געווען א זיכערער, א זעלבסטבאוווסטער.

„א באזיגטער און רעדט ווי א זיגער“, האָט א טראכט געטאָן רובין און ס׳האָט זיך אים געדאכט אז אויסריידן זיך וואָלט מען אפשר געקאָנט ליגנדיק האלב אויפן טראָטואר און האלב אויף דער גאס פאר ישראלס בודקע. זענען אָבער אין די זעקס יאָר פארשוונדן סיי „סרול“ סיי

די בודקע און אויך די אטמאָספער. איצט איז ניט מער זעקס־און־דרייסיק נאָר דריי־און־פערציק.

— מע זאָגט אז איר האָט דאָרט מיט איבער צוויי יאָר פארשפעטיקט די וועלט־מלחמה.

— די גאנצע וועלט ווייסט יעס! ענטפערט אורי מיט שרעקלעכער פשטות.

„בעסער אזוי, טראכט רובין, צו קלאָר איז אים אלץ געוואָרן. די בודקע איז צו ווייט פון אים".

— גרייטסט זיך אין שטאָט אריין? פרעגט רובין. געוואָלט האָט זיך אים זאָגן: „פארווירקלעכט א חלום". געוואָלט האָט זיך עצהן: „היט זיך פון פארווירקלעכטע חלומות", נאָר באצייטנס זיך דערמאָנט אז זיגערס גיט מען קיין עצות ניט, אזוי אז ס'האָט זיך באקומען א באנאלע פראגע ווי דער גאנצער שמועס זייערער ביז זיי זענען אָנגעקומען אויף דעם הדר הכרמל.

דאָ האָט אורי באגעגנט זיינע אמאָליקע מאָלערס און פארבערס. דער קרייז איז געוואקסן, ער האָט זיך דערוווסט אז זיין געוועזענער מייסטער וווינט אויף דער זעלבער גאס וואָס האָט אָנגעהויבן קריכן מיט זיבן יאָר צוריק אויפן כרמל און באשטימט אים אָפשטעקן א וויזיט. אזוי אז ער האָט זיך אָפגעזעגנט פון אלע און אויך פון רובינען. קלערנ־דיק צו זעלציערס וווינונג, זיך דערמאָנט אז עפעס האָט ער געדארפט אויפקלערן, זיך ניט געקאָנט דערמאָנען וואָס, ענדליך האָט אויפגעבליצט דאָס וואָרט „אימפולס", האָט ער א מאך געטאָן מיט דער האנט מיט ביי־טול: „צו וואָס גריבלען זיך?" און געגאנגען ווייטער צו א פשוטן ציל.

רובין האָט א צייט געקוקט נאָך דעם חבר, ניט געוווסט צי זאָל ער מקנא זיין די זיכערע טריט, צי זיך באגנוגן מיט דער פעסטשטעלונג אז גריבלען זיך איז אן אינדיווידועלע פראגע, אז אלץ איז ניט מער ווי אן אימפולס.

זעלצער, אוריס געוועזענער מייסטער, האָט זיך פאר דער צייט נאָך מער געעלטערט. די ווייס רויטלעכער, די אויגן מוטנער, די ציין שיטערער, ווי נאָר ער האָט אים דערזען האָט ער אָנגעהויבן רופן מיט א דין קול.

— פינא, זע נאָר ווער ס'איז געקומען!

פינא, זעלצערס פרוי איז א ווינערן, א רעשיקע, א שפרינגענדיקע ווי א העלצל אויף כוואליעס.

— וואס האב איך דיר די גאנצע צייט געזאגט? ער וועט זיך אומקערן. אט איז ער דא.

— פון וואנען האט איר עס אזוי זיכער געוווסט? פרעגט אורי. דער אלטער מייסטער איז צו אלט, זיין געהער צו שוואך, דערגייט צו אים ניט דער קוים באהאלטענער פארוורף. אורי ווייסט אז זיין גורל באשטימט ער גופא, אז אין זיין שיקזאל מישט זיך ניט אבי ווער.

— דאס שפעטער. דערווייל זעצט זיך צום טיש מיר האבן סיי ווי געוואלט עסן מיטאג. פינא, ברענג נאך א טעלער.

האט מען געגעסן א ווינער יויך מיט ווינער כרעמזלעך, א קליין ווינעריש געבראטן הינדעלע לויט פינאס מאס און צום סוף ווינער מעלשפייז.

— יא, יא ער האט אימער געזאגט, האט פינא זיך געוואונדערט יעדעס מאל ווען זי האט עפעס געבראכט צום טיש קוקנדיק אויף אורין ווי אויף איינעם וואס האט זיך אומגעקערט פון יענער וועלט. מיט זעלצערן איז דער שמועס געווען א תוכיקער. ווי עס האלט מיט פרנסה און מיט די כוחות אויף צו שלעפן די לייטער, פירן די בארשט, טראגן די עמערס קאליעך.

צוזאמען מיט דעם מיטאג האט זיך אויך געענדיקט דער שמועס.

— פון דער מלחמה האסטו גארניט דערציילט, כאפט זיך זעלצער.

— איר זענט דאך געווען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה וואסזשע האב איך אייך צו דערציילן? זאגט מיר בעסער פון וואנען האט איר געוווסט?

דאס געבראטענע הינדל, דער שווערער ווין און פינאס טענצלען ארום טיש האבן אויפגעוועקט דאס פון מארשן און שלאכטן פארהארטעטע געמיט, האט זיך פארוואלט א רגע אנטשפאנונג, א וויג טאן זיך אויף אומבאקאנטע כוואליעס.

קום, וועל איך דיר ווייזן, האט געזאגט זעלצער מיט א פארענדערטער שטימע. ניט געווײַנטלעכע האבן אויך אויסגעזען זיינע טריט ווען ער האט זיך געלאזט צום שלאפצימער באגלייט פון אורין און פון דער שפרינגענדיקער פינא. צוגעגאנגען צו דער שאפע איז ער א רגע שטיין געבליבן, באוועגנדיק פון עמאציע די ליפן. געדענקסט, זאגט ער, ווען ביסט אוועקגעפארן בין איך דיר שולדיק געבליבן צוויי פונט.

— ניין, זאָגט אורי, כ׳געדענק ניט, כ׳האָב לגמרי פאַרגעסן.

— זעסטו, איך ניט. כ׳האָב זיי דיר ניט געוואָלט געבן, ס׳האָט זיך מיר געדאַכט אַז אויב ס׳וועט עפּעס בלייבן דאָ, וועסטו דאָס מוזן קומען נעמען. ער האָט געעפנט די שאַפע און פון אונטער די קראָכמאַליעטע לײַלעכער אַרויסגעצויגן צוויי שפּיגל־נײַע פונט־סטערלינג. דאָס זענען זיי. זייט דײַן אװעקפאָרן ליגן זיי דאָ. פון צייט צו צייט פלעג איך אַ קוק טון און זיך באַרואיקן. ער לעבט, פלעג איך מיר זאָגן, און אויב ער לעבט, וועט ער זיי קומען נעמען. איצט נעם זיי, וואָס ס׳וועט זיין ווײַטער בין איך מער קיין ערב ניט. צו אלט צו נעמען אויף זיך דאָס אחריות...

אויף דער גאַס האָט אורי אַרויסגענומען פון קעשענע די צוויי קנאַקנדיקע פּאַפּירלעך, לאַנג געקוקט אויף זיי און געטראַכט: „אַ קמעה״. זיך דערמאָנט אין שטעטל, אין דעם ווי הונדערטער מענטשן פלעגן קו־מען צום רבין און אהיים פאָרן מיט אַן אלטער מטבעה וועלכע האָט גע־דאַרפט ראַטעווען פון קראַנקהייטן, מכשולות און בייזע גייסטער.

„איצט איז עס אַ נוצלעכע נאַרישקייט״, איז אים אײַנגעפאַלן ווען ער האָט פעסטגעשטעלט אַז ער איז פּלוצעם געוואָרן דער רייכסטער פון די דורך חיפה פאַרבייפאָרנדיקע געוועזענע פּרייוויליקע.

דערמאָנט האָט ער זיך אין דער געשיכטע מיט אַ סך יאָרן שפּע־טער. דעמאלט האָט זיך אים זעלצערס פעולה באַוויזן אין אַן אַנדער ליכט און דאָס באַגעגעניש מיט רובינען האָט אַרויסגערופן ווידערשפּרעכנדיקע געדאַנקען. און דערמאָנט האָט ער זיך, ווייל זי איז אויך געווען אַ ווי־נערן, אויך אַ רעשיקע, אויך אַ שפּרינגענדיקע ווי אַ העלצל אויף צעבור־שעוועטע כוואַליעס. געמאָלט די גאַנצע צייט דריבנע ווי אַ קאַוועמילעכל, געדאַכט האָט זיך אַז פּילפּאַרביק מאַנאַטאַן.

געקומען איז זי צו גאַסט צו אַ חברטע אָדער אפשר מער און ווײַני־קער ווי אַ חברטע. גערעדט וועגן פרײַלעכס מיט אַ שרעקלעכן ערנסט, און וועגן שווידערלעכס, לאַכנדיק מיט אַן אָנשטעקנדיק געלעכטער. אוריס געהער איז צו יענער צייט געווען אביסל געשלאָגן, ניט מער ווי וואַקס־פּראָפּקעס אין די אויערן, אָבער גענוג אויף ניט צו דערהערן יעדעס וואָרט. דאָס איז ווייזט אויס געווען די שטראָף דערפאַר וואָס ער האָט ניט אָפּגעגעבן דעם געהעריקן כבוד זעלצערס טויבלעכקייט.

— אַך, זאָגט זי, וועגן פראַנץ און פריץ און יוליוס בעסער ניט רעדן. ס׳איז דען אַן אָרדענונג? אַ נעכטיקער טאָג. יעדער האלט זיך פאַר אַ גרויסן קענער. יעדער מיט זיין אייגענעם וועג. מיטאמאָל זענען

אלע קלוג געוואָרן. געווען א צייט... נארישקייטן. אין יענע צייטן האָבן מיר ניט געוווסט, נאָך דעם האָבן מיר זיך דערוווסט. נו, איז וואָס? הייסט עס אז אויך דעמלט איז ניט געווען אין אָרדענונג. איך קוק צומאָל אויף דיינע שפאניער. נעבעך...

— פארוואָס נעבעך, פרעגט אורי מיט א טויבן בליק.

— זאָל זיין ניט נעבעך, איז זי מסכים. ס׳ארט מיך ניט אז אזוי. און זיך ווענדנדיק צו איר חברטע, אָדער ווייניקער ווי איר חברטע, בייט זי דעם שמועס. מיר דאכט זיך, זאָגט זי, אז כ׳האָב דיר ניט דערציילט וויאזוי ס׳איז געשען ביז ראווענסבריק ווו מיר האָבן זיך באגעגנט. דערמאָנסט זיך נאָך ווען האָסט מיך געשיקט ארבעטן מיט די דייטשן, אונטערגראָבן די מאָראל פון דער היטלער־ארמיי. האָסט געפונען דעם פאסיקן מענטשן, זאָגט זי, און איר געלעכטער באווייזט אז זי איז געווען דער ריכטיקער מענטש, ווייל אזוי פיל ביטערע איראָניע לגבי די אייגענע כוחות פארמאָגן נאָר אויסדערוויילטע, נאָר אויסערגעוויינטלעכע באשעפענישן. ליג איך אויף דער פליאזש פון סען־מאלאָ צוזאמען מיט א באקאנטער אויך א ווינערן, אויף ליגשטילן און מען פלוידערט. אייגנטלעך געווארט אז די אוניפאָרמירטע דייטשן מיט פאָטאָ־אפאראטן אויף די אקסלען זאָלן אונדז „אבקניקסן”. געשען איז עס ווי דו ווייסט אין צוויי און פערציק. דאָס איז געווען אן אופן פון פאראייביקן די דייטשפראנצויזישע פריינטשאפט און מיר, איך מיט מיין ווינערן זענען געווען די פראנצויזשענקעס. אזוי האָט מען געשלאָסן באקאנטשאפט ביז דעם פראָצעס. כ׳בין ספעציעל ניט לאנג געפאָרן קיין פראנקרייך ס׳האָט זיך מיר געוואָלט זען דאָס הויז אין וועלכן דער פראָצעס האָט זיך אָפגעוויקלט. קוים דערקענט. אפשר דערפאר ווייל דעמלט האָט עס געטראָגן א פאמפעזע שילד ווי פראָקוראטור אָדער עפעס ענלעכס, האָט עס זיך מיר געדאכט א פאלאץ. צי נאָר דערפאר ווייל ס׳האָט מיך באגלייט א גרופע, צי א פלוטאָן, אלע מיט אויטאָמאטן. היינט ווייס איך מער ניט, דעמלט האָב איך געוווסט פינקטלעך ווייל אין דעם איז אייגנטלעך באשטאנען מיין ארבעט. געבראכט האָט מען מיך קאָנפראָנטירן מיט א דייטש. זאָגן אז איך קען אים ניט, איז געווען אוממעגלעך, ווייל מ׳האָט אונדז פארנומען צוזאמען.

מיר זענען א צייט געגאנגען איבער די גאסן און נאָך אונדז אנדערע צוויי. זאָג איך אים: די צוואָ דאָ האבע איך ניכט גערנע. ער ענטפערט ניט פארשטיי איך, אז ער ווייסט מער. אָנגעקומען צו דער פאָליציי סעקציע האָב איך זיי געזאָגט ס׳זאָל שנעלער נעמען א סוף ווייל

כ'האָב קיין צייט ניט. ענטפערן זיי, אייל דיך ניט, פון איצט וועסטו האָבן גענוג צייט. זעצן מיך אין א לאסטוואָגן מיט א וואך, גלייך ווי איך וואָלט געווען ווייניקסטנס מאטא הארי און פירן מיך אזש ביז פאריז, ערגעץ ניט ווייט פון מאדלען. פאָר איך און טראכט, וואָס האָט דאָס מיר געטויגט? איך מיט מיין גרויס האָב געוואָלט באשטימען דעם גאַנג פון דער מלחמה. גלוסט זיך מיר לאכן, האָב איך מורא זיי וועלן זאָגן אז איך בין אביסעלע פון זינען אָדער טאקע אינגאנצן משוגע. ענדליך האָט מען מיך געבראכט צום טריבונאל טאקע אין דעם זעלבן הויז וואָס האָט זיך מיר דעמלט געדאכט א פאלאַץ. פרעגט דער שופט דעם לייטנאנט: „וואס זאגט זי?" ענטפערט ער: „זי זאגט, אז ער ליגנערט". זאָגט מיר דער ריכטער: „נו, זעסטו?" ענטפער איך: „וואָס זאָל איך זען? אזוי איז עס ער ליגנערט". פרעגט דער ריכטער: „ווער, דער לייטנאנט?" הויב איך אָן לאכן און זאָג: „ניין, דער ערשטער". „פארוואָס זאָל ער ליגנערן?" פרעגט דער ריכטער. „ווייל ער איז א ייד", ענטפער איך. „א ייד גאָר?", וואונדערט זיך דער ריכטער און צום לייטנאנט: „איסט דאס וואר?" „עטוואס שאָן", ענטפערט דער לייטנאנט. „וואָס ווייסטו פון דער גאנצער געשיכטע?" „דאָס וואָס ער האָט מיר דערציילט, אז זי האָט געוואָלט וויסן פון וועלכער איינהייט ער איז". „פארוואָס זאָל ער געווען ליגנערן?" פרעגט מיך דער ריכטער. „ער האָט געוואָלט מען זאָל אים אוואנסירן. האָט געזען אז מען האָט צו אים ניט קיין צוטרוי ווייל ער איז אביסל א ייד, האָט ער געפרווט אויף אזא אופן". „וואָס מיינסטו?" פרעגט דער ריכטער דעם לייטנאנט, איז עס „פלאוזיבל?" „עטוואָס שאָן" ענטפערט דער לייטנאנט. „פארוואָס־זשע האָסטו געשיקט די מסירה?" „ווייל ווען ער האָט דערציילט זענען געווען דערביי אויך אנדערע".

ווייס איך ניט פארוואָס עס כאפט מיך אָן א געלעכטער, רעגט עס אויף דעם ריכטער און ער הויבט אָן שרייען: „דו לאכסט, דו שפילסט זיך מיטן טויט. ביסטו פאררוקט! מיר וועלן דיך שיסן". „צוערשט, זאָג איך, מוז מען האָבן א ווערדיקט". מיט אזא ערנסט אז כ'האָב זיך אזש אליין דערשראָקן.

אויב איך האָב קיין טעות ניט בין איך ווידער פארביי געפאָרן מאדלען, דערציילט ווייטער די ווינער, היינט ווייס איך ניט מער צי זען עס געווען די קאָלאָנעס פון מאדלען, אָדער אזוי האָבן אויסגעזען די

זעלנער וועלכע האָבן מיך באַגלייט. נאָך דעם אין אַ לאַגער, אין אַ צווייטן ביז ראַווענסבריק. דאָרט האָב איך דערזען אויף אַ דראָט צווישן די באַראַקעס אַ פּולאָווער, דעם וואָס ס׳האָט מיר געגעבן מיין חברטע די ווינערין אין סען־מאַלאָ און באַשטימט אַז ווייטער וועלן זיי מיך ניט פירן, ווייל דאָס איז אַ צייכן, אַ רוף. האָב איך זיך פאַרגנבעט ביז יענע באַראַקעס ניט וויסנדיק אַז זיי טראָגן דעם נאָמען „נאַכט אונד נעפּל״ און זיך אליין פאַרמשפּט. די ווינערין האָב איך ניט געפונען, דעם פּולאָווער האָב איך אַראָפּגענומען פון דראָט, אים אָנגעטון, אריין אין אַ באַראַקע און זיך געוואָרפן אויף אַ פּריטש. ווייטער ווייסטו אליין.

„פראַנץ, רובין, יוליוס, צוויי פונט, איין פולאָווער. אימפּולסן און קמעות.״ טראַכט אורי. „ווי שווער ס׳איז צו פאַרשטיין די וועלט״. מיט דעם געדאַנק דרימלט ער איין, חלומען זיך אים צייטן, ווען ער האָט ניט געוווּסט פון אימפּולסן און קמעות און איבערן פנים צעגיסט זיך אַן איבער־בטלדיק גליקלעכער שמייכל.

# אוי, יאָקאַ, יאָקאַ

ארום טיש זיענען מיר געזעסן בערך א האלב טוץ דערוואקסענע מענטשן. צו מזומן בענטשן האָט עס ניט געקאָנט קומען ווייל יידן זיענען מיר געווען אינגאנצן אנדערטהאלבן, אָדער אפשר נאָך ווייניקער. סיי ווי סיי האָט עס ניט געקאָנט קומען, ווייל די צייטן פון בענטשן מזומן זענען געבליבן ווייט אריינטער, ערגעץ־ווו אין זכרון. דער האלבער איז געווען יאָקאַ, א מישלינג פון יענע צייטן ווען זיי זענען נאָך געווען געציילטע און אין זיין פאל אפילו ניט קיין פרינציפיעלער. דער טאטע זיינער — ווי איך האָב זיך שפעטער דערוווסט, האָט די יידישע העלפט געשטאמט פון זיין צד — באקאנט אין די מיטעלע און עלטערע יאָרן אין דאָרף און געגנט אלס „מאָש דראגאָמיר" האָט צו יענע צייטן ווייניק געוווסט און נאָך ווייניקער געטראכט צו אסימילאציע, אָדער צו ענלעכע פלענער וואָס האָבן זיך געוואלגערט איבער יידישע גאסן און געסלעך אין אָנהויב צוואנציקער יאָרן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין דער מלחמה איז ער אוועק פון בעריעשטי, איבערגעלאָזט דאָס דאָרף, דאָס פעלד, און דעם אקער אָן פיל חרטה. גענומען די ביקס און זיך געלאָזט ווארפן אויף פארשיידענע פראָנטן ביז ער איז אָנגעקומען אין רוסישער געפאנגענשאפט. דאָ האָט ווי אויף להכעיס אָנגעהויבן אין אים טליען א בענקשאפט נאָך גריגאָרי דעם שכנס מיטלסטער טאָכטער און טאָג אויף טאָג איז אָנגעוואקסן דער בטחון אז ער מוז זיך אומקערן אהיים און זיך ווידער נעמען צום אקער. וואָס ווייטער ער איז פארקראָכן אין די סיבירישע וועלדער איז געוואָרן אלץ פעסטער די זיכערקייט אז זיער מוז בלייבן א בעריעשטער, א פויער ווי אלע פויערים, פירן דאָס עלבן לעבן אָבער ניט אינגאנצן דאָס זעלבע ווייל מאריא איז ווערט

מער. צי אויך מאריא ווארט אויף אים, האָט ער זיך ניט גופרעגט, ווייל דאָס איז פאר אים געווען אויסער ספקות: אויב ער פילט אז ס׳איז אזוי מוז עס זיין אזוי.

אפשר דערפאר האָט ער זיך ניט געאיילט, פארקערט, יעדעס מאָל ווען מען האָט געטריבן די פּליעניקעס פון איין אָרט אויף אן אנדערן, האָט זיך אים געדאכט אז ס׳איז צו גיך, אז מ׳וואָלט נאָך געדארפט בלייבן א צייט, כאָטש א פּאָר טעג, זיך נענטער צוקוקן צום אופן ווי אזוי מענטשן לעבן, ווייל איבעראל האָט ער געפונען עפּעס נייעס.

קיין בערעשטי איז ער ניט צוריק געקומען פון רוסישער געפאנגענשאפט נאָר גאָר פון אמעריקאנישער עמיגראציע. קיין פּרטים וועגן דעם וואָגלעניש האָט ער קיין מאָל ניט דערציילט, אפשר ווייל זיי זענען אויך אים אליין ניט געווען קלאָר, אפשר ווייל עס זענען ניט געווען קיין צו פריילעכע יאָרן, צי גאָר דערפאר ווייל נאָך דער מלחמה איז בערעשטי געוואָרן א גרענעץ־דאָרף אין וועלכן עס זענען געבליבן האלבע און פערטל משפּחות, א דאָרף ווו מענטשלעכע צעריסנקייט איז געוואָרן א טאָגטעגלעכע דערשיינונג צו וועלכער מ׳האָט זיך צוגעוווינט, אָבער ניט אינגאנצן פארגעסן.

פון אמעריקע איז ער געקומען מיט געלט. א סך צי ווייניק ווייסט קיינער ביזן היום ניט. מיט דער צייט האָט ער אליין אויך פארגעסן. אויף דער פראגע: „מאָש דראגאָמיר וויפל?״ ענטפערט ער מיט פילדייטיקן שמייכל וואָס קאָן הייסן „היי, היי״ ווי אויך „ס׳האָט קיין זין ניט״. געקויפט ערד, פעטע ערד, אן אקער, קי, פערד, אָנגעהויבן בויען א שטוב, זיך ארייגעכאפט ווי אגב־אורחא צו גריגאָרין, פון דאָרט ארויסגעקומען באגלייט פון מאריאן. די ערשטע צייט האָבן די דאָרפס־איינוווינער אויף אים געקוקט ווי אויף א פרעמדן, פּאַוואָליע זיך דערמאנט אז ער איז גאָר א דאָרטיקער, א היימישער, נאָר וועמענס ניט געקאָנט דערגיין. ווייל שבת אין שילעכל האָט מען אים ניט באגעגנט און זונטיק אין קלויסטער אויך ניט. קריסטלעכקייט האָט מיט זיך ארייגעבראכט אין שטוב מאריא, א מאָדנע קריסטלעכקייט, עפּעס אזעלכס וואָס איז אויסגעקומען צווישן יאָ און ניין. אן איקאָנע אָבער ניט אין צימער־ווינקל, א ניט באהאָנגענע מיט אויסגענייטע האנטטוכער און אָן א קאנעצל. צומאָל פלעגט זי זיך צלמען. ווען זי איז געבליבן טראָגנדיק, ווען ס׳האָט זיך דערנענטערט די „צייט״, ווען עס האָט זיך איר געדאכט אז דראגאָמיר ארבעט צו פיל. די ארבעט האָט אים פארשאפט א גרויסע

אויטאָריטעט אין דאָרף. געאַקוערט די ערד האָט ער ווי אַלע און דאָך ניט אַזוי, זיינע קי האָבן געגעבן מער מילך, דאָס הויז האָט אויסגעזען אַ האַלב שטעטיש, קינדער אין גאַנצן איין זון וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן יאַקאָוו — אין דער געגנט זענען ביבלישע נעמען געווען אַ געוויינט־לעכע דערשיינונג — אָבער גערופן האָט ער אים יאַקאַ.

...אַ צייט איז דראַגאָמירס אויטאָריטעט געפאַלן. דאָס איז געשען נאָך דעם וואָס יאַקאַ איז געפאָרן אין שטאָטגימנאַזיע צוזאַמען מיט דעם גלחס זינדל. און געפאַלן איז זיין אויטאָריטעט ביי אַלעמען, ביי די פּאָר דאָרפסיידן מחמת מיט דעם גלחס זינדל. קיין משומד איז ער ניט, מיט אַ ניט יידישקע לעבט ער, קיין חתונה, קיין ברית, קיין דאַווענען, צו דעם אַלעמען איז מען געוווינט געוואָרן. דאָס איז ער, דערפאַר הייסט ער דראַגאָמיר, דערפאַר האָט מען אײַנגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט זיין אמתן נאָמען, אַז ער האָט אַמאָל געהייסן מאיר (געווען אַ סברה אַז אין שכינותדיקן שטעטל דאָרט וווּ עס איז פאַראַן אַ הייליק־אָרט, ווייסט עמעצער אַז ער הייסט מאיר און סוף־כל־סוף וועט מען אים מן־הסתם דאָרט מקבר זיין. איז די סברה פאַרלוירן געגאַנגען אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה צוזאַמען מיט דער יידישער קהילה פון דעם זעלבן שטעטל און מיט די פּאָר יידן פון בערעשטי, וועלכע מאָש דראַגאָמיר האָט איבערגעלעבט ווי דורך אַ נס). אָבער שיקן דאָס יינגל מיטן גלחס זינדל איז פּאָר די פּאָר יידן, ערדאַרבעטער ווי ער, אויסגעקומען עפּעס ניט. ביי די אַנדערע האָט עס אויסגעזען ווי אַ פאַרפרעמדונג, אַ מין אָפּזאָגן זיך פון דאָרפישע מנהגים. אַזאַ באַלעבאַטישקייט און איין זון, שיקט מען אים ניט אַוועק אין שטאָט וואָס האָט ער דאָרט צו לערנען? אַקערן, זייען, תבואה־שניידן, פּי־צוכט זענען ניט קיין שטאָטישע טועכצן.

דראַגאָמיר האָט דאָס געפילט, זיך אָבער געמאַכט ניטוויסנדיק. דער הויף איז ווייטער געוואַקסן ווי אויך די האָפנונג אַז דער זון וועט ניט זיין אַ פּויער ווי ער, נאָר גיכער אַ מין פאַרמער וואָס לעבט אין שטאָט האָט אַן אונטערנעמונג אויפן דאָרף, אַזוי ווי ער האָט אַמאָל געזען אין אַמעריקע, צי אפשר גאָר אַ גאַנץ אַנדער מין פּויער וועגן וועלכן ס'האָבן געחלומט רוסישע באַטראַקעס אין די לעצטע מלחמה־יאָרן, נאָך דעמלט ווען ער האָט געבלאָנדזשעט אין סיבירער וועלדער. פּויערים וועלכע האָבן אַלע זייערע האָפנונגען אָנגעהאַנגען אויף אַ פינעף־אותיות־דיקן נאָמען וועלכן אַרויסריידן אין בערעשטי איז צו יענער צייט געווען געפערלעך.

עס זענען פֿאַרגאַנגען אַ פּאָר יאָר, יאָקאַ האָט אָנגעהויבן קומען אויף די וואַקאַציעס מיט גלאַנציקע קנעפּלעך, פֿון גאָלדגעשטיקטע בוכשטאַבן אויפֿן לינקן אַרבל און דראַגאָמירס אויטאָריטעט האָט ווידער אַ שפּרונג געטאָן. ווײַזט אויס אויך דערפֿאַר ווײַל יאָקאַ פֿלעגט זומערצײַט אָנטוען די פֿויערישע קליידונג און פֿאַרברענגען, די טעג אויפֿן פֿעלד צוזאַמען מיט די אַמאָליקע חברים.

דעם גלחס זינדל איז אַוועק קיין פֿראַנקרײַך, אויף דער וועלט האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן אַז די הפסקה צווישן מלחמות וועט זײַן אַ קורצע, נאָך קורצער האָט זי זיך אויסגעדאַכט דראַגאָמירן, ווײַל לויט זײַן חשבון האָט זיך די ערשטע פֿאַרענדיקט ערשט דעמלט, ווען ס'איז אים געלונגען זיך אומקערן אין דאָרף אָנהייב צוואָנציקער יאָרן, און דער גערוך פֿון פּולווער האָט זיך שוין אָנגעהויבן פֿאַרשפּרייטן אין דער צווייטער העלפֿט פֿון די דרײַסיקער. „אַ קורצע צײַט, אַ שרעקלעך קורצע צײַט וועגן צוויי אַלווערטלעכע משוגעתן", האָט זיך דאָס אויסגעוויזן דראַגאָמירן. ריידן וועגן דעם פֿלעגט ער נישט, ווײַל אַ רעדנער איז ער געווען אַ שוואַכער. ער האָט נאָר געפֿילט ווי אַ שווערקייט לאָזט זיך אַראָפּ איבער זײַן ריזנקערפּער. נאָך מער האָט ער דערפֿילט די שווערקייט ווען ער האָט באַמערקט אַז יאָקאָס באַגעגענישן מיט דעם יונגן עולם האָבן אין זיך עפּעס סודותדיקס, און וואָס סודות באַטײַטן האָט מען אים נישט געדאַרפֿט דערקלערן.

אין איינעם אַ קאַיאָר, ווײַל דראַגאָמיר פֿלעגט שטענדיק אַרויס פֿון שטוב פֿאַר דעם ערשטן האָנעקרײַ, אַ טאָג נאָך יאָקאָס אָפּפֿאָרן פֿון דאָרף, האָט ער געפֿונען אין הויף נישט ווײַט פֿון טויער אַ פּאַפּיר אויף וועלכן עס זענען געווען אָפּגעדרוקט מיט בלויער טינט געציילטע ווערטער וואָס האָבן געוואָרנט פֿון אַ גרויס געפֿאַר. ער האָט לאַנגזאַם געעפֿנט דאָס טירל, זיך אַרויס געכאַפּט אויף דער גאַס, געוואָרפֿן אַ בליק אין צווייטן און דריטן הויף. ענלעכע פּאַפּירלעך זענען געלעגן נישט ווײַט פֿון די איבעריקע פּלויטן און געוואַרט אויף די אײַנוווינער. צוערשט האָט אויפֿגעבליצט אַ געדאַנק: „צוזאַמענקלויבן און פֿאַרברענען", ווײַל ער איז געווען זיכער אַז דאָס האָט צוטון מיט יאָקאָן כאָטש ער איז נישטאָ אין דאָרף. תּיכף האָט אָבער אַ שנײַט געטאָן אַן אַנדערער געדאַנק: „אפֿשר איז ער יאָ דאָ, אפֿשר האָט ער זיך אומגעקערט?" די סכּנה איז געוואָרן ממשותדיקער און די כּוחות שוואַכער. „די עלטער", האָט ער אַ טראַכט געטאָן, זיך אומגעקערט פֿון וועג און געגאַנגען זען וואָס עס טוען אין שטאַל די בהמות. זײַט יענעם טאָג האָט זיך דראַגאָמיר דערפֿילט אַ זקנ־

אַנגעהויבן רופן אַלע אײַנוווינער ניט בײַ זייערע נעמען נאָר „קינד" און ווען „יאַקא פלעגט זיך אַראָפּיאָווען אָדער אוועקפאָרן פון דאָרף, אים אויפ־נעמען אָדער באַגלייטן מיט: „אוי, יאַקא!" ס'איז ניט געווען קיין פאָרוואָרף. ס'איזגיכער געווען אַ קעגנזעצלעך געפיל: פאָטערלעכע מורא, מענטשלע־כע הסכמה מיט דעם זון און זקנותדיקע ספקות איבער דעם זין פון קרבנות.

דאָס האָט יאַקא פאַרשטאַנען שפּעטער, נאָך אַ סך יאָרן, ערשט דעמלט ווען די סכנה איז פאַרביי און ער פלעגט אים מער ניט באַגעג־נען מיט דעם זעלבן: אוי, יאַקא! נאָר מיט אַ „אוי יאַקא, יאַקא," אין וועלכן ס'האָט געקלינגען אַ קלאָרער פאָרוואָרף.

אזוי, אָדער בערך אזוי, האָב איך מיר צוזאַמענגעשטעלט די געשיכטע וועגן „מאָש דראַגאָמירן" פון יאַקאס דערציילונגען, דער האַלבער אָדער אפשר ווייניקער ווי האַלבער ייד מיט וועלכן מיר זענען געזעסן ביים טיש אין יענעם אָוונט, ווען ס'איז מיר געקומען אויפן רעיון אז מיר זענען אפילו ניט קיין דריי אויף צו בענטשן מזומן. און דער געדאַנק איז מיר געקומען ווייל אין יענעם אויגנבליק האָט איבער יאַקאס געזיכט אַ בלאָז געטאָן יידישער טרויער וואָס ענדיקט זיך מיט אַ שמייכל אָן אַ קלאָרער ריכטונג, גלאַט אין דער וועלט אריין. יאַקא האָט זיך מיט אַ פּאָר טעג פריער אומגעקערט פון דאָרף ווו ער האָט באַזוכט דעם פאָטער. מיר האָבן געוווסט אז אויב געווען אין דאָרף הייסט עס לאַקעטקעלעך. זענען מיר געקומען.

— הערסט, האָט מיר יאַקא אַ זאָג געטאָן אויפן אויער, אויב דו ווילסט זיך מיט אים באַקענען גענטער פאַר זיך דורך אויף אַ פּאָר טעג אין דאָרף. ער עלטערט זיך צו גיך.

— ביי פיר און אכציק איז קיין וווּנדער ניט.

— אויב דו ווילסט, האָט ער געענטפערט כלומרשט גלייכגילטיק, נאָר געפילט האָב איך אז ער רוגזט זיך, אז עס קומט אים אויס כמעט ווי אַ באַליידיקונג. דראַגאָמירן האָב איך באַגעגנט צופעליק אָנהויב פינפ־ציקער יאָרן טאַקע ביי יאַקאן אין שטוב. דער „אוי, יאַקא, יאַקא" איז צו יענער צייט ניט מער געווען קיין פשוטער פאָרוואָרף נאָך וועלכן ער פלעגט צוגעבן „קיין גרויסער אומגליק איז עס ניט. אַלץ האָט אַ סוף". אזעלכער איז דער פאָרוואָרף געווען דעמלט ווען אין דאָרף פלעגן זיך אַראָפּיאָווען יונגע אָדער עלטערע מענטשן מיט פאַרשיידענע באַפעלמעכטי־קונגען און געבן עצות וואָס האָבן דראַגאָמירן אויסגעזען ניט נאַטירלעכע. דעמלט האָט עס זיך אים גיכער אויסגעוויזן ווי אַ מין בראַווירן די נאַטור און

ער האָט געוווסט אז די נאטור וועט אירס סוף־כל־סוף דורכזעצן. ס'איז נאָר אויסגעקומען אן עבירה די צייט. לאנג וועט מען די ערד מיט דער שטומפּיקער זייט פון מעסער ניט אקערן. דערפאר איז דער פאָרוואורף געווען מער אן איראָנישער, מער מיטליידנדיקער, גלייך ער וואָלט וועלן זאָגן: דו ווייסט אליין, נאָר העלפן קאָן מען ניט, אָדער: אפשר זענט איר גערעכט. אז מען האקט א וואלד פליען שפענער, אָבער צו וואָס אזוי פיל?

שוין צו יענער צייט פלעגט ער באגעגענען די עצה־געבער מיט „קינד ס'איז ניט אזוי" אָדער „קינד, הער זיך צו", פארשטאנען אז „קינד" דערצאָרנט זיי, כאָטש אזוי האָט ער ניט פארציכט ווייל די איינגעשפּארטקייט וואָס ס'איז אים געבליבן פון עם־קשה־עורף האָט אים אונטערגעזאָגט אז ס'וועט קומען א טאָג ווען זיי וועלן דאָס האלטן פאר א כבוד. דעמלט אָבער ווען איך האָב אים צופעליק באגעגנט ביי יאָקאן האָב איך צו ווייניק געוווסט וועגן יאָקאס צרות צרות, וועגן וועלכע מען פלעגט ניט רעדן, נאָך ווייניקער וועגן זיין פאָטערס איבערלעבענישן. אזוי אז דער גאָט־פון־נקמה טאָן איז מיר אויסגעקומען אביסל טעאטראל, קרומשפּיגלדיק. ווי יאָקא האָט מיר שפּעטער דערציילט, איז זיין פאָטער צו יענער צייט געווען א פליט אן אנטלאָפענער פון דאָרף אזוי ווי אמאָל יידן פון פּאָגראָמען. אָבער...

— ווען דו האָסט אים ביי מיר באגעגנט, האָט מיר יאָקא דערציילט, איז מיין טאטע געווען ניט קיין רומענער, ניט קיין ייד, ניט קיין מינדערהייטס אָנגעהעריקער. פון דאָרף בערעשטי האָט מען צו יענער צייט עוואקוירט אליעמען. קיין מלחמה, קיין ערדציטערניש, קיין פארפלייצונג, קיין לקוי־חמה, קיין לקוי־לבנה, גאָרניט. אין מיטן נאכט, „צו חצות" האָט זיך דראגאָמיר דערמאנט א וואָרט וואָס האָט געקלונגען ווי אן אורטייל, זענען מענטשן אָנגעטאָן אין מונדירן צו וועלכע מען האָט זיך ווי ניט ווי צוגעוווינט, אריין אין דאָרף און געטריבן דעם עולם פון די הייזער אָן א שום פארוואָס. צום ערשטן מאָל אין א לעבן פון איבער זיבעציק יאָר האָט אים גענומען א חלשות. ניט דערפאר ווייל אין דער שרעקלעכער סאמעטאָכע האָבן זיך אלע בליקן געקלעפּט צו זיין ריזיקער זקנות, געווארט אויף א וואָרט און אויף זיין שווייגן אויסגעבראָכן אין א שרעקלעכן געוואלד: דראגאָמיר! נאָר ווייל אין זיינע אויערן האָט עס געקלינגען יאָקא, ווייל אים האָט זיך געדאכט אז דאָס מאָל, ווען פון געשריי פעלט דער „מאָש", דער איינצייטיק נאָענטער און בכבודיקער צונאָמען „פעטער", מיינען די געוואלדן ניט אים נאָר גאָר זיין איינציקן זון וועל־

כער האָט צוגעזאָגט אנדערע וועלטן און די שווערקייט וועלכע האָט זיך אָנגעזאמלט אין די לעצטע יאָרן האָט א קוועטש געטאָן דאָס האַרץ, א ריר געטאָן די וואָרצלען און א שליידער געטאָן אין מיטן גאס...

— ער האָט זיך אויסבאהאלטן ביי מיר, האָט ווייטער דערציילט יאָקא, ניט וויסנדיק אז עס גייען מיר נאָך שאָטנס, ער פלעגט פארשווינדן אויף גאנצע טעג כדי צו קלויבן נדבות וועגן די עוואקואירטע. „הילף, רויטע, אָנפארביקע, איז נאָך אלעמען דער זעלבער פדיון שבוים״ האָט ער מיר אמאָל געזאָגט און געהייסן פארגעדענקען דאָס לעצטע וואָרט וואָס איז ארויפגעשווימען אויף דער אויבערפלאך פון קאלעמוטנעם געדאנקען־טייך.

— אויב דו ווילסט, האָט ער נאָכאמאָל א זאָג געטאָן, א קוים באַמערקבארער טרויער האָט ווידער א בלאָז געטאָן איבערן פנים, אָבער נאָר כהרף־עין, ווייל ליוביצא, די פרוי זיינע, א שטאלטנע מיט א ווי צופעליק חנעוודיק צוזאמענגעוואָרפן פרצופל, איז אריינגעקומען מיט א פולן טעלער כרעמזלעך, דאָס פנימל איבערפולט מיט גוטמוטיקייט, יאָקא האָט א רוק געטאָן דאָס בענקל, זי געבעטן זיך זעצן נעבן אים. זי האָט געענטפערט מיט א טייענדיקן בליק און מיר אלע מיט עטוואָס קנאה, עטוואָס איראָניע ווייל באמת, וויפל קאָן אָנהאלטן אין אונדזערע צייטן טייבל־פאָרעוודיקייט.

— דאָס מאָל, האָט יאָקא זיך געווענדט צום עולם וואָרפנדיק א פרעגנדיקן בליק צו ליוביצאן צי וויל זי עדותן, האָט מיר מיין אלטער ווידער געשיקט א שפילקע, אָנגעקומען קיין בערעשטי מיטאָגצייט, זענען מיר זיך נאָך דעם זעלבן טאָג אדורכגעגאנגען איבערן דאָרף, צערירן די ביינער נאָך דעם לאנגן וועג און איינציייטיק א קוק טון ווי עס שפיגלען זיך די יוגנטיאָרן אין געעלטערטע אויגן. ווי שטענדיק איז אויך דאָס מאָל דער שפאציר געווען א מער איבערלעכער, קוקן אויף הייזער, פלויטן און בערגלעך און זען זיך, און אין זיך, אין פארשידענע מאָמענטן פילן דאָס ווינטל וואָס בלאָזט צווישן היינט און נעכטן.

יאָקאס בליק איז געבליבן א רגע צוגעקאָוועט צום אויפן וויין שווימענדיקן אייל רינגעלע, זיך ווייזט אויס נאָכאמאָל געוואונדערט איבער דעם אמת אז ווערטער זענען ניט אויף צו דערציילן נאָר גאָר וועגן זיך אליין, ארייגפירן אין א וועלט וועמענס עצם ס׳וואָלט זיך געוואָלט אנטדעקן און א לייכטן קרעכץ געטאָן. אפשר מחמת בענקשאפט, אפשר האָבן זיך אין ווינט פון יאָרן באוויזן יענע איבער וועלכע עס הענגט א קרעכץ.

זיך אומגעקערט פון שפּאַציר האָט מען גערעדט, געפּלאַפּלט און ענדלעך געגאַנגען שלאָפן. אויף מאָרגן זענען מיר געבליבן לענגער אין בעט, דער שלאָף האָט זיך אַרויסגעוויזן אַן אומרואיקער, צי ווייל ניט מער געווינט צו דער דאָרפסשטילקייט צי ווייל אין דאָרפישער גראַמקייט איז די נאַכט אַ מער באַריידעוודיקע: הינט בילן, העניער קרייען, בלעטער שושקען זיך, נאַכטשאָטנס באַוועגן זיך. איבעריקנס ווייסט איר אליין אַז פוילענצן אין בעט און דערצו נאָך אין דער אַלטער היים איז ניט אַוועקצוּוואַרפן. די מאַמע פּאַרעט זיך אין קיך מיט כלערליי טעפּלעך, טאָוועלעך און אַנדערע געפעסן, דערציילט זיך אַליין אַ מעשהלע נאָך אַ מעשהלע, זי וואָלט וועלן עפענען די טיר זאָגן אַ וואָרט, אָדער גלאָט אַ קוק טאָן. ס׳־ווילט זיך זי אַ רוף טאָן, איר פאַרשאַפן אַ ביליק פאַרגעניגן איז אָבער דאָס פוילבלעכקייט אַזוי זיס אַז מע קאָן קוים פאַרציכטן, בלייבט מען דערביי. פון הויף הערן זיך דעם טאַטנס טריט, ער האָט שוין אונטערגעוואָרפן דער קו, געקורצט דעם הונט די קייט, דריי מאָל געקוקט איבער דעם פּלויט, זען צי באַווייזט זיך די טשערדע און אויך אַזויפיל מאָל זיך דערמאָנט, אַז די לעצטע יאָרן זיינען זענען מאָדערנע, אַז די קי טרייבט מען מער ניט קאַיאַר.

— קום, קום אַריין קינד, הער איך ווי דער טאַטע רופט עמעצן. אַ סקריפּ, ניט זייער יונגע טריט און נאָך וויניקער זיכערע, מערווירדיק לאַנגזאַמע. זיי שלאָפן נאָך, זאָגט מיין אַלטער, ווייזט אויס מיד פון וועג. קום, זעץ דיך. אויפן גאַנעק איז אַ טישל, צוויי, צומאָל דריי בענקלעך. זעצן זיי זיך. ווייזט אויס אַז ניט פּשוט געקומען, מן הסתם וויל ער אַ שמועס טון און מיין אַלטער ווייסט אַז אַ שמועס הייסט, אַ צייט זיצן און שווייגן.

— כ׳האָב נעכטן באַגעגנט די קינדער דיינע. האָסטו, הייסט עס, געסט.

— יאָ, זיי קומען אַ קוק טון. די צייטן האָבן זיך געשטילט. דאָס דאַרף איז כמעט ווידער דאָס זעלבע, קומען זיי.

— ווילע קינדער. איבערהויפּט דער זון.

— פאַרוואָס דווקא דער זון? ס׳וואָלט זיך אים וועלן ס׳זאָל זיין אַזוי, קומען אָבער אויף דעם געדאַנק די „עצות־געבער״, די פאַריאָגעניש און ווי ער זאָל ניט וועלן אויסמיידן דעם געדאַנק קומט אים אַלץ פאָר אַז דאָס זענען אויך יאָקאָס אויפטועכצן. ער באַשולדיקט קיינעם ניט

ווייל ניטאָ וועמען. עס וויל זיך זאָגן אצבע אלהים, קריכט אָבער ארויס אויך יאָקאס פינגער.

— אָט, זאָגט דער גאסט, האָב איך זיי נעכטן באגעגנט. יאָקא ווי שטענדיק א נאָענטער, א צוגעלאָזטער, אינטערעסירט זיך מיט אלעמען: וואָס טוט די פרוי, די קינדער, די אייניקלעך, ווי איז עס מיט דער ארבעט, ווי גייט דער קאָאָפּעראטיוו, וואָס בויט מען, וואָס וואקסט. די שניר ווי־דער קוים א שאָקל מיטן קאָפּ, גלייך זי וואָלט מורא האָבן ער זאָל ניט אראָפּפאלן, וועסט מיר מוחל זיין, פון די אקסלען.

— אזוי גאָר? וווּנדערט זיך מיין אלטער. און נאָך א ווייליע: זאָג נאָר קינד, וויפל יאָר פעלט מיין זון פון דאָרף?

— ווייס איך? מן הסתם א יאָר פופצן.

— ניין, זעכצן. ס'איז א לאנגע צייט. וועגן דער משפחה דיינער ווייסט ער שוין גלויב מיר, זייער ווייניק, נאָר פרעגן פרעגט ער. אזא איז דער שניט זיינער, א כלל־טוערישער. קיין כלל־טוער איז ער שוין לאנג ניט, נאָר דער שניט איז געבליבן. אויבערפלעכלעכער אינטערעס, אויסגעפרעגט, זיך אָפּגעזעגנט און פארגעסן. די שניר מיינע פירט זיך ווי א פשוטער נאָרמאלער מענטש, ווייל אזעלכע איז זי... פאָלג מיך, א ווילע די שניר מיינע... זייער א ווילע.

— אנטשולדיק מיר, ליוביצא, וואָס כ'האָב פארדעדט די געסט און זיי ניט געלאָזט פארזוכן די כרעמזלעך. און צו מיר מיט א פילדייטנדיקן שמייכל: וואָס זאָגסטו וועגן זיך אדורכפאָרן אין דאָרף אריין. מיין טאטע עלטערט זיך עפעס צו גיך.

בערעשטי ליגט ניט ווייט פון דער גרענעץ. א געמישטע באפעל־קערונג, א צעוואָרפענע אין דערפער וואָס רופן זיך בערך אזוי: קליין און גרויס שוועשעץ, ניי און אלט מאָלדע, הויך און נידעריק ווישעץ, טאָל און בארגיק טאָפּערטשע, לאנג און קורץ שורעני און נאָך אזעלכע נעמען וואָס קלינגען גיכער ווי צונעמענישן. אין אָט די דערפער און שטעטלעך האָט מען אין די מלחמה־יאָרן געיאָגט אהין און אהער פארשי־דענע טיילן פון דער באפעלקערונג. דאָס לעצטע פאריאָגעניש איז געווען יענץ אין וועלכן דראגאָמירן איז געלונגען צו ווערן א פליט. איצט זעען דאָס ווידער לאנגע דערפער, די הייזער געדעקטע מיט רויטן טשערעפּ, צומאָל מיט שינדל, זעלטן מיט בלעך. גרויסע הויפן מיט האלב צעשטער־

טע שטאלן, ווייל די בהמות זענען קאָאָפּעראַטיוויזירט. אָנגעקומען קיין בערעשטי האָט מיך „מאָש דראגאָמיר" אויפגענומען ווי אן אלטן באַ־קאַנטן. אריינגעפירט אין צימער, זיך ארומגעקוקט גלייך ווי ער וואָלט דאָס געזען צום ערשטן מאָל, א וואָרף געטאָן א זייטיקן בליק אויף מיין פארשוין און מיט א מערקווירדיק יונגער שטימע א זאָג געטאָן:

— אויב עס וועט דיר געלונגען פיל דיך ווי ביי זיך אינדערהיים.

ווי פרי איך זאָל ניט אויפשטיין געפין איך שוין דעם אלטן אין הויף פארנומען מיט א וויכטיקער ארבעט. אין די ערשטע שעהן גיט ער זיך אָפּ מיט די פּאָר צענדליק ווינשטאָקן. ער צופּט אָפּ א פארגעלט בלעטל, שניידט אוועק א צווייגל, שפּארט אונטער א שווערן טרויבן־קראַנץ. שטיל, אויף די שפּיץ פינגער גלייך א גנב אין אייגענעם הויף.

— קיין רעש, זאָגט ער, דארף מען ניט מאכן. מ'קאָן אויפוועקן די שכנים, איז אן עבירה. פארשטייסט קינד איצט שלאָפט מען שפּעטער.

דאָס וואָס זיי שלאָפן אזוי שפּעט איז פאר אים אייגנטלעך אן עבירה, איך האָב עס פארשטאנען שפּעטער, ווען ער האָט מיך אויפגעקלערט פארוואָס ער גיט זיך אזוי פיל אָפּ מיט זיין „ווייַנגאָרטן".

— אמאָל פלעג איך וואקסן חזרים. דער פויער האָט געגעסן מער פלייש, שפּעק. א גאנצן טאָג אויף דער ארבעט האָט ער זיך געמוזט נערן. היינט, זאָגט ער, ארבעט מען אכט שעה מיט מאשינען, איז עסן איבעריק און טרינקען בילכער.

— דאָס לעבן איז לייכטער אזוי, מאָש דראגאָמיר.

— דו, זאָגט ער, דארפסט מיך ניט רופן מאָש דראגאָמיר. פאר דיר בין איך ניט דער געוועזענער פארפונדעוועטער פויער. פאר דיר בין איך נאָר עפּעס א מערקווירדיקע דערשיינונג, איז לאָז דאָס אָפּ. רוף מיך, אויב דו ווילסט סער, אָדער סעניאָר, אָדער מעסיו. כ'ווייס וועגן דיר מער ווי דו שטעלסט דיר פאָר. נאָר כאָטש אזוי וועל איך דיר מיין סוד פארראָטן. כ'האָב מיר מיין מיינונג וועגן דעם מענטשנס באציונג צו דער ערד, און פון דעם וועט מען מיך שוין ביי עטלעכע און אכציק יאָר אפילו אויף קיין האָר ניט רירן. אָטעמען אָטעמסטו סיי ביי טאָג און סיי ביי נאכט, ווייל לעבן לעבסטו אלע פיר־און־צוואנציק שעה. אזוי אויך די ערד, אזוי אויך די פלאנצן. זיי האָבן ניט ליב מ'זאָל זיי לאָזן אליין, אָן אויפזעכץ. זיי ווילן שטענדיק פילן אז מען גלעט זיי, מען רירט זיי אָן, מע קוקט אויף זיי, מען ווארט אויף זייער פרוכט. דער קו דארף מען קורצן דעם שטריק ביינאכט, אינדערפרי דארף מען אים נאָכ־

לאָזן.ביים הונט פארקערט. אמאָל פלעגן דאָס טון אלע. היינט... היי, יאָקא, יאָקא...

דאָס איז זיין אייביקער שמועס מיטן זון. ס'איז ניט מער קיין פאָרוורף, ס'איז ניט מער קיין גאָט־פון־נקמה געוואלט. יאָקא איז שוין לאנגע יאָרן ניט מער קיין כלל־טוער, אָבער ער רעדט מיט אים ווייל ער האלט אז די נייע אָרדנונג איז זיינע, וואונדערט ער זיך, וואָס זיין זון איז אזא חסר־גבראניק, אזא שוואכלינג. אמת, ער האָט אים געוואָרנט. נאָך אמאָל ווען ער האָט זיך נאָר אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט איבערבויען די וועלט, אז ס'איז א שווערע געשיכטע, אָבער אָן ברען, ווייל ער אליין האָט אויך געוווסט אז עפּעס מוז מען טון.

— פעטערל, האָב איך אים אמאָל א פרעג געטאָן, האָסט געהערט וועגן גדליהן? מיין פראגע האָט קיין שום שייכות ניט געהאט צו זיין אָפּשטאמונג. זיין געדאנקענגאנג האָט מיך פשוט דערמאָנט אין א פאר־קערטן גדליה, צוערשט האָט ער אויף מיר געקוקט מיט פארזשמורעטע אויגן, געוואָלט וויסן צי איז דאָס ניט קיין אָנצוהערעניש, קיין ווינק. א מאָמענט האָט זיך מיר געדאכט אז ער איז איבערצייגט אז מיינע געדאנקען זענען אנדערע, האָט אָבער דער פויערישער אומצוטרוי גובר געווען.

— וואָס איז עס, פרעגט ער, א שטעטל, א דאָרף, צי א געגנט?

— ניין, זאָג איך, געווען א נאָמען, נאָך דעם א שבט און דערנאָך ווידער א נאָמען.

— אהא, יאָ. אין געפאנגענשאפט ביי די רוסן, אין אוקראינישע שטעטלעך האָב איך דעם נאָמען אמאָל באגעגנט. א יידישער נאָמען. איז וואָס איז מיט גדליהן?

— אים האָט זיך אויך געדאכט אז עס טויג ניט.

— אן אויסגעטראכטע זאך. מיר דאכט זיך אפילו ניט אז עס טויג ניט. די וועלט, אָדער ווי איר זאָגט, די מענטשהייט גייט זיך איר וועג.

גיט צומאָל א שפרינג, דאכט זיך איר ווער ווייסט וואָס. חידושט זיך און האלט אין איין רעדן פון איר אויפטו. בעכער וואָלט זי טראכטן, וויאזוי אים אויסצונוצן. אנדערש קומט אויס, אז דער אויפטו איז ניט אזעלכער ווי זי מיינט.

פון זיין ענטפער איז שווער צו טרעפן: ער האָט געהערט פון גדליהן?

אין א טאָג איז שטיין געבליבן ביים טויער א יונגער מאן, א פויער אין יאָקאס יאָרן, בערך א פערציקער. געווארט אז מאָש דראגאָמיר

זאָל אים הייסן עפּענען דאָס טירל און אריינטרעטן אין הויף. האָט אָבער דער אלטער געשוויגן. ניט איינגעלאדן. געענטפערט אויף דעם גוט מאָרגן, ניט פאָרגעשטעלט דעם גאסט און אים געלאָזט גיין זיין וועג, דאָס הייסט אן אנדערן ווי דעם וועלכן יענער האָט געוואָלט.

— ווער איז ער? האָב איך געפרעגט נאָך דעם וואָס יענער איז אוועק.

— איינער גלומאץ. האָט ער געענטפערט ניט מיט זיין קול. א רגע איז פארשווינדן דער „פעטער דראגאָמיר", זיין שטאָלצקייט, זיין זקופות, דער גלאנץ פון די אויגן, די ליפן האָבן קוים געשעפּטשעט „אוי, יאָקא, יאָקא" אזוי שטיל אז כ'האָב זיך אזש דערשראָקן, ס'האָט זיך מיר געדאכט א הארץ־שלאק. ער האָט וויזט אויס באמערקט מיין אומרו. שרעק זיך ניט זאָגט ער, ס'איז גאָרניט. אין א טאָג מוז עס סיי ווי געשען.

— פלאנצן מיט דערנער זענען ווידערשטאנדספעאיקע, דויער־האפטע, סער.

— סער, האָט ער איבערגעחזרט מיט א כמעט שעלמישן שמייכל, סער בין איך געווען נאָר א קורצע צייט. אין אמעריקע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. צו יענער צייט האָב איך זיך געאיילט זאמלען געלט. אין איינעם א טאָג זאָגט מיר דער „באָס", דראגאָ, אָט האָסטו דיין אורלויב־געלט, דריי וואָכן ביסטו פריי. האָב איך זיך „אמבאָשירט"* אלס שאָסייארבעטער. לויטער נעגער, נאָר איך איינער א ווייסער. שטיינער האָב איך געטראָגן באגלייך מיט זיי, טאטשקעס מיט פליסיקן אספאלט האָב איך געשטופּט ווי זיי, אָבער זיי אלע האָבן געהאט נעמען, נאָר איך האָב פאר זיי עקזיסטירט ווי א סימבאָל, מיך האָבן זיי אנדערש ניט גערופן ווי נאָר סער. וואָס שייך פלאנצן, זאָגט ער, קען איך זיך אויס ניט ערגער פון דיר. די מיט דערנער זענען דויערהאפטער, ווידער־שטאנדספעאיקער, ווי דו זאָגסט, נאָר אזוי לאנג ווי מען לאָזט זיי צורו די וואָרצלען, ווען מען קריכט ניט זייטיק, הינטנארום. גיי, זאָגט ער שפּאַ־צירן אויף די בערג, דאָרט זעט מען בעסער די פלאנצן און די געגנט באקומט פאָרנעם. פון דאָרט איז דער „פּייסאזש" שענער. און לאכנדיק: אלץ ווערטער וועלכע זענען מיר געבליבן פון מיינע וואָגלענישן.

— ניט נאָר ווערטער, פעטער...

— לאָז אָפּ חניפה...

*זיך אָנגעשטעלט.

פון שפּיץ ב׳ערגל זעט מען דאָס שכונותדיקע דאָרף. גרעסער פון בער׳עשטי. צעטיילט פון בערגל זעען זיי אויס ווי פרעמדע, וויל זיך מיר אז דווקא דאָ אויף דעם אָרט אונטער וועלכן עס זענען אפשר באַגראָבן זייערע אור׳עלטערן מיט פייל און בויגן, זאָלן זיך געווען באַגעגעניען יאָקא מיט זיינע חברים פאַר דעם אויסבר׳עכן, און אין דער צייט פון, דער צווייטער וועלט-מלחמה. שיינט מיר דער געדאַנק א נאַרישער, זוך איך עפּעס אין וואָס ס׳זאָל זיך אַנטשפּלען אַן אַנדערער. וואַקסט אויס פאַר מיר דער צווינטער. א שוואַכקייט ביי מיר קוקן אויף קברים הערן זייער לשון, בלייבט דער בליק ווי צוגעקאָוועט צו א מאָדנע צלמל וואָס זעט אויס ווי א געבראָכנס. א צוועלף יעריק יינגעלע ליגט אונטער דעם צלם. טראַכט איך: עס „רוט" ניט, ווייל עס האָט קיין צייט ניט געהאַט מיד צו ווערן. עס „ליגט". גרויסע בוכשטאַבן דערציילן אז דעם יינגלס נאָמען איז געווען יאָקא גלומאַץ און קליינע ווי א סוד איינרוימענדיקע, ס׳איז אומגעקומען, אין שרעקלעכע אומשטענדן, אָנ־הויב פופציקער יאָרן.

איצט פאַרשטיי איך דעם אלטנס שעפּטשן. ס׳איז די איינצי־קע געשיכטע וועלכע יאָקא האָט מיר דערציילט מיט טרערן אין די אויגן:

— צו יענער צייט האָט מען געוואָלט, אז איך זאָל זיין א פאַררעטער. עד היום, האָט ער געזאָגט, פאַרשטיי איך ניט צו וואָס האָט מען געדאַרפט עדות. ס׳איז דאָך געווען געבנוג זיי זאָלן זאָגן. האָבן זיי זיך דווקא איינגעשפּאַרט, אז זיי דאַרפן האָבן אַן עדות און פאַרנומען מיין בעסטן פריינט, איינעם גלומאַץ. א פויער פון דאָרף מיט איין און איינציק זינדל וועלכן ער האָט אין צייכן פון אונדזער פריינטשאַפט א נאָמען געגעבן יאָקא. ווי אזוי מען האָט אים געפּייניקט האָט קיין זין ניט צו דערציילן ווייל מ׳קאָן ניט. ס׳איז פשוט ניט מעגלעך. ווערטער קאָנען נאָר זאָגן דאָס וואָס מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן. אים אָבער האָט מען געפּייניקט אויף אַן אופן וואָס דער שכל הישר שטעלט זיך ניט פאָר. און אז ס׳האָט ניט געהאָלפן האָט מען געבראַכט דאָס יינגעלע, און...

שטיי איך נעבן געבראָכענעם צלם און שעם זיך מיט מיין א פּלפּול וועגן „ליגן" און „רוען". דאָס קינד רוט א מנוחה נכונה. אפשר די אמת־דיקסטע.

...ווען איך בין צוריק געקומען פון שפאציר האט אויף מיר גע־ווארט דראגאמיר אויפן גאנעק און אויף דעם טישל א פלעשל „פאלינקע" מיט צוויי גלעזער.

— טרינק אביסל בראנפן. ווען עס קומען מיר די טרערן אין די אויגן זאגט ער מיט א טרויעריקן שמייכל, דריי מאל געקאכט. שטארקער בראנפן. און נאך א צייט: פון דיין גדליהן האב איך באמת ניט געהערט. א שאד. אבער יעפעס א קעניגן שיינט מיר אן „אילומינירטע", ווי איר רופט זיי, זאל געווען זאגן אז ניט גלויביקע אדער אפיקורסים זענען אונטערטאניגע פונקט אזוי ווי די גלויביקע... וואס זשע טויג מיר גדליה.

— כ'ווייס ניט צי ס'איז דאס זעלבע.

— קינד, זאגט ער, איך ווייס דען יא? נו, און אז איך ווייס ניט איז מיר דען בעסער?

— מעגלעך אז ס'קאן אנדערש ניט זיין, פעטער.

— קינד, קינד, א גאסט מוז מען מוחל זיין א נארישקייט, און דער קוק זייגער איז א צו קלוגער, מוז אויך איך אים מוחל זיין זיין קלוגשאפט.

— ווי אזוי איז עס געשען פעטער דראגאמיר?

— מעגסט שוין זאגן נאר פעטער. איך בין א פויער. כ'ווייס ניט צי דו קענסט דיר פארשטעלן דאס געפיל פון א פויער ווען ער שניידט דעם ווייץ, דעם קוקורוז, די טרויבן. ס'זענען פאראן אזעלכע וואס מיינען אז ס'איז א ווילד פרימיטיוו באזיצעריש געפיל, א זשמעניע גאלדענע זאמען וואס באפרידיקן פויערישע גיריקייט. אנדערע, אפיטרופסיש־גוטווייליקע האלטן אז ס'איז די נאטירלעכע פרייד פון מענטשן וועלכער קלויבט די פרוכטן פון זיין אייגענער ארבעט. איז עס אבער ניט אינגאנצן אזוי. פאלג מיך, קינד, ווי יעדער מענטש, צי אפשר נאך מער, וויל אויך דער פויער זיין א פון גאט באשאפענער. די זאמען ווארעמען און בריען די פארהארטעוועטע הויט זייגע, דערפאר זיפט ער זיי פון איין דלאניע אין דער צווייטער. צען מאל אין יאר לעבט ער איבער דעם אייביקן זריעה און לקיטה וווגדער. יעדער זאמען איז א באשעפעניש, א סודותפול דער־שיטערנדיק באשעפעניש, א טייל פון זיין אייגענער* געטלעכקייט. נאך דעם וואשט ער די פיס און טרעט די טרויבן, ווארפט די זאמען צווישן שטיינער. רינט גרוילעך מעל, און א טריב פליסיקייט. לייטערט ער דאס פליסיקייט עס זאל ווערן ווייַן און זיפט דאס מעל ס'זאל ווערן ווייס, ווייסער פון שניי, צוערשט ווארפט ער זיי אבער צווישן די שטיינער כאטש ער ווייסט אז זיי וועלן זיי צעשמעטערן, צעדרויבלען. זענען מיר

אפנים אזעלכע זאַמען. אויסגעפאַלן דער גורל צו זיין א גרענעץ־דאָרף. געוווסט אז פון ביידע זייטן גרענעץ זענען מענטשן מיט ענלעכע שטרעבונגען. געדאַכט האָט זיך אז דאָ קאָן קיין מאָל צו קיין מחלוקת ניט קומען. האָבן זיך די שטיינער אָנגעהויבן דרייען...

— אָבער ווי אזוי איז עס דאָך געשען?

— ניטאָ וועמען צו פרעגן, ניטאָ ווער ס׳זאָל ענטפערן. ס׳זעט אויס א מיאוסער חלום, א נעפלדיקע געשיכטע, א פאַלשע לאָטעריע, אָן אן אָנהויב און אָן א סוף. עמעצער האָט געזאָגט, פון ערגעץ איז געקומען א באַפעל, מ׳קאָן זיך אפילו ניט דערמאָנען וויאזוי די דורכפירער האָבן אויסגעזען. לעדערנע מאַנטלען, ציווילע קעפּקעס, קוילנוואַרפער, קינדער און פרויען געשריי, פאַרבלוטיקטע מענער, מעריקענדיקע טשערעדעס, געווילדעווע פיערד טראָגן אלץ אין דער פינצטערער נאַכט. דאָס איבריקע איז געשיכטע. מן הסתם וועט זיך עמעצער געפינען זי אָנשרייבן. אָדער אפשר איז גענוג דאָס ביז איצט געשריבענע: אין די פופציקער יאָרן זענען געשען אייניקע הגזמות.

„הגזמות", האָט ער איבערגעחזרט א פאַרוואונדערטער פון וואָרט וואָס איז אַרויסגעשווימען פון ווער ווייסט וועלכע טיפענישן. ס׳האָט אויסגעזען ווי אן אלטע מטבע, האָט ער זי באַטראַכט פון אלע זייטן און צוגעגעבן: כ׳וועל עלטער, דערמאָן איך זיך ווערטער פון די קינדער־יאָרן. כ׳וואָלט נאָר וועלן פאַרשטיין צי איז עס, ווייל אזוי איז אויף דער עלטער, צי אפשר ווייל א פופציק יעריקער געדאַנק צו זיין ניט מער ווי א מענטש האָט זיך אַרויסגעוויזן א נאַרישקייט, אָדער א פעלער... זאָג נאָר קינד, ווי געפעלט דיר דאָס שכנותדיקע דאָרף?

— א גרויס דאָרף. כ׳פאַרשטיי אז ער וויל דעם שמועס פאַרענדיקן.

— גיי זיך מאָרגן אדורך א קוק טון. איך וואַרט אויף געסט, וועלכע ווילן מיר איינרעדן אז וואָס איך האָב איז צו ווייניק, אז כ׳דאַרף מער. זיי קאָנען ניט פאַרשטיין אז ביי מיינע יאָרן איז מיר גענוג. א נאַרישער שמועס וואַרט אויף מיר וויל איך אים דיר ניט אָנהענגען. גיי מאָרגן אויף א וויזיט צו די שכנים.

...צוויי וועגן פירן אין שכנותדיקן דאָרף, איינער א שמאָלער וואָס לויפט איבערן בערגל און א צווייטער א ברייטער שליאַך וואָס זוימט דעם באַרג־ראַנד. אויף דעם שליאַך פאָרן מיט שטרוי אָדער קוקורוז איבערגעלאָדענע וואָגנס אויף וועלכע עס שאָקלט זיך א האַלב־שלאָפנדיקער

פויער אָדער א זינגענדיק מיידל. גיין מיט דעם סטעזשקעלע איז מיר אויסגעקומען ניט זייער באקוועם, מ׳קומט זיך אויס אן אויסגעשטעלטער פאר אלע בליקן, מיט דעם שליאך ווידער ריזיקירט מען זיך אָנעסן מיט שטויב. כ׳האָב זיך געלאָזט מיטן שליאך און צום גליק אפילו קיין פון אָקסן געשלעפטן וואָגן ניט באגעגנט. אין אומענדלעכקייט פון פעלדער האָט זיך געבענקט נאָך א יונג קול, האָט עס אָבער לאנג ניט געדויערט ווייל דער וועג איז ניט אזא לאנגער ווי ער האָט זיך מיר געדאכט. ווייניקער פון א שעה. דאָרט ווי דער שליאך פארקערעוועט, וואקסט אויס דאָס ערשטע הויז. און כאָטש דעם גאנצן וועג בין איך געווען אליין, איינזאם, פון קיינעם ניט באגלייט, האָב איך געפילט אז די אויגן וואָס פון יענער זייט פלויטן וואַרטן שוין זייט א לענגערער צייט, זען ווער איז דער פרעמדער. א לאנגע פוסטע גאס באוואכט פון הינטער פלויטן לויערנדיקע נייגעריקע בליקן. ווייזט אויס אז מיין אויסזען האָט דערמאָנט אָפיציעלע פארשוינען. פלוציעם איז פאר מיר אויסגעוואקסן א הויכער דייטש־געקליידטער עלטערער מאן. כ׳האָב א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און א מורמל געטאָן „העלף גאָט”. דער העלף גאָט האָט זיך ביי מיר ארויסגעכאפט ניטווילנדיק. אזוי פלעגט מען זיך באגריסן מיט יאָרן צוריק אין די דערפער פון וועלכע איך שטאם. כ׳בין שוין דאָרט ניט געווען א יאָר דרייסיק, כאָטש אזוי האָט גובר געווען א מיט טויזנט שטויבן פארפראָשעטער זכרון. דער אלטער האָט א שמייכל געטאָן ווי איינער רעדט „א פרעמדער איז אינטערעסאנטער” און שטיין געבליבן. האָב איך זיך אויך אָפּגעשטעלט. ער איז סיי ווי געווען דער איינציקער מיט וועלכן מ׳האָט געקאָנט א שמועס טון.

— העלף גאָט, האָט ער געענטפערט, פון ווייטע געגנטן ווייזט אויס.

— ניט זייער באָענטע.

— צו גאסט ביי דראגאָמירן?

— אויף א פּאָר טעג אין דער געגנט, ווין איך ביי „מאָש דראגאָמירן”.

— דו רופסט אים אויך מאָש דראגאָמיר? פרעגט ער מיט א לייכטער איראָניע.

— כ׳האלט עס פאר א כבוד.

— אהא, מאכט ער, גלייך ער וואָלט אנטדעקט עפּעס נייעס. אויב אזוי איז זאָלן מיר מאכן קאנטשאפט. מיך רופט מען מאזור, זאָגט ער און שטרעקט אויס די האנט.

— זייער אָנגענעם, האָב איך געענטפערט, האָט ער מיר געקלינגען אביסל צו שטאָטיש אזוי אז כ'האָב זיך געאײַלט צוצוגעבן מײַן נאָמען.

— א קוק טאָן, זיך א טובל טאָן אין דאָרפישן לעבן, זיך פאָרשטעלן אז אלץ תופס געווען.

— ניין, זיך אביסל אויסרוען.

— נו, יאָ, די שטאָט מאכט מיד, אָדער אפשר איז אויך די מידקייט א מין מאָדע. בײַ אונדז האָט מען פון מידקייט ניט געוווסט. אָט, קוק אָן מיך... אָבער אײַגנטלעך ווייסטו אפילו ניט, ווער איך בין. מאזורן קען דאָס דאָרף און די געגנט. ניט שטענדיק געאָטעמט ריינע לופט און אויך ניט שטענדיק אויסגעשטעלט דאָס פנים דעם פרישן ווינטל. געהאָרעוועט און זיך דערשלאָגן. דערפאר בין איך געווען און אויך געבליבן אײַערער א קעגנער. אן אָנהענגער פון אלטן לעבנסשטייגער. געזאָגט האָט מען אז איך בין א קיאבור אָדער ווי אין אנדערע לענדער א קולאק. און דאָס באר דערפאר וואָס כ'האָב ניט געקאָנט און ניט געוואָלט זיך דערנידערריקן צו אלע סאָרטן ארבעטן. כאָטש איך בין א פויער, בין איך קיין מאָל ניט געגאנגען מיט די אקער־הערנער אין די הענט. דאָס איז ניט קיין ארבעט פאר א מענטשן וואָס האָט ליב דעם הימל. ס'זענען דאָ גענוג אזעלכע וואָס זאָלן גיין מיט א געבויגענעם קאָפּ. מער זענען זיי ניט ווערט, כ'בין שטענדיק געווען אן אָנהענגער פון קאָמוניסטיש פײַנטלעכע פארטײַען דערפאר בין איך אָפּגעזעסן א צײַט אין תפיסה. קיין טענות האָב איך ניט. אזוי איז דאָס לעבן. אזוי איז דאָס שפּיל. הײַנט ווייס איך ניט צי בין איך אײַער פײַנט, אָבער קיין פרײַנט זיכער ניט. איצט אז דו ווייסט דאָס וויכטיקסטע, קאָן מען רעדן.

— אויב ניט געאקערט, פרעג איך, אין וואָס־זשע איז באשטאנען דײַן האָרעווען?

— די ערד־ארבעט איז א פילזײַטיקע, ענטפערט ער מיט איבערלעגנהייט. ס'איז דיר אפשר אויסגעקומען זען ווי מען שנײַדט דעם ווייץ. ניט מיטן סערפּ, קנייענדיק. ניין! דאָס איז אויך ניט פאר מענטשלעכער ווירדע. מיט דער קאָסע שטייענדיק מיט דערהויבנקייט. באהערשן דאָס קופּערנע פעלד, שנײַדן מיט ברייט צעפירטע אָרעמס, מיט פארנעם, מאיעסטעטיש ווי עס פאסט א מענטשן.

— מעגלעך, זאָג איך. ס'איז מיר אויסגעקומען צו זען באטראכטעס שנײַדן תבואה אויף פריצישע פעלדער, איז עס באמת געווען אײַנדרוקס־

פול. דער ברייטער שפּאַן, פון שווייס גלאַנצנדיקע געזיכטער, פעסטע בויגעוודיקע אָרעמס, אַ פּראַכט און פשוטע באַטראַקעס.

— אין יענעם מאָמענט, זאָגט ער, זענען זיי קיין באַטראַקעס ניט געווען.

— אויך זיי קענען זיין מאַיעסטעטיש?

— ס'איז דער איינציקער פאַל אין וועלכן איך באַטראַכט זיי, זאָגט ער, אַלס מענטשן און דערפאַר אפשר איז מיין פאַראַכטונג צו זיי געווען אַ נאָך גרעסערע.

— מערקווירדיק, זאָג איך.

— טאַקע דערפאַר מיין איך, אַז זיך נאָר אַ טובל טון אין דאָרפּישן לעבן איז ניט גענוג. איז זיי מיר געזונט. מיט מיר וועסטו צו קיין ענדע ניט קומען. ער האָט זיך געלאָזט גיין, זיך אומגעקערט, געשטאַנען אַ רגע אַ שווייגנדיקער. ווייסטו גאָר וואָס, גיב איבער דראַגאָמירן אַ גרוס. ביי מיינע יאָרן איז ער פאַר מיר ניט קיין „מאַש" כאָטש אַ באַזונדער באַשעפעניש איז ער דאָך.

— וועמען האָסטו באַגעגנט אין לאַנג־בערעשטי? האָט מיך אויפגענומען אין טויער דראַגאָמיר.

— פאַרוואָס לאַנג בערעשטי, האָב איך זיך געוווּנדערט.

— אַזאַ צייט דאָ און ווייסט נאָך ניט? ס'איז איין דאָרף. אונדזער טייל איז בערעשטי און יענער וואָס אויף דער אַנדערער זייט באַרג, לאַנג בערעשטי. וועמען האָסטו באַגעגנט?

— איינעם מאַזור,

— אַהאַ! דאָך! כ'האָב מיר פאַרגעשטעלט. דער „פּרינץ" האָט ליב אַ שמועס טאָן.

— כ'זאָל דיר איבערגעבן אַ גרוס און זאָגן אַז גאָטס קינדער לעבן אין הימל אָדער אויף אַ צלם.

— ניט אינגאַנצן אומגערעכט דער פּרינץ. קיין נאַר איז ער ניט. אפשר אַביסעלע פון זין.

דעם צווייטן טאָג בין איך אַוועקגעפאָרן. דער אַלטער האָט מיך באַגלייט. ביים געזעגענען זאָגט ער: גרוס יאָקאָן, שווייגט אַ רגע און פאַר דעם אומקערן זיך פון וועג גיט ער אַ לייכטן קרעכץ: היי, יאָקאָ,

יאָקא. דאָס האָט ער ניט מיר געזאָגט, נאָר זיך אליין. ער האָט ווידער אָנגעהויבן דעם אייביקן שמועס מיטן זון.

— וואָס קלאָגסטו זיך?

— האָסט א טעות קינד, איך קלאָג מיך ניט. ער איז דער איינציקער וועלכער פארשטייט עפּעס פון דעם וואָס איך קאָן ניט ארויסרעדן. וואָס האָט געזאָגט מאַזור? אין הימל? אפשר. לעצטנס כאַפּ איך א קוק אין דער ביבל. געפונען אן אלט חומשל. ס'לייענט זיך שווער, נאָר מיט דער ענגלישער איבערזעצונג קום איך אויס. מערקווירדיק. גאָט רעדט אָדער צו אויסדערוויילטע אָדער צו קינדער, אָבער „אל משה" אָדער „אל בני". מערקווירדיק. כ'האָב דאָס באמערקט ערשט נאָך עטלעכע און זיבעציק יאָר.

— און ווען דו זאָלסט דאָס געווען אנטדעקן פריער, מאַש דראַגאָמיר?

— א קלייניקייט, א גאָרנישטל קאָן בייטן דעם מענטשנס וועג.

— ס'טוט דיר באנג?

— חס וחלילה. אפילו וואָס איך בין שוין אזוי אלט טוט מיר אויך ניט באנג. צו דעם העלפן די ווײַנשטאָקן און די פּאָר פארגעלטע קוקורוזן. זיי געזונט קינד.

נאָכמאָל האָט ער ניט געהייסן איבערגעבן א גרוס. פארוואָס ווייס איך ניט. ס'זאָל זיך אים געווען דאכטן אז כ'בין ניט אומשטאנד צו דערטראָגן, צי אז כ'בין ניט אומשטאנד אים איבערצוגעבן א פונקטלעכן מיט זיין גאנצן אינהאלט?

שעפּטשען מיינע ליפּן א געבעט, ווייס איך ניט וועמען זיי מיינען. מאַש דראַגאָמירן, יאָקאָן צי גאָר מיך.

# לוצע

שוין א וואָך אז ס׳פאלט דער שניי. אָנגעהויבן האָט עס מיט א קאלטן ווינט וועלכער האָט אָנגעבראכט א רעגן מיט א שניי. דערנאָך האָט דער רעגן פאמעלעך אָפגעטרעטן דאָס פלאץ א דריבנעם שניי וועלכן דער ווינט האָט מער צעבלאָזן ווי אויסגעשפרייט איבער דער מוטערל ערד. זייט צוויי טעג פאלן גרויסע פוכקע שנייפעדערן האָבן זיי צוגעדעקט מיט א גראָבער ווייסער קאָלדרע הייזער,ביימער און וועגן. אזוי אז דאָס קוראָרט זעט אויס ווי א הקדמה צו א קינדער־מעשהלע.

ווייל ס׳איז ווינטער איז דאָס רוב פון די וואָס געפינען זיך דאָ סעזאָנארבעטער, מענטשן וועלכע זענען מער פארנומען פרילינג, זומער און הארבסט. דאָס קוראָרט האָט עטלעכע פילשטאָקיקע געביידעס און א גרויסע צאָל ווילעס געבליבענע פון יענע צייטן, ווען די העכערע קלאסן פלעגן דאָ פארברענגען א פאָר חדשים זומער, אנטלויפן אהער פון שטאָט אין דער צייט פון די גרויסע היצן און א פאָר חדשים ווינטער, כדי מען זאָל ניט פארגעסן אז זיי זענען ווער זיי זענען.

זענען זיי אָבער ווייזט אויס געווען אמיינסטן אויפגעקומענע גבירים, אזוי אז די ווילעס טראָגן דעם חותם פון א הדיוט־שעלה־לגדולה. שווערע הייזער געבויטע פון שטיינער, די אויסנווענט עטוואָס צו באלאָדענע, די אינעווייניקסטע באקוועמלעכקייט א צו שרייענדיקע. היינט זענען די פאוויליאָנען און די ווילעס פולע מיט האָרעפאשנע מענטשן וועלכע קומען זיך אויסרוען נאָך א יאָר שווערער ארבעט און אזעלכע וואָס דארפן די וואסערן און בעדער מיט וועלכע די נאטור האָט באשענקט די געגנט מיט געטלעכער גרויסמוטיקייט. מיר קומט אויס צו זיין אין איינער פון די ווילעס וואָס האָט א מער אָדער ווייניקער ספע־

ציעלן כאראקטער. דאָ האָבן צוטריט מענטשן וועמענס מידקייט און אויסגעשעפּטקייט שטאַמען פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, די „אַלטע גוואַרדיע".

א צייט האָט זיך מיר געוואָלט אויסגעפינען דעם שורש, דער־גרינטעווען די אָפּשטאַמונג פון באַגריף, דערגיין, ווען ס'איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן אַן אויסדערוויילטער גוואַרדיע. נאָך פיל פאָרשונגען אין אַלטע און עלטערע שריפטן בין איך געקומען צו דער מסקנה אַז די ערשטע קלאָרע, אויב ניט פאָרמולירונג איז כאָטש אָנ־דייטונג, געפינט זיך אין קאָראַן. סוף ערשטן פערטל פון זיבעטן יאָרהונ־דערט, נאָך דער גרויסער באַדר שלאַכט, אין וועלכער מאַכאָמעד האָט באַזיגט די קאַראַאישיטן, איז אויפגעלויכטן אַזאַ געדאַנק. דעמלט האָט ער געזאָגט וועגן די וועלכע האָבן זיך געוואָרפן מיט ניט גלייכע כּוחות און דעם גרויסן צוזאַמענשטויס: דאָס זענען די אמתע גלויביקע, פאַר זיי האָט גאָט צוגעגרייט דאָס נאָענטסטע פּלאַץ נעבן זיך, זיי וועט ער שענ־קען רחמים און סליחה, זיי וועלן געניסן גאָטס גרויסמוטיקייט. נאָך דעם האָט מען דעם געדאַנק פאַרגעסן. דער באַגריף איז פאַרלוירן געגאַנגען פון זכרון. זיין ווידערגעבורט געפינען מיר ביי דעם אָנהויב פון דער מאָדערנער געשיכטע. צוערשט איז דער גוואַרדיעס גורל געווען אַ וואַקל־דיקער צווישן כבוד און גילאָטינע דערנאָך מער גילאָטינע ווי כבוד און אין די לעצטע יאָרן פאַרקערט. דער באַגריף איז היינט אָנגענומען אויף גאַנצע קאָנטינענטן ווייל נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך די לאַגע שנעל און גרינטלעך געענדערט. אין אַ גרויסער צאָל לענדער איז פאַראַן אַן אַלטע גוואַרדיע, אַ שיכט מענטשן וועמענס מידקייט און אויסגעשעפּטקייט ווערן געשעצט פון פאָלק.

די ווילע אין וועלכער איך געפין זיך — אַ באַשטימטע פאַר אָט דעם סאָרט מענטשן — האָט אַ גרויסן זאַל מיט נידעריקע ווייך געבעטעטע שטילן אַרום קיילעכדיקע טישלעך — זעט אויס דער זאַל העכער און די פענצטער ברייטער. געבויט אויף אַ בערגל זעט מען פון דאַנען כמעט דאָס גאַנצע קוראָרט. איינגעהילט אין שניי און שטילקייט דאַכט זיך אַז מען האָט פאַר זיך אַ יאָרהונדערטער אַלט ריזנבילד.

אין זאַל זיצן ניט מער ווי צוויי „פּאַציענטן", לוצע און איך, די איבעריקע רוען אין זייערע צימערן נאָך דער קור: זאַלצבעדער, מאַסאַזשן,

גימנאסטיק, באשטראלונגען, פאקונגען אין פארשידענע שלאמען און פאראפין, גאלוואנישע בעדער. נאָר איך און לוצע, צוויי אפיקורסים, וואָס גלויבן ניט זייער אין די אלע פראָצעדורן, זיצן און קוקן ווי עס פאלט דער שניי. לוצעס קור באשטייט מער פון שפאציר־גענג. איצט שפאַצירט ער נאָר מיט די אויגן, דער שניי איז צו טיף. ער איז א שווייגנדיקער. געווען א צייט, תיכף נאָך דער מלחמה ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע ענדערונגען און איבערקערענישן, איינער פון די וואָס האָבן זיך באטייליקט מיט לייב און לעבן אין ליקווידירן די אלטע געזעלשאפטלעכע אָרדנונג. געווען אלץ ביי אזעלכע ארבעטן וואָס פאָדערן מוט, איבערגעגעבנקייט און צומאָל אומברחמנותקייט, זיך ניט פארטשעפען אין קליינעקייטן. איצט זיצט ער א שווייגנדיקער און קוקט ווי דער שניי פאלט.

אין צוויי שעה ארום וועלן זיך א לאָז טון אין דעם זעלבן זאל די פאציענטן איינציקווייז, פאָרלעכווייז אָדער אין גרופן פון דריי צי פיר אָפהענגיק פון דעם, וויפל זיי זענען אין צימער. זיי וועלן טרינקען פארשידענע וואסערן וועגן מאָגנקראנקהייטן, וועגן נירנקראנקהייטן און וועלן זיך לאנגזאם באוועגן לענגאויס דעם זאל, ווייל דער דאָקטער זאָגט אז אזוי דארף מען, אזוי ווירקן זיי בעסער. און ווייל דאָס באוועגן זיך איז א מעדיציניש געבאָט, ווערט עס אויסזען יראת־שמימדיק. ביי די עלטערע מער, ביי די יונגערע ווייניקער, אזוי בערך א האלבע שעה ביז די געדאנקען וועלן פארלאָזן די וואסערן און זיך מער פארנעמען מיט דעם מיטאָג וואָס דערנענטערט זיך. די וואָס באהערשען זיך שווערער — דאָס וואָס הייסט ניט אז זיי זענען פרעסערס, כאָטש עס זענען פאראן אויך אזעלכע וועלן זיך זאמלען נעבן דער טיר וואָס פירט אין עס־צימער, כדי זיי זאָלן זיין די ערשטע וועלכע באזעצן די פלעצער ארום די טישן. און ביז מען וועט ברענגען דעם מיטאָג, וועלן זיי פארזיכן פון געזייערטס אָדער פון די געקאָכטע רויטע בערעקעס, וועלכע זענען שוין געשטעלט צום טיש, כאָטש זיי געהערן צו דער פלייש־גארניטור. אָפגעגעסן דעם מיטאָג וועלן זיי זיך ווידער א לאָז טון אין די צימערן, דאָסמאָל וועגן דער פון דאָקטער פאָרגעשריבענער „סיעסטא״.

א שעה צוויי נאָך דער סיעסטא און נאָך דער וועטשערע וועלן זיי נאָך אמאָל אראָפּקומען אין זאל, שפילן דאָמינאָ, קאנאסטרא אָדער פשוט זיצן ארום א טישל און דערציילן וועגן אלטע און נייע געשעענישן, מאכן פאָליטיק אָדער גלאט פלאפלען. עס קומט אויס צומאָל מערקווירדיק דאָס

זאמלען זיך לויט נאציאָנאַליטעטן, לויט אלטער כמעט פארגעסענער קרובהשאפט, וועלכע האָט לאנגע יאָרן ניט באַרירט זייערע געדאנקען, זייערע געפילן. פארקערט. האָט זיך אמאָל באַוויזן א זאַמען פון אזעלכע געדאנקען, פלעגן זיי אים צעדרויבלען מיט אכזריות. אָן אכזריות קעגן זיך אליין, קעגן אייגענער מענטשלעכער שוואכקייט וואָס איז שטענדיק ווערט געווען א שבח. אין די שעהן איז לוצע דער איינציקער וואָס שפּאַ־צירט איבערן זאַל. ווערט ער מיד, דערנענטערט ער זיך צו איינעם פון די טישלעך, הערט זיך א ווײַלע צו צו די דערציילונגען וועלכע זינדיקן מייסטנס קעגן **אמת**, ווײַל די דערציילער האָבן זיך אמאָל אזוי צוזאַמענ־געגאָסן מיט דער **געשיכטע**, אז היינט איז זיי שווער צו אונטערשיידן די אייגענע איבערלעבענישן פון **פרעמדע**.

אין אזעלכע פאלן שטייט ער א לענגערע צייט און שמייכלט גוט־מוטיק, מיט א געוויסער פארשטענדעניש פאר מענטשלעכער שוואכקייט זיך אויסצופוצן, זאָל זיין אפילו מיט ניט זייער ווערטפולער צירונג. לאנג בלייבט ער ניט, רעדן רעדט ער ניט, ער שטייט א פּאָר מינוט, פארלאָזט אומבאמערקט די „געזעלשאפט" און שפּאַצירט פארלאנגזאַמענדיק די טריט נעבן א טישל וו עס דאכט זיך אים אז די שאך־פּאַרטיע איז אָן אינטערע־סאנטע. זיין האלטונג ווונדערט ניט, דאָס אויסמיידן מענטשן ווארפט אים קיינער ניט פאָר, נאָר דערנענטערן זיך צו אים פּרוווט מען ניט. ס'איז ניט מחמת בייזוויליקייט אָדער רוגז, גיכער איז עס אן אויסדרוק פון כבוד. ער האָט זיינס געטאָן, איצט איז ער אויסגעשעפּט, מיד, איז אים בעסער לאָזן זיך אָפּרוען אזוי ווי אים געפעלט.

איצט זיצן נאָר מיר ביידע אין זאַל. ער קוקט ווי עס פאלט דער שניי און איך זייטיק אויף אים. אין א געוויסן מאָמענט האָט זיך מיר גע־וואָלט א רוף טאָן: חיים־זלמן, זען ווי ער וועט רעאגירן אויף דעם נאָמען מיט וועלכן מען האָט אים אמאָל אויפגערופן צו דער הפטורה. איז עס מיר אויסגעקומען יינגליש. נאָך דעם האָט מיך אָנגעהויבן מוטשען דער געדאנק: וואָס קוקט ער אזוי פארטיפט? וועגן וואָס טראכט ער? איז מיר עפּעס אנדערש ניט איינגעפאלן ווי נאָר אז ער זעט זאוורוכעס אין די בערג, ווי ער יאָגט זיך נאָך די באנדעס, וועלכע האָבן זיך באַ־וויזן נאָך דער מלחמה, זעט פון בלוט געפארבטן שניי, שווידערלעכע צוזאַמענשטויסן, אָדער ענלעכע געשעענישן וועלכע האָבן געפאָדערט מסירת נפש, העלדישקייט וואָס וואקסט פון מורא, זאָרג און ווייטיק. אָדער די זעלבע בילדער פארגעלטע פון צייט, אָפּגעבליאקעוועטע, און

ער וואונדערט זיך, ער קאָן ניט פארשטיין וויאזוי ס'איז מעגלעך אז בלוט וואָס וואָלט געדארפט בלייבן שטענדיק רויט און דערשיטערנדיק זאָל זיך פארוואנדלען אין א געלבלעך אָפּגעבליאקעוועטן כמעט טויטן פלעק.

— זאָג נאָר, וואָס טראכטסטו?

זיין פראגע קומט אזוי אומדערווארט אז ס'איז מיר שווער צו גע־פינען אן ענטפער.

— כ'האָב ערגעץ געלייענט אין א בוך אז אויף אזא שאלה איז אוממעגלעך צו ענטפערן. ווען מ'זיצט אזוי און מען קוקט אויף דער ארומיקער נאטור, פליען די געדאנקען אָן א שום אָרדנונג. האָב איך גע־ליגנערט, ווייל פארראָטן מיינע פאָרשטעלונגען וועגן זיינע געדאנקען איז מיר אויסגעקומען אומגעלומפּערט.

— כ'האָב, זאָגט ער, די מיינונג געהערט. אין געוויסע באדינ־גונגען איז עס אמת. אָבער ניט אין דיין פאַל. דו ווילסט טרעפן, וווהין עס פירן מיך מיינע געדאנקען. דיין זייטיקער קוק האָט דיך פאר־ראָטן. האָב איך בדעה צו באפרידיקן דיין נייגעריגקייט און דאָס נאָר דערפאר ווייל מיר וויל זיך מיט עמעצן טיילן די געדאנקען און דו ביסט אזא שוטה אז ס'וועט דיר קיין מאָל ניט איינפאלן אין וואָס זיי באשטייען.

שטעל דיר פאָר אז כ'האָב זיך דערמאנט מיט וויפל קנאה כ'פלעג קוקן אין אזא צייט דורכן פענצטער צום פריצישן הויף. מיין טאטע איז געווען אן ארענדאר, דאָס האָט געהייסן, האָט דאָס געהייסט צו טון מיט ארענדע, גאָרניט ניט מער ווי א דאָרפסייד וועלכער האָט געזוכט פרנסה, געהאנדלט מיט צוויי זעק תבואה אָדער א פּאָר זעק קארטאָפל, ווייל ער איז צום גרויסן באדויערן געווען א קבצן. קבצנישקייט איז קיין בושה ניט, אָבער קיין גרויסע גדולה איז זי אויך ניט. אז ס'פלעג אויספאלן א שניי, פלעגן צוויי באטראקעס ברענגען דעם שליטן פאר די טרעפּ, יעדער פון זיי האלטנדיק ביים צוים איינס פון די איינגעשפּאנטע פערד, ברענענדיקע שווארצע אָגערס, דער פריץ פלעגט ארויסקומען פון שטוב אָנגעטון אין א פעלץ מיט א הויכן קאָלנער, אראָפּגיין די טרעפּ, זיך ארייננזעצן אין שליטן, אנדערע צוויי באטראקעס פלעגן אים איינהילן די פיס מיט א האָריקער וואָלענער דעק, ער פלעגט נעמען די לייצעס אין די הענט, די באטראקעס פלעגן א שפרינג טאָן אין א זייט און ער פלעג אויס שרייען: א, דיע! איז עס געווען געגנוג אז דער שליטן זאָל זיך א לאָז טון

איבער דעם פוליקען שניי, אז עס פלעגט מיך אזש פארקלעמען ביים הארץ פאר קנאה. איז אָט זיך איך כמעט א גאנצן אינדערפרי און טראכט וועגן דעם, אז אין די יונגע יאָרן האָט מען מיך ניט געציילט צווישן די נאראָנים פון דער חברה. ס׳וואָלט געווען א פאלשע באשיידנקייט ווען כ׳זאָל דיר זאָגן, אז איך בין ניט געווען מיט זיי איינשטימיק. פארקערט, איך האָב זיך געהאלטן פאר א שטיקל חכם.

וועלכער־זשע איז געווען מיין אויספיר ווען כ׳פלעג זיך דערמאָנען אין שליטן און אין די פערד און ווי זיי פלעגן ממש פליען איבער דעם ווייסן שניי? א גאנץ פשוטער: מ׳דארף דאָס אָפּשאפן אז ס׳זאָל קיין שריד־ ופליט ניט בלייבן. ענדלעך איז עס אונדז געלונגען, אויס פריצים, אויס בורזשויעס, אויס באטראקעס. אייניקע זאָגן גרויסע ווערטער, איך ווייס אָבער אז כ׳האָב אין דעם מיין חלק, אז כ׳האָב מיין אָנטייל אין דער גאנצער געשיכטע. קומט אָט דער שניי, אָט די פראכט, ברענען זאָל זי, און פארדרייט מיר אלע געדאנקען, דרייט מיר איבער דעם מוח. אויב שוין יאָ אזא חכם, פרעג איך זיך אליין, פארוואָס־זשע האָסטו אזוי געטאָן, אז איצט ביי אכט און פופציק יאָר זאָלסטו דיר ניט קאָנען באפרידיקן אזא פשוטן ווונטש. מיט דיין חכמה וואָלט דיר מן הסתם געווען געלונגען צו האָבן וויפל יענער, געפינען א שליטן מיט א פאָר פערד, אפשר ניט אזעלכע גלאנציקע און ברענענדיקע ווי יענער, אָבער ווי ניט ווי א פאָר פערד, ווייל שטעלסט דיר קוים פאָר, ווי עס וויל זיך מיר איצט א יאָג טאָן מיט א שליטן איבער דעם וווּנדערבארן שניי, אָדער גאָר שוועבן לאנגזאם־ קוים באריִרנדיק די לייצעס, פילן ווי יעדעס שניישטערנדל שמעלצט, צע־ גייט זיך אויף מיין ברענענדיק פנים...

—דערצו האָסטו ניט געטראכט, האַ? די פערד זענען דאכט זיך מיר אלע ניט אומגעקומען פון קיין עפידעמיע, שליטנס זענען מן הסתם אויך פאראן, און אויב כ׳האָב קיין טעות ניט, שטייען ניט אלע פערד אין שטאלן און אלע שליטנס אין שופנס. און מיר דאכט זיך נאָך דערצו אז עס זענען פאראן חכמים וואָס פאָרן אויך איצט מיט זיי....

— כ׳פארשטיי דיין ווונטש, זאָג איך כמעט שעפּטשענדיק, אָבער דער אויספיר קומט מיר אויס אביסעלע משונהדיק, עפּעס א ניט גאנץ כשרער.

וואָס־זשע, פרעגט ער, דו ביסט דער בוהושער רבי? און זיין געלעכטער פולט אויס דעם זאל אז עס דאכט זיך מיר באלד וועלן פלאצן די שויבן. כ׳בין צו דיר געקומען מיט א שאלה אָדער מיט א קוויטל?

הייסט עס ווידער א טעות געהאט, געוואָלט כאַטש איין מינוט מיינען אז ביסט א שטיקל מענטש. פארשטייסט, א שטיקל מענטש, צום סוף ביסטו גאָר א בר־מנן.

מיר זענען נאָך געבליבן אויף דעם קוראָרט כמעט צוויי וואָכן. כ׳האָב א פּאָר מאָל געפּרווּווט מיט אים רעדן, אים באַגריסן, זאָגן א גוט מאָרגן אָדער א גוטע נאכט, האָט ער אָבער אוועקגעדרייט דעם קאָפּ, ניט געוואָלט אויף מיר א קוק טאָן ווי איינער רעדט: א שטיק האָלץ, ניטאָ אויף וועמען.

# אינהאלט


פאָרוואָרט ..................................... 5
צו פיל אין איין וואָך ............................ 9
דער לעצטער מופת .............................. 17
אומגעריכטע סאָלידאַרישקייט ......................... 27
א געבויגענע פלייצע ............................ 35
יאנקעלעס גילגולים .............................. 45
פון דער עוד שפּראָצט רעגן ........................ 82
לאָזט דעם צווילינג צו רו ........................ 94
אזוי איז שמואליק ניט געוואָרן קיין למדוואָוניק .... 126
אימפּולסן און קמעות ........................... 159
אוי, יאַקא, יאַקא ............................... 171
לוצע ......................................... 190

ל׳עקטאָר: וואָלף טאמבור
טעכנישער ר׳עדאקטאָר: ל׳עפאָיעוו סטעפאן

---

דרוק פעאיק דעם 74 .4 .26. דערשינען: 1974.
טיראזש: בראָשירט 140+120+150+40 פאפיר
הויכדרוק טיפ A. פאָרמאט 84/108 ג/מג 72.6,
פאולאגס־בויגן 10,46. טיפאָגראפישע־בויגן
A/129522 ,12.75

---

דיער דרוק איז אויסגעפירט לויט דער באשטעל־
לונג נומער 130 אין דער פאָליגראפישער אונ־
טערנעמונג „13טער דיעצעמבער 1918״ גריגאָריע
אלעקסאנדריעסקו־גאס נומ׳ 89—95 בוקארעשט
סאָציאליסטישע רעפובליק רומעניע.

HAIM GOLDENŞTEIN

# PREA MULT ÎNTR-O SINGURĂ SĂPTĂMÎNĂ

Povestiri

*(în limba idiş)*

Editura Kriterion, Bucureşti 1974

2198-5-6